Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 12 • # 24 (553) | Friday Mar 1, '24 • ב"ה • פרייטאג כי תשא, כ"א אדר א' תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעף
InjuryMaxx

העכער אַלע ערוואַרטונגען:
**פרישע הונדערטער 'חברי זהב וכסף'!**
22

'דיום קאַמפּיין' תשפ"ד שאַפט היסטאָריע:
# רוב רובם פון אקטיווע מעמבערס איסגעצאָלט מיט דמי חבר תשפ"ד אין בלויז געציילטע טעג!


26

הֲלֹא הֵמָּה יוֹרוּךְ מוֹרֶיךָ:
## פאַראייניגטע אסיפת הרבנים אפגעהאלטן אין 'בלומינג גראָוו' דורך רבני העיר שליט"א בנוגע וויכטיגע הלכה'דיגע תיקונים אנבאַלאַנגט שטאָטישע 'עירוב רבינו יואל'

אלקים נִצָּב בַּעֲדַת קֵל: הגאונים הצדיקים, רבנים ומורי הוראה היושבים על מדין, באַהאַנדלען בכובד ראש אַ רייע שאלות וואָס זענען לעצטנס אַרויפגעקומען און זענען מדריך די געטרייע עסקני העירוב אויפ'ן אָרט מיט די הלכה'דיגע אָנווייזונגען און הידורים

קרית יואל
חסד
ווינטער קאָמפּיין
"היטשט און געווינט" געווינער
288-3880
זייט 63

טראַפיק און סעיפטי פובליק הירינג אָפּגעהאַלטן דורך ווילעדזש און קרית יואל
24


40

עירוב מאַטעריאַל פאר מהודר'דיגע רמב"ם עירוב אָהם 'שכונת סמיט גאַרדענס' ערוואַרטעט צו אָנקומען אין נאָנטע טעג

עסקני העירוב אינאיינעם מיט הרה"ג ר' יואל קאהן שליט"א מו"ץ בקרית יואל טרייבן אויף סכומים נכבדים צווישן תושבי השכונה למען בניית העירוב



ליינט זייט 69

## ווילעדזש און בלומינג גראָוו פייער דעפּאַרטמענט אין קאָנטראַקט אויף נייע פּאָרגעשריטענע 'ענדזשן פּאַמפּער' פייער טראָק

פייער טראַק געספּאָנסערט דורך אייגענטומער פון נייע גיגאנטישע 'איילענד טיים' מעגאַ סופּערמאַרקעט


40

מארבע כנפות הארץ חברי"ם:
## באַגריסנדע אויסברייטערונג אינערהאַלב 'חברים און אָראַנדזש קאָונטי' מיט 10 פרישע מיטגלידער צו אַקאָמאַדירן וואוקס פון קרית יואל רבתי
32

טייערע אידן אינעם הייליגן שטעטל קרית יואל,
סעיווט יעצט דעם נומער, וועט אייך גוט זיין.
845.622.1111
פאר מער זעט זייט 2.נומ

# קרי
# ב
# מא



מאנסי האט עס שוין, דער עולם איז זיך מחי' און ניצט עס טאג טעגליך אויף א מאסן פארנעם. קרית יואל איז די קומענדיגע אין די רייע אויף צו געניסן פון דעם היסטארישן סוקסעס!


ואל
אגריחט
נסי

הונדערטער
קארס שטייען
גרייט שטענדיג

אפן
פיר-און-צוואנציג
שעה אין טאג

פארשטייען דעם
ציבור, און
גרייט פאר'ן ציבור

24 שעה
לייוו טרעקינג און
קאמערעס

דרייווערס פארמאגן
נישט דעם
קליענטס נומער

24 שעה
אין טאג
קאסטומער סערוויס

אונטערער היימישע
און פארשטענדליכע
מענעדזשמענט

העכסט סאפיסטיקירטע
אויטאמאטישע
באשטעלן סיסטעם

איר קענט
באצאלן מיט
קרעדיט קארדס

פראקטישע און
געשמאקע
אקאונטס סיסטעם

# קרית יואל פארפלייצט מיט די באקאנטע אריוו טעקסי

845.622.1111

רופט, טעקסט
און אויטאמעיט

גרייט צו באדי

א פלאטע פון קארס, מיט אן אפ




# arriv

## בען דעם ציבור | טראסטעד ביים ציבור

פענעם אויער צום ציבור, שטייען גרייט פון דעם מיטוואך פאר תושבי קרית יואל והגלילות


Spectacular
DALTON
אסתר
NEW!
WE NOW OFFER GIFT WRAPPING
MAKE A STATEMENT WITH AN ARTFULLY PRESENTED
MISHLOACH MANOS BY THE FAMOUS B. WEISS.
CHOOSE FROM OUR FULL LINE OF SPECTACULAR GIFTS
PERFECT FOR MECHATUNIM, PARENTS OR SOMEONE SPECIAL.
MONROE | 7 GARFIELD RD. | 845.250.8700 | WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
HRS FOR B. WEISS GIFT WRAPPING UNTIL PURIM: SUN 2-7 MON-WED 4:30-7 THURS 4:30-9
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
admarkny.com


Williamsburg Pediatrics
Dr. Yechiel Zagelbaum
Dr. Michael Tyberg
Aaron Glatzer, PA
Raphael Lebovits, PA
Yitzchok Rosenbaum, PA
501 Route 208
Monroe, NY 10950
845.286.3600
די פלו סעזאן גייט אן בתקפו
וויליאמסבורג פידיעטריקס
שטייט גרייט
אייך צו באדינען
מיט ווארימקייט
און געטריישאפט
ArtractiveNY.com
- Open Motzeh Shabbos -
Walk-in | 0 wait time | Free transportation | 24 hour emergency service

# NEXT STOP: LANDAU'S.

**Long-Awaited News!**

The Blooming Grove Bus now stops at our NEW Landau's Stonegate location.




Schedule FROM KJ

| Morning | Afternnoon | Night | |
|---|---|---|---|
| 8:30 | 1:30 | 7:30 | Sunday bus |
| 9:30 | 2:30 | 8:30 | is starting |
| 10:30 | 3:30 | 9:30 | 11:30 Last |
| 11:30 | 4:30 | 10:30 | trip on |
| | 5:30 | | friday is 2:30 |

**KJ Pick UP locations**
Shoping Center
Rimeniv Cor. Stropkov
Meron (Drubidge)
Business Center
5 Isreal Zupnick
Acers Cor. Lemberg
Acers Cor. Mountain
Radumsk Cor. Mountain
Karelsurg Cor. Mountain

Landaus supermarket

2 Stonegate Dr. | 845.783.0081 | *Fresh Finds All the time.* ™

*Hours:* **SUN.- WED.** 7:00am - 10:30pm **THURS.** 7:00am - 12:00am, **FRI.** 7:00am - 2 hours before Zman, **MOTZEI** (winter) TILL 11:00pm

© DPMGGROUP.COM


ash pinexteam
A life time opportunity
ער זיצט ביים שיסל...
ארבעט ארום געלט. פארדין אסאך געלט.
לערנט אייך א פאך אין די וועלט פון פינאנץ און אקאונטינג, וואו מען פארדינט הערליך שיין, און דינט אלס איינס פון די העכסטע באצאלטע קאריערעס.
ALMOST FULL!
Finance and Accounting course
זייט א מושלם אין אכט חדשים
בעסטע און גרעסטע עקספערטן
היימישע און חסידי'שע אטמאספערע
Viewpoint ACADEMY
Call now to discover your qualifications
BROOKLYN LOCATION 718.766.7177
UPSTATE LOCATION 845.271.7177
www.viewpoint.me

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

## בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

**25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741**

בעזהי"ת

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קרוינהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהורסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהוירסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואוד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**

*

יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד

*

יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י ACH.
נא לקרוא
718-782-5349 #2

*

ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495

*

יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י O.J.C.
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה

*

**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

**2,721**
**משפחות**
**5,738**
**ילדים בבית**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד ט"ו שבט תשפ"ד
**$62,606,194.00**

**סניף קרית יואל**
**131 משפחות 259 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ט"ו שבט |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $574,890.00 |

**חשבון השנה**
שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00
אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00
חשון - ט"ו שבט תשפ"ד $4,089,211.00
**ס"ה $20,712,922.00**

# הארציגע דאנק בריוו פון אלמנות שתחי'

**הונדערט און דריטער פארזעצונג**

**מכתב 0602 (Y21.012)**

לכבוד הרב לויפער נ"י

אזוי ווי עס דערנענטערט זיך די נייע יאר, וויל איך מיט ווארעמע ווערטער זיך הערצליך באדאנקען צו די גרויסע גמילות חסדים אויף אזא שיינעם פארנעם, נאר דער רבש"ע קען דאס אייך באצאלן.

א גוט יום טוב, א כתיבה וחתימה טובה

מרת .....

**מכתב 0603 (E02.076)**

כבוד הרב לויפער, עמו"ש

מיין טאכטער איז איינע פון די אלמנות וואס איר העלפט. די חסד איז פשוט אומבאגרייפבאר. אייער שטיצע מאכט איר אויס א ריזיגע נפקא מינא.

זאל דער אייבירשטער אייך בענטשן, און אייער משפחה, און אלע נדבנים, מיטן בעסטן געזונט, און אלעמאל זיין פון די וואס געבן.

א כשר'ן פסח, מיט שעצונג, מרת .....

**מכתב 0604 (E03.064)**

לכבוד הרב לויפער,

איך וואונטש אייך א גאר פרייליכן חנוכה! א דאנק פארן מיר ערמעגליכן צו קויפן פלייש, אד"ג פאר מיינע סעודות. איך קען אויך אריבער רופן אויף געסטעריי מיינע קינדער אויף א סעודה.

מיטן אייבערשטן'ס הילף זאלט איר קענען ווייטער גיין!

א דאנק, מרת .....

**מכתב 0605 (E10.073)**

טייערער הרב לויפער, שי'

בשעת איך זיץ און שרייב מיינע געפילן ביי מיר אין קאך, 6:00 אינדערפרי.

ערשטנס! א דאנק, מודה אני, פאר מיין ליבן טאטן, רבוש"ע, אין הימל פארן מיר געבן א יעדע סעקונדע פון טאג - מזמור לתודה!

דער צווייטער איז הרב לויפער, דעם אייבערשטנ'ס נאענטן שליח (א מלאך) פארן מיר ארויס העלפן צושטעלן דעם שבת מיט ליבשאפט, אז איך זאל קענען האבן א מנוחה'דיגן שבת, און האבן פיש בכבוד'יג! ברווח!

עס זענען נישטא קיין ווערטער אויסצודריקן ווי דאנקבאר איך בין פאר הרב לויפער און זיינע וואלונטירן און דער שטאב וואס פירן דאס אויס!

געבענטשט זאלט עטס אלע זיין!

א גרויסן דאנק!!

א גוט געבענטשט יאר!

מרת ....

**מכתב 0606 (E11.031)**

לכבוד הרב אברהם לויפער שליט"א

אשרי יולדתו!

איך האב נארוואס געענדיגט לייענען אייער אויסנאם זעלטן ביכעלע.

אייער אומגלויבליכע סענסעטיוויקייט און איינזעעניש גייט פיל ווייטער ווי סיי וואס איך קען נאר שרייבן דא. אייער רייכע און הערליכע אידיש גיט נאך צו דערצו פיל מער!

אלע תפלות וועלן ווייטער אנגיין, ביז ווילאנג מיר וועלן שוין הערן אז די וויכטיגסטע בקשות זענען ערפילט געווארן אויף א וועג וואס נאר דער אייבירשטער אליין קען, בקרוב ממש!!

שפע ברכות עד בלי די בעזהשי"ת, לאורך ימים ושנים טובות בגשמיות ורוחניות גם יחד, בטוב הנראה והנגלה תמיד כל הימים, עם רב חסידישע נחת מכל יוצאי חלציו, וכלשון הרבי שלנו: און פון זיך אליין!

בבריאות השלימות, מנוחת הנפש, הלב, והגוף, ואושר אמיתי!

מרת .....

**מכתב 0607 (E15.031)**

טייערע פריינט שיחיו,

איך האף אז מיין בריוו געפינט יעדן איינעם פון אייך אין א גוטן צושטאנד.

ווערטער קענען נישט גענוג גוט אויסדריקן מיין אנערקענונג און שטוינונג פון אייך.

א דאנק אייך האב איך געהאט א הערליכן - הערליכן יום טוב, און א דאנק אייך איז מיין טאג טעגליכער לעבן אויך אזוי הערליך. א ריזיגן יישר כח פאר אייך!

פלייש, טשיקן און פיש דערנעהרן די נשמה, און - אמת'דיג - דאס זעלבע איז מיט אייער העפליכקייט.

איר זענט אלע צום שטוינען.

זאל אייך דער אייבירשטער בענטשן אז דער יאר זאל זיין לויטער געזונט און ברענגען בשורות טובות, און זאל יעדער איינער פון אייך באצאלט ווערן פאר אייער מעשי חסד אויפן שענסטן און ברייטסטן אופן.

איך בין אייך זייער דאנקבאר,

מרת .....

**מכתב 0608 (E21.011)**

לכבוד הרב א. לויפער,

ווי אזוי קען איך אויסדריקן מיין דאנק פאר אייך. עס עקזיסטירט נישט קיין "יישר כח" וואס זאל זיין גענוג. אלזא, א גרויסן יישר כח, תודה רבה, פאר דאס וואס איר טוט פאר "קרן אלמנות ויתומים", און פאר מיר פערזענליך.

מרת .....

נ.ב. איך וועל מתפלל זיין פאר .....

בשורות טובות בקרוב.

**מכתב 0609 (E10.072)**

לכבוד הרב לויפער, שי'

זאל דער אייבערשטער אייך בענטשן מיט ברכה אין אלעס וואס איר טוט, און איר זאלט זען נחת פון אייערע קינדער געזונטערהייט.

א גרויסן דאנק פאר אלעס וואס איר טוט.

מרת .....

**מיר זוכן "גבאי צדקה" (פאנדרעיזער)**
**שיין באצאלט אויף די שעה (נישט פראצענט)**
**ביטע רופט:**
**718-782-5349 ex. 4**

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $120,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |



דורכברוך אין קרית יואל!
עפארדאבעל קאר סערוויס
אונטער א שטרענגע היימישע
אויפזיכט
גויאישע פרייזן
היימישע סערוויס
01
carsafe
$6
א לאקאל
carsafe
845.512.5555
Constant text updates on the name and ID of the driver and the exact car
Professional dispatching With limited wait time
Camera in the car
Live tracking
NEW YORK
CAR SAFE
LIVERY
Livery Plates
24
24 Hour great customer service
Ponder Team 347.377.0367

# Vaad Hakehilos

# ועד הקהלות

מיוחד לאישור כלי
טעכנאלאגיע מטעם
הקהלות הקדושות

office@vaadhakehilos.org

Phone: 845.557.7771

בס"ד

פאלגנד שטעלן מיר ארויס א דעטאלירטע

# ליסטע פון געשעפטן

וועלכע פארקויפן די כשר'ע **Mp3 פלעיער/רעקארדער** וועלכע זענען שוין ב"ה
פראדוצירט געווארן מיט'ן **מוכשר חותם** פונעם ועד הקהלות:

## קרית יואל

**Loadio** / 7 Meron
**Glatt** / 13 Garfield Rd.
**The Wireless Store** / 21 Getzil Berger Blvd.
**H&T Variety** / Shopping Center

## לעיקוואוד

**Center of Town South** / 945 River Ave

## בארא פארק

**Loadio @ Eichlers** / 5004 13th Ave.
**Talk Kosher** / 1501 New Utrecht
**Duddy's Electronics** / 4415 14th Ave.

## וויליאמסבורג

**Loadio** / 19 Lorimer St.
**Talk Kosher** / 149 Penn St
**Lee Ave. Photo** / 72 Lee
**Wireless Expert** / 140 Rodney St.
**What A Bargain** / 739 Bedford Ave.
**S&W Electronics** / 162 Wallabout

## מאנסי

**Smart Talk** / 48 Rt. 59
**מרכז הספרים** / Rockland Kosher
**TalKosher** / 100 RT. 59

## קרית יטב לב

**FRreed Home** / 59 Main St.

געשעפטן וואס זענען נישט זייער נאמען קענען אריינרופן צום מזכיר הועד אויף: 845.557.7771

בשורה טובה:

## עס איז נארוואס ערשינען 2 פרישע רעקארדער מאשינען

**פראדוצירט כשר מיט'ן חותם**



Riptunes Recorder



Sony Recorder

אין צוגאב צו די לעצט געמאלדענע:



SAMVIX **GLASBA**
(64GB)



SAMVIX **DYNAMITE**
(32GB, 64GB, 128GB)



SAMVIX **IBUSINESS**
(32GB, 64GB, 128GB)



**OZNIO**



GREENTOUCH **SIX PLAYER**
(BLACK, WHITE)



GREENTOUCH **X3 PLAYER**
(BLACK, WHITE)


תושבי
קרית יואל
ווייסן שוין.
Ponder Team 347.377.0367
גויאישע פרייזן
היימישע סערוויס
carsafe
$6
א לאקאל
מיר פארן נאר מיט א קאר סעיף!
carsafe
845.512.5555
Constant text updates on the name and ID of the driver and the exact car
Professional dispatching With limited wait time
Camera in the car
Live tracking
NEW YORK CAR SAFE LIVERY
Livery Plates
24
24 Hour great customer service

בס"ד

# וויכטיגע מעלדונג

אזוי ווי די **מאנראו וואודבורי סקול דיסטריקט** האט שוין ארויסגעשיקט די נייע אפליקאציעס פאר דעם קומענדיגן סקול יאר ביטע זעהט עס צוריק- צושיקן ווי פריער זיך איינצושפארן עגמת נפש
(נאכן ארײנשיקן איז כדאי צו רופן זיכער מאכן אז זיי האבען עס באקומען)

**פאר די וואס האבן אין פלאן זיך ארויסצוציען פון קרית יואל סקול דיסטריקט גרעניצן:**

**פאלגענד זענען די רולס פון מאנראו וואודבורי צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע:**

אויב דינגט איר אדער קלאזט איר אויף א הויז (למשל) 7/5/2024 דארפט איר זיך איינשרייבן בעפאר 8/5/2024 צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע ( אפילו אויב איר מופט אריין שפעטער)

(דאס איז 30 טאג פון די דאטום וואס שטייט אריינגעשריבן אינעם קאנטראקט)

מיר שטייען גרייט אייך צו העלפן
מיט סיי וואס מעגליך

**אמת טראנספארטאציע**

SCHOOL BUS
EMESS
TRANSPORTATION LLC

Emes Transportation

PO BOX 555
Monsey NY 10952
845.426.7419


10 DAYS ONLY
Ends March 8
BIGGEST
HAMANTASH
SALE
ALL 3 PIECE SUITS
50% OFF
WOOL & WASHABLE MENS & BOYS
100% SILK TISH BAKITCHES
50% OFF
LATE HOURS
WEDNESDAY UNTIL 9PM
G&G
BORO PARK 718.871.7841
WMSBG 718.923.6060
MONSEY 845.352.2702
KIRYAS JOEL 845.782.7720
ALL ITEMS MUST BE PAID IN FULL UPFRONT // NOT TO BE COMBINED WITH ANY OTHER SPECIALS
EUROPEAN MADE

# סאני פאלמס סוויטס
# אין דעזערט האט ספרינגס, קאליפארניע

## אידן קענען נאך אלץ נישט פארגעסן און פארציילן זייער היי יעריגן עקספיריענס:

"אן אמת'ער אפרוה פלאץ, א יחיד במינו אין דעם נייעם "סאני פאלמס סוויטס" אין האט-ספרינגס, ווערד געווען יעדן דאלער!"

### האט ספרינגס:

אן אויסטערלישן פיינעם ווארימער, איינגענעמער און טרוקענער וועטער מיט אירע רייכע, נאטורליכע, הייסע קוועלער, אן אויג-פארכאפענדע ארום מיט ריזיגע הויכע בערג, ע"פ רוב באדעקט מיט הויכע שניייען, פונעם עושה מעשה בראשית, אונטער דעם שטייען ארויס די הויכע שטאלצע טייטל-ביימער וואס גיט צו צום פאנאראמע

### דער נייעם סאני פאלמס סוויטס:

א יחיד במינו, אין א פארמאכט געיטעד-פלאץ ארום געוומען מיט הערליכע לענדסקעיפינג מיט א צאל פרוכט ביימער, גאר באטעמ'ט און איינגענעם צו פארברענגען, נאר זיצן דארט ברענגט א מנוחת הגוף והנפש. די סוויטס אלעס ניי, די שטובער, די קאך, די פורניטשור און אפלייענסעס, א כשר'ע קאך מיט אלע צוגעהערן, א פירקעלעיטאר, האט-פלעיט, מייקראוועיוו, בעטי-קראקער און אפילו כשר'ע טעפ, בקיצור, איר דארפט אייך גארנישט מיט שלעפן ווייל אפילו א שבת-טישטוך, א חלה דעקל מיט לייכטער און טאץ איז דא.

### דער מיני-מארט:

א ריכטיגער חידוש! אידן אין האט-ספרינגס קענען שוין קויפן כשר'ס! קרוב צו צוויי הונדערט אייטעמס, ברויט, בייגעלס, מזונות אלע סארט, אלע מילכיגס, אראנדש-דשוס, עפל-דשוס, טונא, סארדינס, מעייאנעיז און קעטשאפ, זויערע-פיקל, הערינג, אויל, פינאט-באדער, קרעקערס, קוקיס, פארשידענע קענס, אלע סארט נאש און טשיפס, א גאנצע רייע פרידזשידער און פריזער אייטעמס, א ריזיגע אויסוואל פון אייזקרים-פאפס און אייסעס, און וואס נישט.

### עקסטער לכבוד שבת:

אין סטאר איז דא צו באקומען פרישע היימישע חלות, אלע סארט קוגלען, דיפס, זכר בונדלעך, לעבער, פריש-געקאכטע סעלמען-סלייסעס און געפילטע-פיש, (מאכט זיכער צו באשטעלן פיש פון פאראויס)

### הייסע נאכטמאל און פולע-שבת סעודות:

צו באשטעלן פרישע הייסע נאכטמאל, רופט אריין ביז איינס-אזייגער מיטאג. די נאכטמאל פריש געמאכט אויפ'ן פלאץ, רעכענט אריין: זופ, 3-קורס נאכטמאל מיט קאמפאט. רופט אריין ביז מיטוואך מיטאג פאר די פולע שבת-פעקעדזש, רעכענט אריין אלעס פאר א קאפל פאר ביידע סעודות. יעדער באזונדער קען זיך נישט געניג באדאנקען פאר די ספעציעלע פיינע פולע סעודות מיט א טעם גן-עדן וואס ס'פילט זיך אין יעדע סעודה באזונדער.

### קערעסטירער ביהמ"ד:

דער היימישער ביהמ"ד אין דער געגענט, מיט א ווארימע מקוה, א הייסע קאווע, א היימישער חסידישן עולם, פילע רבנים קומען כסדר דא פארברענגען און לערנען אין ביהמ"ד און הויף מיט אירע טויזענטער ספרים.


## אייער וואקאציע איז נאך נישט קיין פארגאנגענהייט

מיר וועלן נאך זיין אפן אי"ה ביז פאר פורים
פארגינט אייך א געשמאקע וואקאציע, נאך דעם ווינטער
רופט שוין, געציילטע טעג אוועילעבל




בס"ד

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

# דיוס קאמפיין • תשפ"ד

## הארציגע דאנק און קריטישע ווענדונג

אין די יעצטיגע טעג ווען עס ווערט דורכגעפירט דער יערליכער קאמפיין איינצוקאסירן דעם דיוס-באלאסטונג פון טויזנטער חברי קהלתינו הק', און גאר א **גרויסער ציבור אנשי שלומינו** זענען שוין אנטקעגן געקומען אין די ערשטע טעג און **פולקאם אויסגעצאלט זייער באלאנס**

**שפירן מיר פאר א פליכט אויסצודרוקן אונזער הכרת הטוב פאר די**

# הונדערטער חברי הקהלה

וואס האבן גענומען אויף זיך א העכערע דרגה

# 'חברי זהב' און 'חברי כסף'

**און מיט דעם פארזיכערט אונזער ווייטערדיגע עקזיסטענץ בעז"ה**

**ממנו ילמדו וכן יעשו!**

**גלייכצייטיג בעטן מיר בכל לשון של בקשה פון נדיבי לב און בעלי יכולת**

# קומט אונז אנטקעגן און באצאלט א העכערע דרגה!

**חבר זהב $1,200** $100 א חודש

**חבר כסף $720** $60 א חודש

**ובעלי היכולת אף יוסיפו על התחייבותם כיד ה' הטובה עליהם,**

(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א)

**ועכ"א מחברי הקהלה להיות חבר בהנהו חבורתא קדישתא ולשלם בעין יפה דמי חבר להחזקת הקהלה, ובעלי היכולת יוסיפו כיד ה' הטובה עליהם**

(הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א)

**איתנייהו ביה חובת גברא שמי שביכולתו יקח חלק נכבד ביותר**

(הגה"צ הדומ"ץ שליט"א)

**אלס חבר זהב/כסף געניסט איר פון ספעציעלע בענעפיטן בנוסף צו די רעגולער בענעפיטן!**

י. א. לעוו

# יענער באַרגט און איך בין אחראַי?

ר' יחזקאל דער ביזנעסמאַן איז ווידעראַמאָל איינגעגאַנגען צו אינוועסטירן גרויסע געלטער. דאָסמאָל איז ער אפילו געגאַנגען באָרגן אַ מיליאָן דאָלאַר פון זיין חבר, אַלעס כדי צו קענען אינוועסטן אין אַ געשעפט וואָס האָט אויסזיכטן צו זען גרויסע פראָצענטן, אויב דאָס גייט מצליח זיין.

אָבער אַן אינוועסטמענט האָט אַלעמאָל אויסזיכטן אויף די פאַרקערטע זייט. מ'האָט אים אפילו געוואָרנט, מאַך זיכער דו וועסט האָבן פון וואַנעט צוריקצוצאָלן די געלטער אויב די געשעפט זעצט אָן. אָבער ער וויל נישט קוקן די אַנדערע זייט.

מיטאַמאָל האָט טאַקע פאַסירט יענע זייט.. **אין אַ שיינעם טאָג באַקומט ער אַן אימעיל פון דער וואָס האָט אים אַריינגעדרייט, נישט מער און וויניגער, אַלעס האָט אָנגעזעצט.** ער איז געבליבן אַ בעל חוב פון אַ מיליאָן דאָלאַר. ער איז אַריין אין אַ שווערן מצב וואָס אַנדערע דאַרפן יעצט צוזאַמשטעלן געלט אים אַרויסצוזען פון זיינע חובות.

רחמנים בני רחמנים, וועלן זיכער צושטייער געבן פאר אזא צוועק, אָבער אַסאַך מאָל וועט מען טראַכטן, **'איך בין נישט אחראַי אויף זיינע פאַרלוסטן'**. און זיכער בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין ערב דערויף. איך וועל טאַקע געבן מיין נדבה, אָבער פונקט ווי יעדע אַנדערע וואוילטעטיגע צוועק פאר אָרימע אידן.

איי יענער איז מיט איין מאָל אַריין אין שווערע חובות, ער קען זיך נישט אַהין טון.

דער ענטפער וועט זיין - אַז מ'זאָגט עס נישט אָפן, וועט מען עס כאָטש טראַכטן - איך בין נישט אחראַי אויף דעם וואָס ער האָט געבאָרגט. נאָכדערצו ווען ער האָט געוואוסט פון פאַרדעם אַז אפשר וועט ער נישט האָבן פון וואַנעט צו באַצאָלן.

מיר וועלן נישט אַריינגיין צי ס'איז יאָ גערעכט, אָדער נישט. מיר וועלן בלויז זיך רוקן צו אַ נייער דערהער:

ס'איז אָבער יאָ דאָ אַמאָל, ווען 'יענער' באָרגט. 'יענער' דרייט מיט געלטער. און 'איר' זענט דער 'אחראַי' דאָס צו באַצאָלן. 'איר' זענט דער ערב, טראָץ 'יענער' האָט אייך קיינמאָל נישט גענומען אַלס ערב.

**'יענער' דרייט מיט געלטער. און 'איר' זענט דער בעל אחריות דערויף.**

***

לאָמיר צוריקרוקן די זייגער צו אָנהייב ווינטער תשל"ד. פונקט 50 יאָר צוריק. מיר טרעפן זיך אינעם אפיס פון אונזער באַקאַנטן גענעראַל הרבני החסיד ר' חיים הערש ליימזידער שליט"א בונה ומקים עיר רבתי קרית יואל, וועלכער איז געגאַנגען אין פייער אויסצופירן דעם הייליג רצון פון מרן רביה"ק זי"ע, צו אויפבויען אַ נייע שטאָט פון 'סקרעטש', און האָט אַזוי אויפגעלעבט דעם רבי'ן, וועלכער האָט נישט איבערגעלאָזט דער וועלט, בעפאָר ער האָט געזען זיין וואונטש ערפילט בסייעתא דשמיא.

ר' חיים הערש שוויצט ווי קיינמאָל בעפאָר. ער מיט זיינע שותפים לדבר מצוה האָבן שוין אַריינגעגאָסן ממון ודמים, אין די לעצטע יאָרן. און יעצט ווען מ'האָט שוין אויפגעבויט די ערשטע הייזער, האַלט אַלעס ביים צופאַלן.

ר' חיים הערש גיט אונז איבער וואָס האָט זיך דאַן אָפגעשפילט - ווי ער שילדערט עס ברייט אין 'דער איד' אינעם פאָפולערן קאָלום 'זקינך ויאמרו לך' ח"ו:

*אייניגע וואָכן בעפאָר'ן קלאָוזינג דאַטום איז ווידעראַמאָל אונטערגעקומען שטרויכלונגען, ווען די לעקטער-קאָמפאַני האט נישט געוואלט צושטעלן לעקטער פאר אָט די דירות. מיר האבן צוליב דעם נישט געקענט פארקויפן די דירות פאר'ן ציבור, דעריבער איז נישט שייך געווען אויסצוצאָלן דעם אָסטראָנאָמישן חוב וואס מיר זענען שולדיג פאר די באנק פון די הלוואות ביז אַהער.*

*געוועגליך וואָלטן מיר געקענט פאַרהאַנדלן מיט'ן באַנק צו פאַרלענגערן דעם זמן פונעם קלאָוזינג, אבער זיי זענען שוין געווען אונטערגעהעצט פון די שכנים וועלכע האבן געוואלט אונטערברענגען דעם גאַנצן שטעטל. זיי האבן געסטראַשעט, אויב מיר וועלן זיך נישט צושטעלן צום זמן, דאַן וועלן זיי אריינשטעלן דעם גאַנצן פראָיעקט אויף 'פאָרקלאָוזשער', און מיר זענען אומשטאַנד צו פארלירן אין איין מינוט אונזער גאַנצער מיה און פלאָג פון אזויפיל יארן.*

*דורכאויס יענע אָנגעשטרענגטע טעג האב איך בשום אופן נישט געוואלט אריינמישן דעם רבי'ן, היות דער רבי איז געווען שטאַרק אָפגעשוואַכט, און ווען מיר אינפאָרמירן אים וואס מיר גייען אדורך, קען דאס נאָכמער אָפשוואַכן זיין מצב הבריאות ח"ו.*

*נאך אסאך ארבעט איז מיט'ן אויבערשטנס הילף עווענטועל געלונגען צו משכנע זיין דעם גרויסן 'עמפייער בענק' זיי זאָלן אונז ארויסגעבן א גרויסע הלוואה פון א מיליאָן און 750 טויזנט דאָלאַר!*

*איך בין נאָכאַלץ געווען זייער באַזאָרגט, אויב די פלענער וועלן זיך נישט אויסאַרבעטן, דער ציבור וועט נישט קויפן די דירות, דאן וועל איך פארבלייבן א בעל חוב פאַר'ן באַנק פון אזא ריזן סומע. דעריבער האב איך געבעטן פון דריי נגידים מחשובי אנ"ש צו דינען אלס 'ערבים' אויף דעם סומע. ה"ה: הרה"ח ר' לייבוש לעפקאוויטש ז"ל, ויבלח"ט הרה"ח ר' משה גליק הי"ו פון וומסב"ג, און הרה"ח ר' הערש אלימלך ווערצבערגער הי"ו מראה"ק דקהלתינו מאָנסי.*

*זיי האבן מסכים געווען אונטערצושרייבן ערבות, אָבער בתנאי דער רבי וועט געבן א כתב, וואָס זאָל געבן די הוראה אז 'יעדער יחיד' פון די קהלה, איז 'אחריות' אויף דעם 'גאנצן חוב', אז אויב עפעס פאַסירט ח"ו, איז יעדער אחראי דאָס צו אָפצאָלן.*

*אַצינד, נאכ'ן האָבן די לעזונג, האב איך זיך שוין געטרויעט אַריינצוגיין אל הקודש פנימה. איך בין אַריין, און איך דערצייל פאַר'ן רבי'ן אַלעס, און אַצינד, שטייט מען ביים לעצטן שרויף: מיר נויטיגן זיך אין א כתב פון רבי'ן אז יעדער יחיד מבני הקהלה זענען 'אחראים' אויף די הלוואה.*

*דער רבי הערט אויס, און ער שטימט צו.*

*ס'איז חודש שבט שנת תשל"ד, ווען דער היסטאָרישער מכתב קודש איז גע'חתמ'עט געוואָרן דורך די ידים הטהורות וואָס האָט ליידער אין יענע תש כח יאָרן מער נישט פונקציאָנירט מיט די אַמאָליגע כוחות. רביה"ק זי"ע האָט דאָ געמאַכט אַן אויסנאַם. ער האָט געוואוסט וואָס דאָס באַדייט, ער האָט גענומען די פעדער אין האַנט אַריין און אונטערגעשריבן דעם זעלטענע הוראה ברורה, וואָס די משמעות דערפון איז חי וקיים אין אַלע אומשטענדן.*

*עטליכע חדשים איידער מען האט זיך אנגעהויבן אריינציען אין די נייע דירות, האב איך ערהאלטן פון*

**ס'איז אָבער יאָ דאָ אַמאָל, ווען 'יענער' באָרגט. 'יענער' דרייט מיט געלטער. און 'איר' זענט דער 'אחראי' דאָס צו באַצאָלן. 'איר' זענט דער ערב, טראָץ 'יענער' האָט אייך קיינמאָל נישט גענומען אַלס ערב.**

*רבי'ן דעם כתב, וואס ליינט זיך ווי פאָלגענד:*

ב"ה, א' לסדר ולכל בני ישראל היה אור במושבותם תשל"ד.

לראי' ביד המוכ"ז הרבני הנגיד וכו' מוה"ר ליבוש לעפקאוויטש ומוה"ר משה הכהן גליק ומוה"ר צבי אלימלך ווערצבערגער שיחיו, שנדבה רוחם לחתום כערבים על הסכומים הנחוצים להקמת השיכון שלנו הנבנה בס"ד במאנרא נ.י., כגון לצורך מארגעדזשעס, באנד'ס וכו', **שהאחריות הקשורה בחתימות הללו הוא על בני קהלתינו ביחד שיחיו, ואין שום אחריות פרטי על שום אחד מהנ"ל כידוע**, וכמובן גודל הנחיצות להקמת שיכון זה לכל בני קהלתינו שיחי' כאשר בארתי את זה כמה פעמים.

והשי"ת יעזור שבזכות תועלת וזכות הרבים, חפץ ה' בידם יצליח, ונזכה להרמת קרן התורה וישראל.

הבעה"ח יום הנ"ל

הק' יואל טייטלבוים

ס'האָט אַ היסטאָרישן באַדייט די חתימת יד קדשו, וויבאַלד דאס איז פון די איינציגסטע בריוון וואס דער רבי האט אליינס גע'חתמ'ט אין יענע יארן, נאכדעם וואס די אלגעמיינע בריוו האט מען גענוצט דעם רבי'נס זיגל אַנשטאָט די חתימה.

***

מיר וועלן איבערלאָזן ר' חיים הערש אין זיינע זכרונות, און מיר וועלן אַריינטראַכטן וואָס דער רבי האָט דאָ געמאָנט.

**ס'איז נישט אַ בריוו אַרויס פון שופלאָד. ביים רבי'ן האָבן זיך נישט געוואָרפן ווערטער, געוויס נישט חתימות**, און **זיכער נישט חתימת יד קדשו**. בפרט אין יענע יארן.

אָבער דאָ האָט דער רבי געלאָזט פאַלן גאָר אַ טיפן דערהער. **ער האָט געגעבן זיין הוראה, וואָס איז הייליג און טייער ביי אונז, ווי אַ הוראה ליד ולדורות.**

דער רבי זאָגט און פסק'עט קלאָר און אָפן:

**חובות וואָס דריי בעלי בתים האָבן גענומען אויף זיך לצורך אויפבויען קרית יואל**, איז נישט זייער דאגה בכלל.

זיי האָבן גענומען הלוואות און מאָרטגעדזשעס. זיי האָבן געדרייט מיט מיליאָנען. **אָבער זיי זענען נישט אחראי צו באַצאָלן.**

די אחריות דערויף ליגט **'כמובן'** - דער רבי זאָגט נאָך צו דעם אַז ס'איז פאַרשטענדליך - **'על בני קהלתינו ביחד שיחיו'.**

**'ואין שום אחריות פרטי על שום אחד מהנ"ל'**. און דער רבי לייגט צו נאָכאַמאָל **'כידוע'**. ס'איז באַוואוסט.

**'אחריות', 'חיוב ערבות', צו באַצאָלן די פינאַנציעלע חלק וואָס אישי הציבור טוען 'למען הציבור' ליגט בכלל נישט אויף די פלייצע פון די וואָס טוען עס.**

**די אחריות ליגט אויפ'ן גאַנצן ציבור.**

פאַרוואָס טאַקע?

דאָס איז פאַרשטענדליך אפילו אָנעם היסטאָרישן בריוו. אבער אַצינד מיט'ן הייליג מכתב, וואָס רביה"ק שרייבט אין זיינע לעצטע יאָרן, בחתימת ידיו הטהורות, אַזוי קלאָר און דייטליך, מיט אַ שפראַך וואָס יעדער פאַרשטייט, איז דאָס אַ הייליגער **'הוראה' לדורות.**

**הוראת תשל"ד:**

אויב די אישי הציבור טוען עפעס לצורך הציבור, למען עתידתם ולמען דורותם, איז די אחריות דאָס צו דעקן ליגט אויף יעדן יחיד פונעם גרויסן ציבור.

ווייל זיי טוען עס נישט פאר זיך. זיי האָבן עס געטון לצורך יעדן יחיד פונעם ציבור.

**באמת וואָלט ווען געדאַרפט זיין אַז יעדער יחיד זאל דאָס ווען טון**, נעמליך, ס'איז דאָך אַ נחיצות פאר אונזער עתיד אין גלות. **אָבער נישט יעדער איז מסוגל דאָס צו טון.**

איז ווען ס'זענען דאָ די יחידים וואָס טוען עס יאָ, איז פאר וועמען טוען זיי עס? פאר יעדן יחיד פונעם גרויסן ציבור!

**איז דעריבער שוין זייער 'מובן' פאַרוואָס ווען זיי האָבן שווערע געלטער וואָס מ'דאַרף אָפצאָלן, ליגט די אחריות אויף יעדן יחיד פונעם ציבור.**

ווייל דאָס האָט גאָרנישט מיט זיי. ס'איז נישט אַז זיי האָבן געטון אַ 'שיינע זאַך' פאַר יענעם. ס'איז נישט פשט אַז זייער האַרץ איז אָנגעפילט מיט חסד דעריבער האָבן זיי דאָס געטון.

ניין. נישט וועגן דעם.

**נאָר ווייל בעצם וואָלטן עס 'דו' און 'איך' געדאַרפט טון**. דער נושא איז אַ 'מוז' פאר 'דיין' און 'מיין' קיום. **איז אַז 'יענער' טוט עס, מיינט ער דאָך 'דיך' און 'מיך'.**

**טאַקע ווען ס'קומט צו 'טון' איז נישט יעדער געמאַכט דערצו. אָבער ווען ס'קומט צו 'באַצאָלן' דארף יעדער יחיד געבן זיין חלק.**

יענער האָט עס געטון לטובתך ולמען עתידתך. **די אחריות דאָס צו דעקן איז בכלל נישט זיינס.**

**ס'איז מיינס.**

**'שהאחריות הקשורה בחתימות הללו הוא על בני קהלתינו ביחד שיחיו, ואין שום אחריות פרטי על שום אחד מהנ"ל כידוע.'**

**

**דאַן האָט זיך עס גערעדט פון אויפבויען קרית יואל.** וואָס דער רבי שרייבט אינעם היסטאָרישן מכתב אַז **'כמובן גודל הנחיצות להקמת שיכון זה לכל בני קהלתינו שיחי'.**

איז ווען מ'רעדט פון **'ווייטער בויען קרית יואל'**, בויען דער גאַנצער עתיד און עקזיסטענץ **ברוחניות**, פאַר אונז און פאר אונזערע דורות, איז דאָס אויך, און אפשר **פילפאַכיג מער נוגע דער היסטאָרישער מכתב וואָס דער רבי האָט דאַן געשריבן.**

יעצט ווען מיר שטייען אין אַ צייט ווען ס'איז דער זמן פון 'דעקן' די קהלה'ס בודזשעט, איז כדי צו נעמען עטליכע סעקונדעס און אַריינטראַכטן וואָס מ'וויל דאָ. און וואָס וויל מען פון 'מיך'.

**קהל יטב לב קרית יואל איז בכלל נישט אַוועקגעשטעלט אַלס אָרגאַניזאַציע וואָס טוט חסד מיט אַנדערע.** ס'איז דאָ גענוג אידן וואָס האָבן דאָס אויף זייערע פלייצעס. אָבער נישט קהל.

**קהל איז דאָ צו אויספילן די פליכט וואָס 'דו' און 'איך' וואָלטן דאָס געדאַרפט טון.**

**אַז 'איך' 'יחיד' קען עס נישט טון** - און טאַקע רוב יחידים קענען עס נישט טון, ווייל מיר האָבן נישט די

כוחות דערצו - **איז אָבער דאָ ב"ה די געטרייע הנהלת הקהלה וואָס זיי טוען עס.**

דעריבער **ווען ס'קומט צו דעקן דאָס וואָס קהל טוט,** קומט אריין דער '**מובן**', און די **היסטאָרישע תשל"ד הוראה** וואָס ער האָט גע'חתמ'עט דערויף אין זיינע שוואַכסטע טעג:

**'אין שום אחריות פרטי על שום אחד מהנ"ל כידוע'** נאָר **'אחריות הוא על כל בני קהלתינו'.**

די קהלה טוט פאר אונזער עקזיסטענץ. פאר אונזער קיום הדת. און פאר אונזערע קינדער'ס קיום.

**זיי טוען אויספילן די פליכטן צוצושטעלן די חלק הרוחני וואָס פאַרלאַנגט זיך אין די קהלה און אין די שטאָט.**

די גשמיות האָט זיך יעדער איינזין, **אָבער די רוחניות קען מען נישט איינזין האָבן די גרויסע בילד. ווייל ס'איז נישט מעגליך דאָס אליינס צו טון.** דעריבער זענען דאָ די הנהלת הקהלה וואָס זיי טוען עס.

**אויפבויען אַ גאַנצע קהלה פון אל"ף ביז ת"ו** תחת דגלו פון מנהיג עדתינו הקדושה כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואָס נעמט אריין יעדן אַספעקט פון רוחניות וואָס פאַרלאַנגט זיך. **אָט דאָס טוט די קהלה אויף אַ טעגליכן פאַרנעם.**

אַ ביישפיל ווי, אויפבויען בתי מדרשים, וואָס איז פאר אונזער קיום. ווייל אַ געגענט אָן אַ ביהמ"ד האָט נישט קיין זכות קיום. דאָס איז סיי אין עקזיסטירנדע געגנטער, וואָס די רוחניות שיינט אויף פי כמה ווען די רוחניות-צענטער איז הערליך אוועקגעשטעלט. און זיכער איז דאָס אין נייע געגנטער.

ווי שיין און לעכטיג בליען די אַלע געגנטער וואו די קהלה האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אויפצושטעלן אַ הערליך ווינקל פאר אנשי שלומינו.

אַ שטייגער ווי 'שכונות ווינטשעסטער', 'שכונות בלומינג גראָוו', 'שכונות איילענד וויאַ'. וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ הייליגער סטרוקטור, און בויען ווייטער דורות נאמנים, נאָר ווייל די רוחניות איז צוגעשטעלט. ווי געזאָגט קען עס נישט יעדער יחיד טון, אָבער די 'אחריות', דאָס ליגט יאָ אויף יעדן.

אויפבויען די 'כח הטהרה', פעסט אויסטרעטן די 'עמוד התורה' וואס די הנהלת הקהלה האָט געטון מיט עטליכע יאָר צוריק, דאָס צו מייסד זיין פונדאַסעני, פינאַנצירן ביז זיי שטעלן זיך אַוועק, און דאָס באַגלייטן אין יעדן מצב ווען ס'פעלט אויס. די 'כח ההוראה' וואָס באַגלייט יעדן יחיד בכל יום ויום, די כח פון אויפשטעלן בתים נאמנים לד' אונטער 'שלום אהלך' און 'בנין עדי עד', די 'כח הכשרות', די 'כח המאחד' פון כל קהלא קדישא וואָס ווערט אַזוי מרומם אונטער די כח הרוחני פון הגה"צ דער רב שליט"א.

און די טאָג-טעגליכע כוחות צו מרומם זיין, צו מייסד זיין, באַגלייטן ברוח ובחכמה, און פינאַנציעל, אַלעס וואָס פעלט זיך אויס פאַר 'מיינעט' וועגן, און פאר 'מיינע דורות'. **דאָס אַלעס טוט די קהלה 'ערזעצן' דאָס וואָס יעדער פאַר זיך וואָלט געדאַרפט צו טון.**

איז ווען ס'קומט צו **'דעקן' די אחריות,** די ערבות, באַגרייפן מיר ווער ס'איז די אחראי דערויף:

# די פליכט צו טון די אַלע פעולות ליגט אויף יעדן יחיד, אָבער אַז מ'קען עס נישט טון, נעמט מען כאָטש די 'אחריות' דאָס צו דעקן.

**יעדער יחיד מבני קהלתינו.**

***

ווען די קהלה מאַכט די 'דיוס קאַמפּיין', איז דאָס פשוט ווייל מ'דארף דעקן די אַלע פעולות וואָס איז אונזער עקזיסטענץ דורכאויס די גאַנצע יאָר. ווייל אויב די געלט איז נישט דאָ קען מען זיך נישט רירן.

**די 'ר' לייבוש לעפקאָוויטש'ס' 'ר' משה'לע גליק'ס'** און **'ר' חיים הערש ליימזידער'ס'**, דאָס איז דאָ: **דאָס זענען די געטרייע הנהלת הקהלה וואָס זיי בויען יעדנ'ס ווייטערדיגע רוחניות.**

די **'אחראים'** די **'בני קהלתינו שיחיו'** דאָס איז אויך דאָ: **דאָס זענען אונז.**

מיר האָבן אַרויס אַז **מיר טראָגן די אחריות צו דעקן אַלע פעולות.** נאָכדערצו ווען **מיר האָבן דעם היסטאָרישן תשל"ד הוראת הקודש.**

אָט דערפאַר זעט מען אין די יעצטיגע טעג אַ זעלטענע וואַרימקייט וואָס הערשט אינערהאַלב 'אלע' בני הקהלה. ווי מ'הערט פון די הנהלת הקהלה, שטייט מען ביי היסטאָרישע ציפערן וואָס מ'האָט נאָך קיינמאָל ביז יעצט געזען. זאָל הקב"ה העלפן אויף ווייטער.

**די מספר פון 'אחראים' וואָס קומען אַנטקעגן די משמשי בתי מדרשים צו נעמען די 'אחריות', איז אַזוינס וואָס וואָלט ווען אויסגערופן וואונדער סתם אַזוי. אָבער נישט ווען מ'ווייסט פאַרוואָס דער ציבור איז אַזוי הייס-אַנטשלאָסן דאָס צו נעמען אַלס פערזענליכע דאגה.**

ווייל יעדער יחיד באַגרייפט וואָס די קהלה טוט אַ גאַנץ יאָר. יעדער באַגרייפט אַז די אחריות ליגט נישט אויף די הנהלת הקהלה. **די פליכט צו טון די אַלע פעולות ליגט אויף יעדן יחיד, אָבער אַז מ'קען עס נישט טון, נעמט מען כאָטש די 'אחריות' דאָס צו דעקן.**

***

מיר קומען צוריק צו ר' חיים הערש, ער וויל אונז נאָך עפעס דערציילן פון יענע תקופה בשעת מ'האָט אויפגעבויעט קרית יואל:

אין יענער תקופה האט דער רבי אריבערגערופן הרה"ח ר' שלמה מיכל ראזנער ז"ל צו באַאויפטראָגן צו שאפן גרויסע סכומים פאר'ן אויפבוי פונעם שטעטל, אינאיינעם מיט זיין שותף לדבר מצוה להבחל"ח הרה"ח ר' משה פריעדמאַן שליט"א פון ק"י.

שפעטער ווען דער רבי איז געפאָרן קיין בעל-האַרבאָר האט ר' שלמה מיכל מיט להבחל"ח ר' משה צוזאמגערופן אַן אסיפה פון אַ צאָל נדיבי עם ביים רבי'ן אין שטוב. דער רבי האט פערזענליך געבעטן דעם ציבור ארויסצוהעלפן מיט גרעסערע סכומים. די אַנוועזנדע וועלכע האבן געהערט דעם רבי'נס רוף בשארית כוחותיו האבן זיך ווי פאַרשטענדליך אַנגערופן מיט גאַר שיינע נדבות, און עס איז אריינגעקומען אַריבער אַ מיליאָן דאָלאַר, וואס האט שטארק געהאלפן צו קענען פאָראויסגיין.

אין צוגאב האט דער רבי דעמאלט געזאָגט:

ער האָפט לכה"פ הונדערט אנ"ש זאָלן זיך משתתף זיין מיט דריי טויזנט דאָלאַר פאר'ן שטעטל, און די מיעוטי יכולת זאָלן זיך משתתף זיין מיט פינף הונדערט דאָלאַר.

ווי פאַרשטענדליך האט דעם רבי'נס רוף געמאכט אַן ערנסטער רושם. דער ציבור האט אנגעהויבן ארויסקומען קיין בעל-האַרבאָר צום און איבערגעגעבן זייערע נדבות פאר'ן רבי'ן.

עד כאן וואָס ר' חיים הערש ליימזידער שליט"א דערציילט.

לאָמיר אַריינטראַכטן אין די היסטאָריע:

**דער רבי האָט באַאויפטראַגט די בעלי יכולות, וויבאַלד זיי האָבן די מעגליכקייט צו נעמען אַ 'גרעסערע אחריות', אַז זיי זאָלן געבן פיל גרעסערע סומעס.**

לעניננו, ווען ס'קומט צו נעמען אחריות צו דעקן די קהלה'ס פעולות וואָס האַלט אויף אונזער רוחניות'דיגע עקזיסטענץ, וואָס בויעט ווייטער קרית יואל, וואָס טוט ווייטער דעם רצון פון רבי'ן צו בויען זיין הייליג שטאָט, איז פארשטייט זיך דער זעלבער דערהער און הוראה וואָס רביה"ק האָט דאַן געגעבן פאַר יענע בעלי יכולות:

**נעמען אַ גרעסערע טייל.**

אָט דערפאַר איז פאַרהאַן דער באַגריף פון 'חברי זהב וכסף'.

**בעל יכולות וואָס נעמען אַ העכערע דרגה.**

איז עס דעריבער נישט קיין וואונדער מיטצוהאַלטן וואָס ס'טוט זיך אָפּ אין די יעצטיגע 'דיוס טעג'. **נישט נאָר וואָס רוב רובם חברי זהב פון די פאַרגאַנגענע יאָרן באַנייען ווידעראַמאָל דער גאָלדענער סטאַטוס**, נאָר **דער ציל** פון היי-יאָר צו האָבן **פרישע 300 חברי זהב וכסף** וואָס זאָלן 'נעמען גרעסערע אחריות' צו דעקן די קהלה'ס/ציבור'ס קאַסע, איז שוין איבער האַלב דערגרייכט געוואָרן אין די ערשטע צוויי וואָכן פונעם קאַמפּיין!

ווייל יעדער באַגרייפט וואָס די קהלה טוט פאר יעדן יחיד טאָג-טעגליך. יעדער יחיד וויל די פעולות זאָלן פאָראויסגיין לטובתו אָן קיין שטער.

און מ'ווייסט אַז אָן דעם וואָס 'איך' נעם אחריות דערויף, וועט דאָס נישט פאַסירן.

ווייל די אחריות צו דעקן די פעולות ליגט נישט אויף די הנהלה. די אחריות ליגט אויף דער גאַנצער ציבור.

**'שהאחריות הקשורה בחתימות הללו הוא על בני קהלתינו ביחד שיחיו, ואין שום אחריות פרטי על שום אחד מהנ"ל כידוע.**

קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

# דיוס קאמפיין תשפ"ד

פאלגענד טוען מיר מודיע זיין פאר אלע חברי קהלתינו הקדושה, אז אלע

# משמשים
## דקהלתינו הק'

טוען אין די יעצטיגע טעג

# איינקאסירן די דיוס באלאסטונג

**ביהמ"ד הגדול**
מו"ה **אביגדור נחום שלעזינגער** הי"ו

**ביהמ"ד בית כהנא**
מו"ה **זלמן לייב מארקאוויטש** הי"ו

**ביהמ"ד בית יעקב**
מו"ה **אברהם בנימין שפירא** הי"ו

**ביהמ"ד בית יקותיאל**
מו"ה **שלום יוסף אייזענבערג** הי"ו

**ביהמ"ד ישמח משה**
מו"ה **משה יאקאבאוויטש** הי"ו

**ביהמ"ד בית יעקב נחמי'**
מו"ה **יואל** ברח"ש **ווינשטאק** הי"ו

**ביהמ"ד בית מרדכי לייב**
מו"ה **ברוך יודא שישא** הי"ו

**ביהמ"ד טיב לבב**
מו"ה **יואל גאלדשטיין** הי"ו

**ביהמ"ד שכונת ווינטשעסטער**
מו"ה **פנחס שמעי' פערענץ** הי"ו

**ביהמ"ד שכונת איילענד וויא**
מו"ה **אברהם שלמה לעבאוויטש** הי"ו

### חבר אני לכל אשר יראוך

**מיר טוען אויפפאדערן אלע חשוב'ע מעמבערס צו צאלן צייטליך די מעמבערשיפ דיוס ביים לאקאלן משמש, און דערמיט האבן א חלק אין די געוואלדיגע פעולות לטובה פון קהלתינו הקדושה**

### נמנו חברים לדבר מצוה

**באצאלט ווי פריער, און געניסט פון אייערע בענעפיטן!**

'דיוס קאַמפּיין' תשפ"ד שאַפט היסטאָריע:

# רוב רובם פון אקטיווע מעמבערס אויסגעצאָלט מיט דמי חבר תשפ"ד אין בלויז געציילטע טעג!

## העכער אַלע ערוואַרטונגען: פרישע הונדערטער 'חברי זהב וכסף'!

קומענדיגע שטאַפּל אין 'דיוס קאַמפּיין-תשפ"ד':

## קומענדיגע וואָכן דעזיגנירט אַנצוקומען צו יעדן יחיד נייע און אַלטע חברי הקהלה אַפּצונעמען התחייבות דמי חבר

נייע תושבים

פרישע אינגעלייט

אַלטע באַלאַנסן

יעדער החונה על דגל מחנה יהודה צאָלט אויס זיין ריקשטאַנד!

שטייענדיג מיטביידע פיס אַריין אינעם 'דיוס קאַמפּיין' פון היי-יאָר תשפ"ד, הערט מען צוריק אויסטערלישע גריסן פון 'אַלע' משמשי הקהלה בבתי מדרשות דקהל יטב לב סאַטמאַר קרית יואל, לענגאויס כל העיר רבתי, אַז זיי זענען פשוט ערשטוינט פון די זעלטענע וואַרעמקייט וואָס שפּראָצט יעצט אַרויס מיט די שענסטע קאָלירן, ווען הונדערטער, הונדערטער אנשי שלומינו, החונים על דגל קהל יטב לב, תחת דגלו ונשיאתו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, בראשות בנו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, שלענגלען זיך פשוט אַדורך די טישלעך פון דער לאָקאַלער משמש ביהמ"ד, ומאליו יקרא, פון זייער אייגענעם אַנטשלאָסענעם רצון, מיט אַ שמייכל און צופרידנהייט אויסגעצויגן, גיט מען אָפּ דעם התחייבות דמי חבר - וואָס די ציפערן 'וויפיל' אנ"ש האָבן שוין אויסגעצאָלט די גאַנצע התחייבות, האָט שוין דערגרייכט אַ מספר עצום וואָס שטייגט איבער אַלע יאָרן ביז היינט!

די זעלטענע וואַרעמע אָפּרוף פונעם חשוב'ן ציבור חברי הקהלה, טוט ריכטיג אָפּשפּיגלען אַז דער ציבור באַגרייפט קלאָר און דייטליך די אַלע כוחות וואָס די געטרייע הנהלת הקהלה לייגן אַריין אויף אַ טעגליכן פאַרנעם לטובת כל יחיד ויחיד, פאר יעדנ'ס קיום הדת, למענם ולמען דרותם, דורכ'ן אויספירן די אַלע פעולות אדירות, ריזיגע פּראָיעקטן, גרעסערע און קלענערע פעולות צוגלייך, פאר יעדן יחיד באַזונדער.

און אַצינד אין דער צייט ווען די הנהלת הקהלה קומען אַרויס צום ציבור, מיט וואַרעמע האַרציגע ווערטער צו מסביר זיין אַז די אַלע פעולות פון אַ גאַנץ יאָר קען נישט אָנגיין, נאָר בלויז אויב מ'צאָלט אויס די דמי חבר, האָט דאָס דער ציבור גאָר גוט באַגריפן, מ'האָט קלאָר ארויסגעהאַט וואָס דאָ שפּילט זיך אָפּ, איז דעריבער נישט קיין וואונדער צוצוזען אַזאַ אומגעהויערע וואַרעמקייט פון אַזויפיל טויזנטער חברי הקהלה.

די וואַרעמקייט איז נישט קיין סוד פאר קיינעם, נעמליך, יעדער וואָס קוקט זיך אַביסל אום זעט מיט די אייגענע אויגן, ווי 'רוב רובם' אנ"ש האָבן שוין פּאַקטיש אויסגעצאָלט די התחייבות דמי חבר, און מיט דעם ערפילט די 'חיובא רמיא' וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט אַרויפגעלייגט אויף יעדן יחיד ויחיד, אַלס דער מיטל צו

קהל יטב לב סאטמאר

קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בראשות הגאון הצדיק אבד"ק שליט"א

קענען אָנגיין ברוחניות אינעם ביטערן גלות, ווייל אַז מ'איז צוגעבינדן צו די קהלה, אַז מ'האָט אַ חלק פינאַנציעל אין די קהלה, דאַן איז דאָס דער פאַרזיכערונג בעז"ה זיך צו קענען דערהאַלטן אינעם לאַנגן גלות, און דער זכות קיום פאר אונזערע דורות צו קענען בליען לשם ולתפארת על דרך ישראל סבא.

### חברי זהב וכסף העכער אַלע ערוואַרטונגען!

באַזונדער שטאַרט דער ברענענדיגער וואַרעמקייט למען קיום קהלתינו הק', ווען האַלטנדיג יעצט, זענען רוב רובם פון די פאַריעריגע 'חברי זהב וכסף' שוין אַנטקעגנגעקומען די הנהלת הקהלה מיט זייער האַרציגער בקשה, און האָבן שוין ב"ה פאַקטיש זיך נאָכאַמאָל ערוואָרבן דעם עהרנספולער סטאַטוס. אַ 'העכערע השגה' חבר הקהלה וואָס טוט באַגרייפן דאָס נחיצות פון צעמענטירן די פעולות נשגבות בקרב קהלתינו, און מרצונם ובלבבם הטוב זענען זיי גרייט צו זיין אַ טייל אין דעם קריטישן פּראָיעקט, צו געבן אַ גרעסערן דיוס, מער פון דעם אַלגעמיינעם ציבור, פאר די עקזיסטענץ פון אונזער הייליגע קהלה, וואָס איז אַזוי קריטיש אָנגעוויזן אין די חברי זהב וכסף צו קענען אָנגיין ביתר שאת ועוז.

זאת ועוד, בנוסף לזה האָט מען דערגרייכט בסייעתא דשמיא אַ הצלחה גדולה למעלה מן המשוער, וואָס די רוף וואָס איז אַרויס פון הנהלת הקהלה אין אַ ספּעציעלן בקשה מיוחדת, אין פאָרום פון אַ האַרציגן בריוו מעומק הלב, פאר אַן אויסגעקליבענע גרופּע, בעלי בתים ואברכים נכבדים מחשובי הקהלה, אז דאָס יאָר זאָלן זיי פּרובירן צו העכערן די מעמבערשיפּ לויט זייערע יכולת, דורך זיך אָנשליסן אַלס 'חבר זהב' אָדער כאָטש אַלס 'חבר כסף', האָבן זיי דאָס אויפגענומען מיט וואַרעמע רצונות וואָס האָט ווידעראַמאָל געציינט באַשיינפּערליך די זעלטענע וואַרעמקייט וואָס הערשט אינערהאַלב חברי ק"ק קרית יואל למען קיום הקהלה.

דער ציל איז פאַקטיש דערגרייכט

געוואָרן, ווען 'הונדערטער' 'פרישע' חברי הקהלה האָבן מיט אַנטשלאָסענע אש קודש זיך ערוואָרבן מיט דעם עהרן-טיטל 'חבר זהב וכסף' און מיט דעם געטון די נויטיגע שריט צו באַפעסטיגן די אימפעריע פון אונזער הייליגע קהלה אויף אייביג, צו קענען ווייטער גיין מיט די פעולות חובקות רונדע דעם יאָר!

## קומענדיגע שטאַפּל אינעם 'דיום קאַמפּיין': כל יחיד ויחיד!

אַצינד ווען מ'האָט שוין ב"ה דערגרייכט דער מספר עצום פון אַזויפיל אנשי שלומינו וואָס האָבן שוין פאַקטיש אויסגעפירט די התחייבות צו באַצאָלן די דמי חבר, לאָזט מען זיך אַריין אין די קומענדיגע שטאַפּל, נעמליך, אַצינד אַרבעט מען אָנצוקומען צו אַלע נייע יונגעלייט, דאַרונטער די נייע תושבים, און אַזוי אויך די אַלע חברי הקהלה וואָס האָבן נאָך באַלאַנסן און זענען נישט אָנגעקומען דאָס אָפּצוצאָלן, אַז מ'זאָל אָנקומען צו זיי בעוד מועד, שטייענדיג אין די וואָכן ווען ס'איז באַשטימט אַלס זמן קהלה לכל.

אַז אויך זיי זאָלן זיי אַ חלק פון די הייליגע קהלה, אויך זיי זאָלן זיין אַ חלק צו צעמענטירן אָט די אַלע פעולות וואָס מ'טוט דורכאויס יעדן טאָג לטובת 'יעדן יחיד' וואָס איז דער קיום הרוחני פון 'יעדן יחיד'.

די געטרייע משמשי בתי מדרשות דקהלתינו אַרבעטן יעצט רונדע דעם זייגער זיכער צו מאַכן מ'קומט אָן צו יעדן יחיד ויחיד, צו יעדן מיט אַ באַלאַנס וואָס האָט נאָכנישט אַ זעראָ דערויף, זיי אנצושליסן אין די יעצטיגע זמן צו זיין אַ חלק פון די אַלע טויזנטער חברי הקהלה וואָס האָבן שוין באַצאָלט די התחייבות, וואָס יעדער באַגרייפט אַזוי קלאָר און דייטליך אַז נאָר מיט 'יעדן יחיד'ס' דמי חבר, קען די קהלה אָנגיין, נאָר ווען 'יעדער יחיד' איז אָפּגעצאָלט, דאַן קען מען פאָראויסגיין מיט אַלע פעולות רונדע דעם יאָר.

יעדער פאַרשטייט קלאָר אַז דאָס אויפהאַלטן און פאַרברייטערן די קהלה קדושה אין קרית יואל, ווערט קאָסטבאַרער און פאַרצווייגטער מיט יעדן פארבייגייענדן טאָג, עס קאָסט אָפּ מיליאָנען, עס קאָסט אָפּ טעג און די הנהלת הקהלה רייסט פון זיך לעבעדיגע שטיקער צו קענען פאָרזעצן און פּראָגרעסירן.

איז יעצט בזמן קהלה לכל, וועט יעדע יחיד קלאָרשטעלן און אַרויסצייגן די וואַרעמע גרייטקייט. יעדער יחיד ויחיד וועט זיך אָנשליסן אַלס 'אַקטיווער חבר הקהלה' מיט אויסגעצאלטע דמי חבר.

מיט יעדן מעמבערשיפ וואָס ווערט 'יעצט' געצאלט בעתו ובזמנו, צייגט יעדער יחיד פאַר די ראשי הקהלה, אַז מיר וועלן נישט אויפגעבן, מיר וועלן נישט צוריקפאַלן, אין דער קיום פון די קהלה איז תלוי אונזער יסוד, אונזער קיום, אונזער שטאָט וואס רבינו הקדוש זי"ע האט מיט אזויפיל בלוט און שווייס געגרינדעט ס'זאָל עד ביאת הגואל דינען אַלס די באַזע פאַר יעדן איד מעדת צאן מרעיתו זיך צו קענען דערהאַלטן בדרך הסלולה לנו.

דער 'זה וזה נהנה' איז דאָך אפילו איבריג צו ערקלערן, מיט די אלע טובות והנאות וואס מ'געניסט בכל יום ובכל עת ובכל שעה, אָבער אזויפיל איז דאָך זיכער אַז אפילו פינאַנציעל-גערעדט איז עס לוינבאַר ביז גאָר, ווייל בעת ווען מ'באצאלט יעצט, ווערט מען תיכף ומיד בארעכטיגט צו געניסן פון די פאפולערע 'קהל'ישע בענעפיטן', און איר באקומט א שאנס צו זיין איינער פון די גליקליכע געווינער פון די רייכע גורלות.

וחביבה מצוה בשעתה, יעצט אין דעם זמן קהלה לכל, צאלט יעדער אויס דעם דמי חבר, און הונדערטער ווערן גאָר געקרוינט מיט אַ העכערע דרגה אַלס 'חבר זהב וכסף', וואָס טוט פאָרמירן א היסטארישער 'כח הרבים', וואָס וועט צעמענטירן אונזער קהלה קדושה לעד ולדורות.

זריזין מקדימין גורל

# היינטיגן דאָנערשטאָג:

# באַקומט בחינם די גאַנצע 'מצות אָרדער' אין בית אופה דקהלתינו הק' 'סאַטמאַר' מצות

**אין א יאר ווען יעדער ווערט געפלאגט פון די שווערע הויכע פרייזן אין די אלגעמיינע גאס, וועט איר רואיג צוגיין צום יו"ט מיט אייער געווינס פון די גאנצע מצות אָרדער לקראת יו"ט פסח הבעל"ט גענצליך בחינם!**




**צאלט יעצט און געווינט!**

## קרית יואל צייגט איר זעלטענע וואַרעמקייט:

**צו ממלא זיין פערזענליכע התחייבות!**

**צו ממלא זיין הוראות ורצון קדשו פון רביה"ק זי"ע!**

**צו מחזק זיין די געטרייע הנהלת הקהלה!**

**צו העלפן קהלתינו הק' ווייטער בלייען!**

**צו פאַרזיכערן אונזער עתיד הדורות ברוחניות!**

# משמשים פון אלע בתי מדרשים דקהל יטב לב איבער קרית יואל רבתי טוען איינקאַסירן די יערליכע דמי חבר הקהלה

### המה הגבורים העומדים על הפקודים בקרב בתי מדרשים דקהלתינו

**בידהמ"ד הגדול: ר' אביגדור נחום** שלעזינגער הי"ו, משמש קהלתינו הק'

**ישמח משה:** ר' משה יאקאבאוויטש הי"ו, משמש

**בית מרדכי לייב:** ר' ברוך יודא שישא הי"ו, משמש

**בידהמ"ד בית יעקב נחמי:** ר' יואל ווינשטאק הי"ו, גבאי

**בידהמ"ד ווינטשעסטער:** ר' פנחס שמעי' פערענץ הי"ו, גבאי

**בית כהנא: ר' זלמן לייב** מארקאוויטש הי"ו, משמש

**בית יקותיאל:** ר' שלום יוסף אייזנבערג הי"ו, גבאי

**בידהמ"ד בית יעקב:** ר' אברהם בנימים שפירא הי"ו, משמש

**בידהמ"ד טיב לבב:** ר' יואל גאלדשטיין הי"ו, משמש

**בידהמ"ד איילענד וויא: ר' אברהם** שלמה לעבאוויטש הי"ו, גבאי

# טראַפיק און סעיפטי פובליק הירינג אָפּגעהאַלטן דורך ווילעדזש אָון קרית יואל

אין אַ צייט וואָס די שטאָט קרית יואל וואַקסט און בליעט פון אַלע זייטן, וואָס טוט איבערהויפט אַפעקטירן 'אַלט קרית יואל', אונטער ווי די גרעניצן פון דעם ווילעדזש אוו קרית יואל, איז דעריבער אפגעהאלטן געוואָרן פאַרלאָפענע וואָך א 'פובליק הירינג' וואו עס האָבן זיך באַטייליגט אַ צאָל תושבים און ס'איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן געדאַנקען וויאַזוי מ'קען פאַרבעסערן די טראַפיק און סעיפטי פון דער שטאָט.

די הירינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעם נייעם געריכט-זאַל אויף בעיקערטאון ראָוד, און ס'איז צושטאַנד געקומען נאָכדעם וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט מען ב"ה זיך פאראויסגערוקט און פארענדיגט גרויסע פראיעקטן פון געדאנקען וואס איז אויסגעשמועסט געווארן ביי דעם לעצטן פובליק הירינג מיט 12 יאר צוריק. ביי דעם הירינג זענען געוועזן אָנוועזנד צווישן אַנדערע אַ צאָל באס דרייווער, קאַר סערוויס אייגנטומער, און פילע חשוב'ע איינוואוינער פון געגענטער און גבאי בתי מדרשים, וועלכע אלע האבן צוגעגעבן צום 'תשועה ברוב יועץ'.

צווישן אנדערע איז אויפגעברענגט געווארן פלענער פון אריינרוקן די סיידוואק פארנט פון עזרת חולים דורך באזייטיגן די ביימעלעך צווישן די יעצטיגע סיידוואק און פארקינג לאַט, וואס איז זייער קריטיש ביי יענעם פארנומענע ווינקל, ווען אפילו נאכ'ן לייגן די צעמענטע בלאקערס איז דער טרעפיק נאכנישט גענוג פליסיג.

עטליכע אָנוועזנדע האבן דערביי פאָרגעשלאָגן א געדאנק צו לייגן צעמענטע בלאקערס אויך אויפ'ן קארנער פון 'גארפיעלד קארנער העיס', וואס האט גאר אסאך אייגענשאפטן מיט די זעלבע טרעפיק שוועריגקייטן ווי דעם ווינקל פון 'פארעסט קארנער ווען ביורען', וואו דארט האָבן די בלאקערס גאר אסאך געהאלפן און דעריבער קען דאָס אויך אויף גארפיעלד פארבעסערן די טרעפיק.

גאר פאזיטיוו איז אויפגענומען געווארן די פּלענער צו אינסטאלירן א טרעפיק לייט ביי 'רימונוב קארנער קוויקוועי', וואָס שטייט אַצינד די ערשטע אין די רייע צו באקומען טרעפיק סיגנאַלן, נאָכדעם וואָס דער ווינקל איז לעצטנס פארוואנדלט געווארן אין א פארנומענע אינטערסעקשאן.

אויך איז באהאנדלט געווארן די נויט פון מאכן פולקאמע טרעפיק לייטס ביים קריטישן אינטערסעקשאן פון 'בעיקערטאון קארנער מירון', וואו עס הערשט אַן ערנסטע גרידלאַק און קאָסט אָפּ פאר מאָטאָריסטן אַסאַך טייערע מינוטן.

מען האט אויפגעברענגט די שווערע פראבלעמען פון תושבי 'שכונת ברך משה' וועלכע פארמאגט בלויז איין אַרויסגאַנג. עס האבן זיך באטייליגט דארט עטליכע תושבים וועלכע האבן ארויסגעהויבן די שוועריגקייטן טאג טעגליך וואס דאס ברענגט פאר דער געגנט. דער ווילעדזש האט פארשפראכן אז מען וועט ווייטער ארבעטן מיט'ן טאַון אָוו וואדבורי, וועלכע מאַכן שוועריגקייטן און לאָזן דערווייל נישט א נייע ראוד צו פארבינדן די שכונה צום רוט 105 קעגן איבער דעם שטח פון מוסדות בני יואל.

ס'איז ביי דעם זיצונג באַשטעטיגט געוואָרן אַז נאָך אַ 'פובליק סעיפטי' בודקע וועט בקרוב אינסטאלירט ווערן ביים ווינקל פון מירון, פראג און דעעש היטש פלאַץ, געאייגנט פאר די זיכערהייט פון די אָרטיגע תושבים, אַז ס'זאָל זיין אַ פובליק סעיפטי אָנוועזנהייט אין די שבתות וימים טובים. גלייכצייטיג איז אויסגעשמועסט געווארן דאָס געברויך בעסער באַלייכטן יענעם ווינקל פאר די זיכערהייט פון די פיסגייער און היטשערס.

מען האָט דערביי אויך דערמאַנט פלענער צו אינסטאָלירן אַ טראַפיק ליכט אינמיטן גאַרפיעלד רד. צווישן די צוויי גרויסע בתי מדרשים, וואָס שאַפט אַ שטאַרקע אנשטויסעניש, איבערהויפט מיט די ווייטערדיגע פלענער ארויסצובויען די בתי מדרשים נענטער צו גאַרפיעלד, און אַ טראַפיק ליכט קען זיין בייהילפיג צו לינדערן דעם אָנגעלייגטן טראַפיק.

אין א באַגריסענדע שריט איז געמאלדן געווארן איבער די ווייטערדיגע פלענער אנצוהייבן אקטיוו די ארבעט אויף די דעעש-רוט 105 קאנעקטינג ראָוד, וואָס וועט בעז"ה אַריינגיין אין שוואונג אין די קומענדיגע זומער חדשים, און וועט האָפנטליך זיין אַ געוואלדיגע הילף פאר די אָנגעלייגטע בעיקערטאַון רד.

אויך איז באגריסט געווארן די פארבעסערטע 'פובליק טראנספארטאציע', וואָס טוט ב"ה עלעמענירן דאָס באנוץ פון גוי'אישע טעקסיס אין די אַלע צייטן פון פרייטאָג נאָכמיטאָג און מוצש"ק, צו האלטן די שטאט פארזיכערט פון אומפאַראַנטוואָרטליכע קאַר סערוויסעס.

ס'איז אויסגעדרוקט געווארן הכרת הטוב פאר די אלע דעוועלאפער און בוני השכונות וועלכע בויען אויף זייערע קאסטן און באצאלן די גרויסע טרעפיק פראיעקטן אויסצוברייטערן ראודס און צו מאדעפיצירן פארנומענע אינטערסעקשאנס מיט ברייטערע און טורנינג ליניעס.

אויפן פלאץ האט זיך יעדער געקענט לאזן הערן זייערע קאָמענטאַרן וואָס וועט גענומען ווערן אין באטראכט און וועט שפעטער באַהאַנדלט ווערן. איבערהויפט אין אַ צייט ווען אַסאַך פּראָיעקטן זענען נאָך אָפן און מען האַלט אינמיטן די אַרבעט.

די באטייליגטע האבן זיך ווארימהארציג באדאנקט פאר די געטרייע באאמטע וועלכע ארבעטן אויסצוברייטערן די שטאט און מען האפט מיט ווייטערדיגע קאאפעראציע נאכמער אהערצושטעלן די ראודס און טרעפיק לויט די געברויך פון דעם עיר גדולה לאלקים בליעה"ר.





בס"ד
הלילה הזה
כולנו ממשיכין!
תלמוד תורה
דברי חיים
דרבינו יואל
דינער השנתי
המשכתינו
המשכת דורותינו על דרך ישראל סבא
על הדרך רביה"ק זיע"א
תורה דברי חיים דרבינו יו
BUS
ליל המשכתינו
מוצש"ק ויקהל-שקלים
תלמוד תורה דברי חיים
פאָרצוזעצן אונזער לעכטיגע המשכת חינוך דורותינו

הֲלֹא הֵמָּה יוֹרוּךָ מוֹרֶיךָ:

# פאַראייניגטע אסיפת הרבנים אפגעהאלטן אין 'בלומינג גראָוו' דורך רבני העיר שליט"א בנוגע וויכטיגע הלכה'דיגע תיקונים אַנבאַלאַנגט שטאָטישע 'עירוב רבינו יואל'

**אלקים נִצָּב בַּעֲדַת קֵל: הגאונים הצדיקים, רבנים ומורי הוראה היושבים על מדין, באַהאַנדלט בכובד ראש אַ רייע שאלות וואָס זענען לעצטנס אַרויפגעקומען און זענען מדריך די געטרייע עסקני העירוב אויפ'ן אָרט מיט די הלכה'דיגע אָנווייזונגען און הידורים**

בלומינג גראָוו - "ישמחו במלכותך שומרי שבת!", איז געווען דער אויסדרוק פון די באַטייליגטע ביי דעם גייסטרייכן אסיפת גדולי הרבנים הגאונים והצדיקים שליט"א, וואס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם פארלאפענעם מיטוואָך אָוונט דורך די עיני העדה, וועלכע זענען מאציל מהודם בכח תורתם מיט אַלע עניני הנהגת העיר וצרכי הציבור, און זענען אַצינד זיך צאַמגעקומען תחת קורת גג אחד, צו דן זיין איבער פרישע וויכטיגע הלכה'דיגע דעטאַלן אַרום דעם לאָקאַלן 'עירוב רבינו יואל' וואָס פונקציאָנירט מיט פראַכט שוין נאָנט צו צוויי יאָר.

ביי דער געהויבענער אסיפת הרבנים האבן זיך באטייליגט די רבנים מובהקים, בעלי תריסין גאונים וצדיקים העומדים בראש קהלות הקודש אין שטאָט. ובהתאסף ראשי עם איז די אסיפה פאָרגעקומען אין שטוב פון הגה"צ אבד"ק ראדאוויץ שליט"א, מיט דער אָנוועזנהייט פון די לאַנגיעריגע געטרייע עסקני העירוב רבינו יואל בפרט און עסקני העיר בכלל, וועלכע זענען מקריב כוחם ומאודם פאר די צרכי העיר מיום הווסדה. עס האָט דורכאויס די גאַנצע צייט געשפּירט א זעלטענע ערנסטקייט און דערהויבנקייט, ותהי המקום לחרדת אלקים, ווען די רבנים שליט"א זענען במשך אַ לענגערע ווײַלע דן און זענען נושא ונותן אַרום אַלע פּרטים פון דעם שטאָטישן עירוב, בעצה אחת ובדעה אחת לפני המקום, למען קדושת השב"ק.

## דאָס שיינקייט פון דעם 'עירוב רבינו יואל' - לשמו ולזכרו פון רביה"ק מייסד העיר זי"ע

בשעת מעשה, ביי דער געהויבענער אסיפה, איז דורך אַלעמען באַזונדער אַרויסגעהויבן געוואָרן די הערליכע פראַכט פון דעם 'עירוב רבינו יואל' וואָס האָט די זכי' צו זיין נקראת על שמו פון דעם הייליגן רבי'ן זי"ע, וואָס ס'איז בלי ספק די שענסטע הנצחה פאר שמו וזכרו הק' אַז ס'איז נקבע געוואָרן זיין הייליגער נאָמען אויף דעם עירוב אין דער שטאָט וואו אַלע איינוואוינער זענען זיך מתנהג על פי דרכו והולכים לאורו הק' און שטרעבן ווייטער צו ממשיך זיין מורשתו הטהורה פאר זייערע קינדער, עד ביאת הגואל.

איבערהויפּט האָט מען דערמאַנט דאָס אומגלויבליכע מציאות וויאַזוי ס'איז בשעתו געשאַפן געוואָרן די גאַנצע אַסטראָנאָמישע סומע צו בויען דעם עירוב, אויסשליסליך דורך די הונדערטער תושבי העיר פון אַלע קהלות הקודש, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן לקול קריאתם פון אַלע רבני העיר שליט"א, און זענען אַקעגן געקומען מיט פאַנטאַסטישע סכומים, יותר מכפי יכלתם, אַלעס כדי צושטאַנד צוברענגען דעם מאַסיוון פּראָיעקט פון תיקון העירוב כהלכתה.

מען האָט דערביי מעלה געווען על הנס, וויאַזוי ס'איז ערמעגליכט געוואָרן דער הייליגער נאָמען פון 'עירוב רבינו יואל', וואָס האָט פּאַסירט ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביים סאַמע לעצטן שטאַפּל פון דעם גמר העירוב, און עס האָט זיך נאָך געפאָדערט די ריזיגע סומע פון 180 טויזנט דאָלער להשלמת העירוב. דעמאָלט האָבן זיך צוזאַמגענומען אַ גרעסערע צאָל פון חשוב'ע איינוואוינער, און בעצה אחת ובדעת אחת האָבן זיי אינאיינעם אַראָפּגעלייגט דאָס גאַנצע געלט, כדי צו אָפּקויפן דעם זכות




רבינו יואל', ובשמו הק' יקבנו לדורות עולם.

אָט דער נאָבעלער שריט דורך די תושבים האָט צעמענטירט מיד ולדורות דעם מציאות של קיימא אַז די שטאָט באַלאַנגט פאַר אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע! 'בלומינג גראָוו' שטאָלצירט מיט'ן הייליגן נאָמען 'עירוב רבינו יואל' ווייל דאָס איז די גאַנצע ציל און תכלית פון יעדן איינוואוינער, זיך צו פירן און מגדל זיין די דורות אויפ'ן אויסגעטרעטענעם וועג וואָס רביה"ק זי"ע האָט מנחיל געווען בתוכינו.

דאָס איז טאַקע געקומען צום אויבערפלאַך ביי דעם אומפאַרגעסליכן מעמד מיט נאָנט צו צוויי יאָר צוריק, בעפאר פסח שנת תשפ"ב, וואָס איז פאָרגעקומען דורך אַלע רבני העיר פון די קהלות הקודש, וועלכע האָבן דערביי אָפּגעדינגען די אלע פּאָבליק שטחים אין אלע רשותי עכו"ם אינעם גאנצן שטח-העירוב.

מיט אַ בליק אויף צוריק האָט די אויפבוי פון דעם ריזיגן "עירוב רבינו יואל" טאַקע אָפּגעקאָסט די פאַנטאַסטישע סומע פון אַריבער אַ דריי-פערטל מיליאָן דאָלער! וואָס איז אַלעס פינאַנצירט געוואָרן בלויז דורך די חשוב'ע תושבי העיר, וועלכע האָבן דאָס געטון מיט אַ רואיגקייט און אַ פאַרזיכערונג, וואוסנדיג אַז יעדע דעטאַל פון דעם גאַנצן פּראָצעדור פון דעם תיקון עירובין און דער פּיקוח אויף דעם עירוב ווערט ווערן באַגלייט דורך די ערנסטע תורה'דיגע אויטאָריטעט פון די חשוב'ע רבנים ודיינים שליט"א, וועלכע זענען עומד לנס פון דער שטאָט מיט זייער כח התורה והנהגה, מיט'ן גרעסטן הידור כדת וכהלכה.

## דער תכלית האסיפה

די יעצטיגע אסיפת הרבנים איז צושטאַנד געקומען, נאָכדעם וואָס אין די לעצטע תקופה האָבן זיך אָנגעזאַמלט פאַרשידענע פרישע שאלות אַנבאַלאַנגט געוויסע פּרטים פון דעם עירוב, און ווי שטענדיג איז דאָס געברענגט געוואָרן על שלחנם פון די רבנים שליט"א וואָס באַגלייטן די צרכי המקום מיט אַ געוואַלדיגע געטריישאַפט און האָבן אַצינד ווידעראַמאָל דן געווען בכובד ראש את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון, אויך בנוגע שאלות פון אַנדערע עניני הלכה.

צוערשט האָבן די לאַנגיעריגע עסקני העירוב אַראָפּגעלייגט דאָס מציאות און פאַרציילט די השתלשלות פון די פרישע אַנטוויקלונגען וואָס קענען זיין נוגע להלכה.

איז טאַקע מערקווערדיג וואָס די רבנים שליט"א האָבן אויפ'ן אָרט באַטאָנט אַז אויף דעם 'עירוב רבינו יואל' קען מען ממליץ זיין, דאָס וואָס בעלי הוראה פון דעם דור הקודם פלעגן זאָגן אַז אַ מקוה דאַרף מען בויען אַזוי גוט אַז ס'זאָל בכלל נישט זיין קיין שאלות. דאָס זעלבע איז ב"ה מיט דעם 'עירוב רבינו יואל' וואָס איז אַזוי מהודר'דיג אַהערגעשטעלט געוואָרן אַז ס'איז ניטאַמאָל פאַרהאַן קיין שאלות, אָבער פאָרט קומט אונטער פרישע אַנטוויקלונגען אויפ'ן פּראַקטישן פראָנט וואָס דאַרפן כסדר אַדרעסירט ווערן.

## די שאלה בנוגע דעם 'דאַמבע' אין לעיק שאור

ס'איז דערביי פאָרגעלייגט געוואָרן

די הלכה'דיגע שאלה וואָס איז נוגע דעם 'דאַמבע' ביים וואַסער פון שכונת לעיק שאור. שטייענדיג אין אַ צייט וואָס די לאָקאַלע ווילעדזש פלאַנירט צו רענאָווירן דעם 'דאַמבע' האָבן די היימישע געטרייע ווילעדזש באַאמטע אָנגעפרעגט ביי די עסקני העירוב אַז זיי זאָלן פרעזענטירן דאָס מציאות הדברים פאר די רבנים שליט"א און ועל פיהם ישק כל דבר, צו פאַרזיכערן דעם הידור העירוב.

אויפ'ן אָרט האָבן די עסקני העירוב אַראָפּגעלייגט אַ דעטאַלירטע מאַפּע, וואו די רבנים שליט"א זענען געזיצן איבערגעבויגן און דערביי איבערגעגאַנגען דאָס פּונקטליכע מציאות פון די גבולי העירוב, און ס'איז אויסגעשמועסט געוואָרן וואָס עס דאַרף געטון ווערן אַז דער עירוב זאל פאַרבלייבן מיט'ן תכלית ההידור והכשרות בעז"ה.



## די זהירות וואָס פאָדערט זיך לגבי צורת הפתח'ס און לחי'ס

דאַן איז באַזונדער אויסגעשמועסט געוואָרן די וויכטיגע נושא וואָס דאַרף אַ זהירות, בנוגע די פילע צורת הפתח'ס און לחי'ס וואָס דאַרפן כסדר ווערן איבערגעפרישט, צוליב שווערע וועטער'ס און אַנדערע פּראָבלעמען. די רבנים האָבן נושא ונותן געווען וויאַזוי מ'דאַרף איבערמאַכן די הלכה'דיגע פרטי העירוב על מכונם, לפי שיטת הפוסקים אשר מפיהם אנו חיים.

## דאָס וויכטיגקייט צו מעורר זיין פרישע דעוועלאָפּמענטס

דערנאָך האָבן די רבנים שליט"א אַרויסגעברענגט דאָס נחיצות אַז אין אַ צייט וואָס די שטאָט גייט ב"ה פאָראויס מיט אַ געוואַלדיגע הרחבת גבולי הקדושה אויף אַלע זייטן, ווען עס בויען זיך ב"ה פרישע פּראָיעקטן און דעוועלאָפּמענטס, איז וויכטיג אַז די בויער און דעוועלאָפּער זאָלן נעמען צו קענטעניס די גבולי העירוב, כדי מ'זאָל זיך נישט אָנשטויסן אין אומזינסטע עגמת נפש וואָס קען אונטערקומען מחמת חוסר ידיעה.

## החלטת האסיפה

נאָך אַ לענגערע ווײַלע פון איבערשמועסן אַלע הלכה'דיגע צדדים, דבר דבר על אופניו, זייענדיג מברר כשמלה אַלע צדדים און חששות, האָבן די רבנים איבערגעגעבן פאר די עסקני העירוב די קלאָרע הכרעות כדת מה לעשות, להלכה ולמעשה באופן היותר מועיל.







גלייכצייטיג האָבן די רבנים שליט"א באַטאָנט אַז ס'איז וויכטיג צו אויפמערקזאַם מאַכן פאַר דעוועלאָפּער פון פרישע פּראָיעקטן, אַז מען זאָל זיך פאַרשטענדיגן מיט די עסקני העירוב גענוג פרי, גלייך ווען מען האַלט נאָך ביי די פּלאַנירונג שטאַפּלען פון די בוי אַרבעט, וואָס אַזוי אַרום וועט דאָס בעז"ה פאַרזיכערן אַז מ'זאָל אַלעס קענען מסדר זיין אויפ'ן בעסטן פאַרנעם.

באַזונדער האָבן די רבנים אויפגעפאָדערט אַז כדי צו פאַרמיידן מכשולות חלילה, און כדי אַז דער ציבור זאל מיטלעבן מיט'ן עירוב, דאַרף דער 'וועד העירוב' אַוועקשטעלן אַ קביעות'דיגן 'עירוב ליניע', וואו עס וועט יעדע וואָך ערב שב"ק געמאָלדן ווערן די סטאַטוס פון דעם כשרות העירוב, נאָך דעם וועכנטליכן איבערזיכט און פּיקוח דורך די געטרייע משגיחי העירוב.

## כל מקדש שביעי כראוי לו!

אכן מה נהדר היה המראה, ווי שיין און ווי בע'טעמ'ט איז דאן געווען דאס בילד ווען עס האט זיך אנטוויקלט לעבהאפטיגע דוסקוסיעס צווישן די רבנים ומורי הוראה שליט"א, וועלכע האבן צווישן זיך נושא ונותן געווען איבער די פרטי הדברים פון דעם מציאות העירוב און די הלכה'דיגע הכרעות וואָס דאַרף געמאַכט ווערן, ווען אלעס גייט צו מיט א מורא'דיגע ערנסטקייט אין יראת הכבוד און מען קען באשיינפערליך טאַפּן אין דער לופט דאָס קדושת השבת, כי הוא מקור הברכה.

נאָך אַ לענגערע צייט פון תורה'דיגע דיונים האָט מען זיך צעשיידט פון דער אסיפה, מיט געהויבענע געמיטער, ווען ס'איז ב"ה געקומען צום אויסדרוק דער כח התורה והנהגת העיר. אינאיינעם מיט א שבח והודאה צום אויבערשטן פאר אלעס ביז אהער, איז מען ווייטער מתפלל מיט א בקשה על העתיד צו קענען אויפהאלטן דעם 'עירוב רבינו יואל' מיט'ן פולסטן אחריות אונטער דער תורה'דיגער אויטאָריטעט, אַדאַנק די שטענדיגע הארעוואניע, געלט און ארבעט וואס ווערט אַריינגעלייגט אז דער עירוב זאל טאקע בלייבן מיטן שטערקסטן הידור בעז"ה לאורך ימים.

**שמחים לשמרו ולערב עירובו!**

# טויזנטער לעכטיגע תשב"ר פּאַרפּלייצן ביהמ"ד הגדול ביי ערשטמאָליגער און הערליכער מעמד מרומם 'צאצאינו' שע"י חבורת 'ושננתם לבנך'

## אָפּגעראָכטן מיט זעלטענע התרוממות דעם פאַרלאָפענעם מוצאי שב"ק פּרשת תרומה העעל"ט בהשתתפות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

**מעמד צייכנט אָפּ די אויסטערלישע הצלחה אינערהאַלב חבורת 'ושננתם לבנך' נאָך מחזות הוד דורכאויס ווינטערדיגע מוצאי שב"ק בכל קצוי העיר אַדאַנק געטרייע אַרבעט פון עסקני וגבאי הקהלה**

קרית יואל. - אין אַ מזל'דיגע דערהויבענע שעה האָבן טויזנטער צאן קדשים, תינוקות של בית רבן פון אַלע עקן שטאט, מיטגעלעבט דעם פאַרלאָפענעם מוצש"ק פּרשת תרומה העעל"ט אַן אומפאַרגעסליכן מעמד נהדר בקודש, דער מעמד 'צאצאינו', וואָס האָט אָפּגעצייכנט די ענדע פון אַ ליכטיגן ווינטער זמן אינערהאַלב די הייליגע חבורה 'ושננתם לבנך', וואָס האָט איינגעהילט מיט אַ שטורעם די גאַנצע שטאָט, אבות על בנים, ללמוד וללמד לשמור ולעשות!

### די אויסטערלישע הצלחה און וואוקס פון 'ושננתם לבנך'

מיט ווערטער קען מען נישט גענוג שילדערן די אויסטערלישע תועלת פון דעם הערליכן לימוד שע"י חבורת "ושננתם לבנך", וואָס איז איינגעפעדימט געוואָרן מיט אַ שיינקייט אין די סאַטמאַרער בתי מדרשים בכל רחבי העיר רבתי, איבערהויפּט דורכאויס דעם פאַרלאָפענעם ווינטער העעל"ט ווען די חבורה איז אויפגעאַרבעט געוואָרן עשרת מונים למעלה מעלה.

ס'איז שוין געוואָרן ווי אַ קביעות אין שטאָט אַז אין די לאַנגע מוצאי שבתות במשך דעם גאַנצן ווינטער, פונקציאָנירט מיט פראַכט דער סדר פון "ושננתם לבנך", אַראַנדזשירט דורך די געטרייע עסקני הקהלה, ווען הונדערטער עלטערן מיט זייערע קינדערלעך שליסן זיך אָן אין דעם מסגרת, צו לערנען אינאײנעם בהתמדה און אויסנוצן די טייערע צייט פאר די מצות עשה פון "ושננתם לבנך".

שוין אָפּגערעדט פון די תענוג רוחני וואָס דאָס באַדייט פאר די טייערע עלטערן, וועלכע זענען פאַריאָגט און פאַרפּלאָגט דורכאויס די וואך, און ס'קומט נישט אויס געהעריג צו האָבן אַ פּערזענליכן תורה'דיגן קשר, צו זיצן אינאײנעם מיט די קינדער און לערנען מיט זיי. אַזאַ סדר הלימוד פון "ושננתם לבנך" איז דעריבער עפּעס אויף וואָס די עלטערן און די קינדער קוקן באַשיינפערליך אַרויס די גאַנצע וואָך, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו בנועם קדושת התורה.

ונהי' אנחנו וצאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל

צאצאינו

כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה

ילדי תשב"ר במסגרת

מפעל ושננתם לבניך

בבתי מדרשות

דקהל יטב לב סאטמאר

קרית יואל

**מוצש"ק תרומה תשפ"ד לפ"ק**

דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער סעזאָן האָבן די געטרייע עסקני הקהלה אינוועסטירט שווערע כוחות צו אויסשפּרייטן די חבורה אין אַלע צענטראַלע בתי מדרשים אין שטאָט מיט אַ געוואַלדיגע התרוממות קרן התורה. צווישן אַנדערע איז דער פּראָגראַם טאַקע איינגעפעדימט מיט אַ געוואַלדיגע הצלחה אין בית המדרש הגדול; בית המדרש טיב לבב; ביהמ"ד בית כהנא; ביהמ"ד בית יקותיאל; בית המדרש בית יעקב נחמי'; בית המדרש בית יעקב אין שכונת בלומינג גראָוו, בית המדרש בית מאיר, בית המדרש שכונת פּעני קט., בית המדרש קיט"ל שכונת ווינטשעסטער, און ביהמ"ד מעריוואלד, וועלכע זענען געווען פול - געפּאַקט מיט גליקליכע טאַטעס און קינדער, יעדע וואָך מוצאי שב"ק באַזונדער.

### די צוגרייטונגען צום הערליכן מעמד 'צאצאינו'

שטייענדיג ביים שלוס פון אַזאַ סוקסעספולע ווינטער זמן איז דורך די געטרייע עסקני החבורה באַשלאָסן געוואָרן צו אַראַנדזשירן אַ צענטראַלע מסיבת מלוה מלכה ומעמד 'צאצאינו', וואָס איז פאָרגעקומען מוצש"ק תרומה העעל"ט, וואו די הונדערטער קינדער פון אַלע בתי מדרשים האָבן זיך פאַראייניגט תחת קורת גג אחד, בין כותלי בית המדרש הגדול, וואָס האָט געדינט אַלס אַן אויסטערלישע חיזוק פאַר דעם הייליגן פּראָגראַם און האָט אַריינגעבלאָזן אַ פרישן גייסט פון חשקות התורה ביי די תשב"ר.

ס'איז שוין לאַנגע וואָכן וואָס די עסקנים הדגולים, אין שפּיץ פון העסקן הנמרץ הר"ר פישל ראָזנבערג הי"ו, לייגן אַריין כוחות עצומים אַהערצושטעלן די מסיבה מיט'ן גאַנצן פּראַכט. מען איז געזיצן אויף עטליכע מיטינגען מיט די עסקנים און גבאים פון אַלע בתי מדרשים. ותשוח"ח פאר העסקן הנודע הר"ר יצחק אייזיק וואלטער הי"ו, רוח החיים פון ביהמ"ד בית יעקב נחמי', וואָס האָט אַהערגעשטעלט דעם זעלטן רייכן פּראָגראַם להנאת כל המשתתפים.

די צוגרייטונגען צום גרויסן מעמד האָט זיך אָנגעהויבן שוין אַ וואָך בעפאָר, מוצש"ק משפּטים, ווען אין אַלע בתי מדרשים איז אויסגעטיילט געוואָרן די 'איינטריט קאַרטלעך' פאַר די קינדער, וועלכע האָבן זיך באַטייליגט אין 'ושננתם לבנך', אַז זיי זאָלן קענען אַנטייל נעמען ביים מעמד















'צאצאינו'.

באלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט אן אַנגענעמע איבערראַשונג אַז די גבאים פון די בתי מדרשים האָבן אונטערגעשאַצט דעם צאָל פון קינדערלעך בליעה"ר. דורך די קאַרטלעך איז געוואָרן קלאָר אַז עס רעדט זיך דאָ פון אַ לגיון של מלך פון טויזנטער תינוקות של בית רבן וואָס האַלטן מיט יעדע וואָך דעם הערליכן פּראָגראַם, און אַדאַנק דעם האָט מען טאַקע געדאַרפט מאַכן לעצט - מינוטיגע שינויים צו אַקאָמאַדירן יעדעס קינד באַזונדער אויפ'ן שענסטן פאַרנעם.

איבריג צו זאָגן אַז צווישן די טייערע קינדער איז דער מעמד פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס דער געשפּרעך פון טאָג, ווען אַלעס גרייט זיך מיט אַן ערוואַרטונג זיך צו באַטייליגן און מיטלעבן די גייסטרייכע מאָמענטן.

## דא הוא סעודתא דדוד מלכא משיחא; דער מעמד המרומם

צו דער באַשטימטער צייט, מוצש"ק פּרשת תרומה, האָבן די געטרייע עסקני החבורה צוגעשטעלט אַ געניטע טראַנספּאָרטאַציע אונטערנעמונג ווען באָסעס זענען אַרויסגעפאָרן און קורסירט פון אַלע בתי מדרשים פון אַלע געגנטער און שכונות איבער דער גאַנצער שטאט.

אנקומענדיג אין ביהמ"ד זענען די מאַסן קינדער העפליך אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך די 'נאמני הקהלה', וועלכע האבן זיך מאָביליזירט צו אנפירן מיט'ן ארדענונג פון דעם גאַנצן מסיבה. גלייך ביים אנקומען האט יעדעס קינד ערהאלטן א מתנה קארטל, פאר גאר א ווערפולע געשאַנק. (צוליב אומפאָראויסגעזענע סיבות איז די מתנה נישט אָנגעקומען באַצייטנס צום מעמד און עס וועט פאַרטיילט ווערן אין די נאָנטע טעג).

ווען מען האָט געכאַפּט אַ בליק אינעם היכל בית המדרש האָט זיך ווירקליך אַנטפּלעקט אַ הערליך בילד, מיט לאַנגע רייעס פון ענדלאָזע שורות בענק, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג זעט, וואָס איז באַזעצט דורך די טייערע לעכטיגע צאן קדשים, וועלכע זענען געזיצן לאַנגע שעות מיט אן איידלקייט און גענאָסן פון די געהויבענע מאָמענטן.

אין בית המדרש האָבן די לאַנגיעריגע עסקני 'ושננתם לבנך', הר"ר הערשל ראָזענבערג הי"ו און הר"ר ליפא טארים אויפגענומען הי"ו פערזענליך יעדעס קינד בסבר פנים יפות און זיי האָבן אַראָפּגעזעצט די קינדער ווען אויף יעדנס אָרט איז געווען שיין געדעקט און אָנגעגרייט מיט אַ רייכע און נאַרהאַפטיגע סעודת מלוה מלכה כיד המלך.

דער סדר המעמד האָט זיך אָנגעהויבן ווען ס'איז פאָרגעלערנט געוואָרן משניות דורך העסקן הנמרץ לכל דבר שבקדושה, ולכל עניני קהלתינו הק', הר"ר יצחק אייזיק וואלטער הי"ו, רוח החיים פון ביהמ"ד בית יעקב נחמי' וועלכע באַגלייט די אָרטיגע חבורת 'ושננתם'. מען האָט געלערנט משניות ווי ס'איז איינגעפירט יעדע וואך אין ביהמ"ד בית יעקב נחמי' - לע"נ משה זאב ע"ה בן הר"ר מיכאל דוב פישער שליט"א, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט אַ הילכיגע 'אמן יהא שמי' רבא' דורך די טויזנטער צאן קדשים. קדיש איז געזאגט געווארן דורך הר"ר חיים אברהם ראָזנפעלד הי"ו חבר הנהלת הקהלה, שטייענדיג בשנת האבל לפטירת אביו הרה"ח רבי נחמי' צבי ז"ל, מחשובי וזקני חברי קהלתינו הק'.

דאַן איז אָפּגעראָכטן געוואָרן דער הערליכע פּראָגראַם, ווען ס'איז געצויגן געוואָרן קאָסטבאַרע גורלות, מען האָט פאַרטיילט קוגל מיט מעדנים וממתקים, און ס'איז פאָרגעקומען ספּעציעלע פּרעזענטאַציע דורך די היימישע 'אן טיים סטודיאָ' וואו מ'האָט אויסגעלערנט די קינדער אַ נייע ניגון אויף די ווערטער 'והשיב לב אבות על בנים ולב אבות על בנים' וואָס מען האָט אויפ'ן אָרט אַריינגעזינגען און פּראָפעסיאָנאַל רעקאָרדירט.

## הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א באַשיינט דעם מעמד

אַ גרויסע איבערראַשונג האָט באַהערשט די קינדער ווען הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א האָט זיך מטריח געווען אַרויסצוקומען זיך באַטייליגן ביים מעמד, כדי צו מחזק זיין די טייערע תשב"ר מיט זייער לימוד התורה און אויסדרוקן זיין הכרת הטובה פאר די עסקנים החשובים, וועלכע האָבן ערמעגליכט אַזאַ שטוינענדע הצלחה.

ס'איז געווען קענטיג דאָס התרגשות פון דעם רב שליט"א זעהנדיג די הערליכע מחזה פון אַזויפיל צאן קדשים וועלכע פילן איבער דעם גרויסן היכל. צוערשט האָט הר"ר אייזיק וואלטער הי"ו באַגריסט דעם רב שליט"א מיט קורצע ווערטער. דאַן האָט מען געהערט רגשי הלב פון האברך הנמרץ, נזר נאמני הקהלה, הר"ר פישל ראָזנבערג הי"ו, וואָס אים איז צו פאַרדאַנקן די הצלחה פון דעם היי- יאָריגן התעלות פון דער חבורה בכלל און די מלו"מ בפרט, וועלכער האָט אצינד אַרויסגעברענגט רגשי לבבו.

מיט אַ געוואַלדיגע יראת הכבוד האָבן די קינדער זיך צוגעהערט צו די דברי ברכה פונעם רב שליט"א וואָס האָט וואַרעם געוואונטשן אַז דער זכות פון הבל פיהם של תשב"ר זאל זיי באַגלייטן צו אויסשטייגן ווייטער און ברענגען אַסאַך נחת דקדושה פאר זייערע עלטערן מתוך הרחבת הדעת.

## אן אומפאַרגעסליכער מעמד אין יעדן הינזיכט

נאָכדעם וואָס דער רב שליט"א האָט פאַרלאָזט דעם ביהמ"ד האָבן די קינדער הנאה געהאַט צו מיטהאַלטן אן אינטערעסאַנטע קונץ שפּיל דורך הר"ר מאיר ליכט הי"ו, און נאָך אַ לענגערע צייט פון זיך שווער קענען שיידן פון די געהויבענע מאָמענטן מלא קורת רוח האָט מען אַרויסבאַגלייט די הונדערטער קינדער צו די באָסעס, וואו די עסקנים האָבן זיכער געמאַכט אַז יעדעס קינד קומט אן אַהיים בשלום.

אין די נאָכפאָלגנדע טעג איז דער מעמד ווירקליך געבליבן דאָס געשפּרעך פון טאָג ביי די טייערע קינדערלעך, און פאַרשטענדליך אויך ביי די גליקליכע עלטערן וועלכע האָבן נישט גענוג לויב-ווערטער פון רגשי הכרת הטוב צו דאַנקן די געטרייע הנהלת הקהלה וגבאים נאמנים וואָס האָבן דאָס אַלעס ערמעגליכט מיט אַזאַ שיינקייט און פראַכט, ישלם ה' שכרם!

**יגדיל תורה ויאדיר - ושננתם לבנך!**

# תושבי קרית יואל ערווארטעט צום מסיבה של מצוה לטובת מוסד "חמלה ואמונה" קומענדיגן זונטאג ויקהל

## אין שטוב פון חשוב'ן מנהל הרה"ג ר' מיכל וואלף פאלקאוויטש שליט"א - רייכע מתנות צוגעגרייט פאר די חשוב'ע תומכים

## נייער ספר 'ימי חיים' - 600 בלעטער פרקי ימי חייו פון הגה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע - וועט פארטיילט ווערן פאר נדבני 'זכות שותפות לשבוע' $360

קרית יואל. - קומענדיגן זונטאג פ' ויקהל הבעל"ט וועט בעז"ה פארקומען דער גאר אויסנאמליכער מגבית אדירה וואס איז געווידמעט פאר "קינדער" תינוקות של בית רבן, טייערע ליכטיגע צאן קדשים שלא טעמו טעם חטא, וואס מען טוט זיי ארויסהעלפן און באגלייטן מיט הילף אין הבנה, קריאת העברי, א.א.וו. פאקטארן וואס קענען ח"ו שטערן דאס קינד אין זיינע שפעטער יארן, אויב מען טוט דאס נישט העלפן באצייטנס יונגערהייט.

ברוך השם אז אין די ראמען פון די מוסדות הק' "בני יואל" פונקציאנירט שוין דער מוסד הק' "חמלה ואמונה", אויף א זעלטענעם הצנע-לכת-דיגער אופן, אזוי שטארק באהאלטן, אז עס וועט נישט זיין קיין גוזמא אז קוים קוים דער קינד וואס גייט ארויס צולערנען מיט די געטרייע מלמדים להועיל ווייסט בכלל ווי און פארוואס ער איז געגאנגען.

בסך הכל פונקציאנירט א שטאב פון "7" עוסקים במלאכת הקודש, מיט א זעלטענע איבערגעגעבנקייט, און אויסערגעוועונליכע געטריישאפט, עס איז ווי א באזונדערער אימפעריע, "מוסד בתוך מוסד", אויפ'ן גרעסטן און שענסטן דרך כבוד וואס עס איז נאר שייך.

אזוי ארום אז יעצט לקראת דעם אזוי קריטיש וויכטיגן דינער הויבן מענטשן בכלל נישט אן צו באגרייפן וואספארא גרויסער פארנעם עס באהאלט זיך אונטער דעם שם המוסד, און דערפאר קומען די חשוב'ע עסקנים ומנהלי המוסד ארויס צום ברייטן ציבור מהנעשה והנשמע בין כותלי המוסד, צו ערקלערן און אויפוואכן דעם ציבור, איבער דעם ברייטפארצווייגטן נעץ פון הילף וואס ווערט צוגעשטעלט.






איינע פון די פאקטארן וואס דער מוסד טוט זיך גאר שטארק ספעציאליזירן איז, אז דער עיקר דגוש ווערט געלייגט צו כאפן דעם פראבלעם באצייטנס, און עס תיכף ומיד בעז"ה באווארענען, אזוי אז אסאך קינדערלעך שיחיו קענען נאך אייניגע חדשים אדער גאר נאך וויינעגער זיך געוונצליך אומקערן צום געוועטליכן סדר הלימודים, ווייל דער פראבלעם איז בס"ד געכאפט געווארן ווען דאס קינד איז נאך געווען יונג.

און אפילו עס פארציט זיך ביי געוויסע פעלער אויף מער, דאך פרובירט מען ווי ווייט מעגליך אז דאס קינד זאל נישט ח"ו ארויספאלן פון די כיתה, ווייל דער ציל איז דאך נאר ארויסצוהעלפן דעם קינד צו אויפשטייגן בתורה ובעבודה וביראת שמים, נאר כדי עס זאל נישט ח"ו זיין "שבשתא כיון דעל על" טוט מען אלעס אנווענדן אז דאס לייענען, לערנען, נקודות, עברי, גוט פארשטיין, א.א.וו. לערנט מען צו מיט אים וויפיל עס פעלט זיך אויס פאר'ן תכלית און תועלת פונעם קינד.

עס זאגט זיך גרינג דער נומען זיבן: כל השביעין חביבין! זיבן חשוב'ע אינגעלייט! מומחים און פראפעסיאנאלן אין קריאת העברי א.א.וו. געפינען זיך טאג איין טאג אויס, בין כותלי המוסדות, און ארבעטן אריין אינעם קינד כדי אים ארויפצופירן אויף די ריכטיגע רעלסן בעזה"י.

די איינציגסטע ציל און מטרה וואס שטייט אין די אויגן פון די חשוב'ע עוסקים במלאכת הקודש איז בלויז דאס טובה פונעם קינד, אז ער זאל אויסוואקסן אן ערליכער איד, א ירא שמים, וואס זאל קענען לערנען גמרא, שו"ע, דאווענען א.א.וו. א זאך וואס איז נישט לטובת דעם "קינד" קומט נישט אין באטראכט, קיינער קומט נישט נעמען דעגרי'ס און בויען קאריערע'ס, עס איז בלויז דער מצות ה' פון "ולמדתם אותם את בניכם"! לערנען מיט די קינדער, חזר'ן מיט זיי א.א.וו.

ברוך השם שעד הנה עזרוני רחמיך, זינט דער מוסד שטייט, האט מען אויפגעטאן און מען טוט אויף גדולות ונצורות,

ביי די פארגאנגענע דינער'ס האבן אויפגעטרעטן מלמדים פונעם מוסד מיט "עדות נאמנה" וואס זיי זעהן מיט זייערע אויגן טאג איין טאג אויס ביי זייערע תלמידים און זיי האבן נישט געקענט זיך גענוג אפוואנדערן פון "אלע" חלקים פונעם מוסד, סיי דער עיקר פונעם מוסד, דער "עצם הלימוד" מיט די קינדער, ווי אויבן דערמאנט, ווי אויך די "געטריישאפט, הארץ און נשמה" פון די עוסקים במלאכת הקודש, וגם לרבות די מורא'דיגע "הצנע לכת" וואס איז פון די שטארקע מעלות פונעם מוסד.

עס איז פשוט כדאי, פאר איר גיט אייער ברייטהארציגע נדבה פאר'ן מוסד, זיך צו באקענען פונדערנאנט מיט די פילפארביגע אקטיוויטעטן דערפון, און אדרבה, פרעגט סיי וועלכן איינגעשטעלטן, וועט ער אייך נישט קענען אויפהערן באוואונדערן די אלע אייגנארטיגע מעלות, ובעיקר די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס דער מוסד האט מיט איר זעלטענע הצלחה און געוואלדיגע פירות.

דאס אז מען האט מצליח געווען ביז היינט צו אנגיין מיט די עבודת הקודש, איז טאקע נאר פון נדבת אחב"י, וואס ווייסן און פארשטייען די וויכטיגקייט פון לימוד התורה פון צאן קדשים ותינוקות של בית רבן, און ספענדן גרויסע געלטער פאר די הייליגע תורה וואס ווערט געלערנט פון די הבל פיהם שאין בהם חטא.

ואדרבה, הוא הנותנת, טאקע אזא הייליגע זאך ווי לערנען מיט קינדער, וואס מוטשען זיך צו פארשטיין תורה, אזא מצוה רבה ונשגבה שאין למעלה הימנו "לימוד התורה פון תשב"ר" איז דאך קימינו בגלותינו המר, און נישט קיין חילוק די כשרונות פונעם קינד, דארף מען צו שטיצן מיט'ן גרעסטן יד רחבה ורוח נדיבה.

טאקע דערפאר צו געבן א שטיקל אויפוואכונג, האבן די הנהלת המוסד "חמלה ואמונה" זיך ארויסגעלאזט צום ברייטן ציבור מיט'ן היי יעריגן קאמפיין, צו געבן די זכי' צו האבן א חלק אין די לימוד התורה פון תשב"ר. די הנהלה אפעלירט אז אזיווי אויפהאלטן א מוסד ווי דעם סארט קאסט עקסטער שווערע געלטער זאל מען זיך אנשטרענגן כאטשיג איינמאל א יאר, און קויפן דעם אומשאצבארן זכות פון **"הצלת הילד"** פון **$360** אדער לכה"פ למיעוטי יכולת **$180** און השי"ת וועט אוודאי באצאלן בכפל כפלים מתוך נחת ושמחה, אכי"ר


הזמנה נחוצה

בעזהשי"ת

בכבוד רב הננו בזה להזמין את כל הורי התלמידים
וכל הקהל הקודש תלמידי וחסידי רבינו הקוה"ט זי"ע

להשתתף
בגוף ובממון אצל

מסיבה השנתי

לטובת הצלחת ועתידה של
בנינו

שנעזרים במסגרת המוסד הקדוש
"חמלה ואמונה"

שהננו עורך בעזהשי"ת

א' ויקהל
משעה 8:00 עד 11:30 בערב

בביתי
21 HAYES CT. #202

וכל מי שנפש בניו ונכדיו יקרים בעיניו מתבקשים להשתתף בסכומים הגונים

המצפה לקבל פניכם באהבה

יחיאל זאב פאלקאוויטש
מנהל רוחני תלמוד תורה תו"י בני יואל ד'סאטמאר

גם אני מצטרף

אברהם יעקב יאקאבאוויטש
מנהל רוחני תלמוד תורה תו"י בני יואל ד'סאטמאר

דינער השנתי
בנינו

# באַגריסנדע אויסברייטערונג אינערהאַלב 'חברים אָוו אָראַנדזש קאַונטי' מיט 10 פרישע מיטגלידער צו אַקאָמאַדירן וואוקס פון קרית יואל רבתי

## חשוב'ע אינגעלייט, באַגאַבטע בעלי חסד ובעלי כשרון, שליסן זיך אָן אין דעם באַוע פון "חברים אָוו אָראַנדזש קאַונטי" צו אַרויסהעלפן אחבנ"י תושבי העיר בכל עת מצוא

**גייסטרייכע מסיבת הכרת הטוב פאר געטרייע חברים וואָלונטירן וועט אָפּגעהאַלטן ווערן דעם קומענדיגן זונטאָג הבעל"ט**

מיט געפילן פון הכרת הטוב טוען תושבי העיר קרית יואל רבתי באַגריסן מיט שעצונג די פּאָזיטיווע מעלדונג פון די אַלעמען באַרימטע וואוילטעטיגע "חברים אָוו אָראַנדזש קאַונטי", וועלכע האָט אין די יעצטיגע טעג אויסגעברייטערט איר פלאָטע מיט פרישע צען חשוב'ע און געטרייע מעמבער, וועלכע וועלן שטיין גרייט צום דינסט פון אידישע קינדער ווען אימער עס פעלט זיך אויס.

בלויז מיטן דערמאנען די ווארט 'חברים', קומט שוין תיכף ארויף ביי אַלעמען געפילן פון הערכה און הכרת הטוב, ווען עס לאָזט זיך זאָגן במלוא מובן המילה, אז עס איז נישט פארהאן איינער מתושבי העיר וועלכע האט נאכנישט גענאסן פון די בארימטע חברים ארג. במישרים או בעקיפין.

חברים איז באמת כשמו כן הוא. א חבר וואס לייגט צו א האנט אין סיי וועלכע אומשטענדן מען דארף הילף. אנגעהויבן פון זיין געשטראנדעט אין קאר מיט א פלעט טייער. די הויז אדער קאר זענען פארשלאסן. א קינד איז ל"ע פארלוירן. קארס גליטשן אין פראסטיגע שניי. ברענגען גענעראטערס ביי עלטערע אידן און חולים אין צייט פון א קורצשלוס. און סיי ווען א ברודער דארף אן עקסטערן האנט האט ער די נומער פון חברים ביי די האנט וואו ער ווייסט אז חברים וועט אים נישט אנטוישן און צושטעלן די נויטיגע הילף.

שטייענדיג אין אַ צייט וואָס די שטאָט קרית יואל שפּרייט זיך ב"ה אויס אויף אַלע זייטן מיט נאָך פילע הונדערטער איינוואוינער בליעה"ר, איז געוואָרן קענטיג דאָס געברויך צו נאָכמער אויסברייטערן די אקטיוועטעטן פון "חברים אָוו אָראַנדזש קאַונטי" צו קענען נאָכקומען באַקוועם דעם פאַרלאַנג און פאַרזיכערן אַז יעדער איד וועלכער רופט אַריין מיט אַ ביטע זאָל קענען געענטפערט ווערן מיט באַלדיגע הילף אן וואַרטן קיין איבעריגע צייט.




דעריבער איז עס געווען אַ געבענטשטע שריט ווען מען האָט די פאַרלאָפענע וואָך אויפגענומען אַזויפיל ווי אַ מנין נייע מעמבערס, באַגאַבטע און חשוב'ע בעלי כשרון מיט אידישע הערצער און טאַלאַנטפולע הענט, הלא הם הר"ר לייבוש גראס הי"ו - OBS-501, הר"ר **שמעון אפּענהיים** הי"ו - OBS-502, **הר"ר לייב איצקאוויטש** הי"ו - OBS-503, **הר"ר חיים בנציון ניימאן** הי"ו - OBS-504, **הר"ר יודא גרינוואלד** הי"ו-OBS-505, **הר"ר בערל פישער** הי"ו- OBS-508, **הר"ר זאב פילאפף** הי"ו- OBS-509, **הר"ר מרדכי בידערמאן** הי"ו-OBS-510, **הר"ר אלי' מאסרי** הי"ו- OBS-511, און **הר"ר ארי שטערן** הי"ו - OBS-512, וועלכע וועלן מהיום זיין גרייט צו אַרויסהעלפן פאַר אידישע ברודער, אינאיינעם מיט די גרויסע פלאָטע פון די ביז יעצטיגע "חברים" מיטגלידער.

די נייע געטרייע מיטגלידער אנגעשלאסן אין חברים, טוען שוין די לעצטע צייט מיטגיין אויף פארשידענע קאלס מיט די אקטיווע חברים מיטגלידער. אזוי ארום האבן זיי אויפגעבויעט עקספערטיז אויף פילע פעלער און סצענעס צו קענען זעלבסט אנגעשלאסן ווערן אלס חבר, און פולשטענדיגע מיטגליד אין די רייען פון 'חברים' מיט די נויטיגע ידיעות וואס עס פעלט זיך אויס אין קריטישע פעלער.

אינאיינעם מיט די פּאָזיטיווע אויסברייטערונג גרייט מען זיך אין 'חברים אָוו אָראַנדזש קאַונטי' צו דעם יערליכן אינהאַלטסרייכן 'מסיבת הכרת הטוב' וואָס וועט אָפּגעראָכטן ווערן מיט אַ זעלטן אַנגענעמע פּראָגראַם, להביע רננות בעד מפעלם, צו אויסדרוקן די הכרת הטוב פון תושבי אָראַנדזש קאַונטי פאר די געטרייע מעמבער און פאר זייער הייליגע אַרבעט דורכאויס אַלע צייטן און אומשטענדן.

קרית יואל וואונטשט האַרציג פאר די נייע מעמבערס אַז דער גרויסער זכות זאל זיי זיכער באַגלייטן מיט הצלחה בכל מעשי ידיהם, און אַז מען זאָל נוצן "חברים" נאר אויף שמחות מיט גליקליכע הערצער ביי אַלע אידישע קינדער!




THURSDAY
3:00 PM-12:00 AM
Spend $50
and get a
FREE
CHOLENT
FRIDAY
Spend $50
and get a
FREE
DIP
of your choice
Sandwiches | Chicken | Meat | Finger Foods | Side Dishes | Salads | Leil Shishi | Full Shabbos Menu
Delicatessen™
by
mintleaf
Kosher Market
5 Mangin Road, (Cor. Rt. 208) Blooming Grove
845.492.8777 | orders@mintleafkosher.com

נאָכ'ן פייערדיגן קריאת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א:

# טויזנטער עלטערן פון מוסדות סאטמאר הייס אנטשלאָסן גענצליך אויסצוראָטן פון די שטיבער אַלע טריפה'נע מאַגאַזינען מיט פּסול'ע השקפות ה"י

## "משפחה", "עמי", "בינה" און דאס גלייכן, וועלכע פרעדיגן לינקע השקפות געמישט מיט פייערדיגער ציוניזם ה"י

## הארציגער אפענער בריוו פון הנהלת מוסדות סאַטמאַר ברענגט גאר מאַכטפולער אָפקלאַנג צווישן טויזנטער עלטערן כ"י

ניו יאָרק. – אין די יעצטיגע טעג הערשט א פייערדיגע אויפוואכונג צווישן די טויזנטער עלטערן פון מוסדות סאטמאר כ"י, אז יעדער זאל שטיין על המשמר, פאראייניגט מיט א כח פונעם גאנצן ציבור אינאיינעם, אויסצוראטן פון אונזער שטאט און פון אונזערע היימען דעם פּלאָג און אָנשיקעניש פון די טריפה'נע לינקע מאגאזינען, וועלכע האבן מיט די יארן זיך געטראפן אַן הינטער-טירל אריין צום היימישן ציבור ה"י, און אצינד איז געקומען די צייט פאַר'ן גענצליכן "ובערת הרע מקרבך".

ס'איז באמת א נחת צו זען ווי די גאנצע שטאט איז פאראייניגט אינאיינעם, ובפרט אלע עלטערן פון די הייליגע סאטמארער מוסדות, וועלכע שטרעבן און קוקן אַרויס אז זייערע קינדער זאלן נתחנך ווערן אויף די הייליגע מסורה און השקפה הטהורה וואס מיר האבן מקבל געווען פון רבינו הק' זי"ע, און מיר הערן דאס שטענדיג איבער'חזר'ן פון עטרת ראשינו כ"ק מרן רבינו שליט"א, צו זיין אפּגעהיטן מיט די ריינע אמונה הטהורה וואס פון דעם וועלן מיר זיך נישט אוועקרירן קיינמאל.

אין א גאר הארציגן בריוו האט די הנהלה רוחניות פון די סאטמארער מוסדות – די וועלט'ס גרעסטע מוסדות התורה – זיך געוואנדן צו די אלפי ההורים מיט זייער אפענע און קלארע ווערטער, זיך אויסצושמועסן, פון הארץ צו הארץ, איבער דעם מציאות פון די טריפה'נע אויסגאבעס, און ווי ס'דארף אונז גיין אין לעבן אריין אז ס'זאל נישט אריינקומען אין אונזערע הייזער, ווייל די מאגאזינען שטעלן מיט זיך פאָר אַלעס אין קעגנזאַץ צו אונזער השקפה! צו אונזער מציאות!

### אלע גראסערי-אייגענטומער אנטשלאסן: ארויס מיט די ענגלישע מאגאזינען!

דאס קומט אין די זעלבע צייט וואָס די עסקנים הנכבדים, שומרי משמרת הקודש, אונטער דער דירעקטער הדרכה פון כ"ק מרנן האדמורי"ם שליט"א, מנהיגי הקהלות, עיני העדה, האָבן זיך אריינגעווארפן מיט אלע כוחות, אויסצוראָטן די פסלנות'דיגע ליטעראטור פון די היימישע געשעפטן.

עס איז באמת אַ נחת צו זען און מיטהאלטן ווי די חשוב'ע געשעפט-אייגענטומער, און פארוואלטער, רובם ככולם היימישע חסידי'שע בעלי בתים און אינגעלייט, היראים והחרדים לדבר ה', טוען זיך צושטעלן דערצו האַרצן-גערן, מיט א ווארעם געפיל.

ווייל זיי שפּירן אז דער ציבור האט אויפגעוואַכט, יעדער פארשטייט אז מ'קען זיך מער נישט אַזוי פארנאכלעסיגן, און מ'קען מער בשום אופן נישט לאזן די גיפטיגע מאגאזינען זאלן זיך אריינשמוגלען אין אונזערע שטיבער, אויף קיין שום פאַל!

די גראָסערי-לייט שפּירן ווי דער ציבור איז דערביי, פולשטענדיג, און דאָס איז וואָס מ'ערוואַרט פון זיי: אַרויס מיט די מאגאזינען פון אונזער שטאט.

די געשעפטס-אייגענטומער זעען די עלטערן זענען אנטשלאסן. די קליענטן ווילן עס מער נישט האָבן.

נישט נאָר מ'וויל עס נישט אריינברענגען אין שטוב, נאָר מ'וויל עס זאגאר נישט זען פאר די אויגן אפילו!

קיינער וויל נישט אַז ביים גיין קויפן אין געשעפט לכבוד שבת זאָל ער – אדער די קינדער – דאַרפן זיך אָנשטויסן אין טריפה'נע בילדער און סלאגאנען וואס שרייען ארויס פון די פאדערשטע בלעטער, וואָס שמערצט און שטעכט די אויגן פאַר יעדן ערליכן איד!

### יעדער פאַרשטייט אז דאס באלאנגט נישט דא!

ביי עטליכע גרעסערע אסיפות וואס די רבנים שליט"א האבן פאררופן מיט די געשעפטס-לייט, וואו מ'האט זיך אינאיינעם צונויפגערעדט, איז ארויסגעברענגט געווארן די אייניגע נקודה דורך יעדן, אז דאס נישט אַריינלאָזן די מאַגאַזינען אין שטאָט איז נישט קיין אויסטערלישע עקסטרעמע פאַרלאַנג – נאָר אַן איינפאַכע פשוט'ע זאַך, עפּעס וואָס איז ביז לאַנג צוריק געווען זייער קלאָר פאַר יעדן, נאָר ס'האָט זיך אַזוי אומבאַמערקט אריינגערוקט אין אונזערע רייען.

יעדער פארשטייט אז די אויסגאבעס ווערן דאך בכלל נישט ערצייגט פאר אונז. נישט פאר אונז און נישט דורך אונז.

זיי ווערן געשריבן, רעדאקטירט און צונויפגעשטעלט דורך פערזאנען וואס זענען 'זייער' ווייט פון אונזער ציבור, פון אונזער השקפה, פון אונזער מסורה, פון אונזער לעבנסשטייגער, פון אונזערע שאיפות.

זיי לעבן אין א וועלט פון ליבשאפט צו ציונות און ציונים. זיי שרייבן גאַנצע בלעטער, וואך וועכנטליך, צו באזינגען די ציוניסטישע 'העלדן', און מיט קאָלירפולע רייצנדע בילדער הייבן זיי ארויס דעם – פאַלשן – נאַראַטיוו פון "היינו לעם אחד"; מיר זענען איינס מיט די מדינה ח"ו, אָנשטעלנדיג א בילד כאילו היימישע אידישע קינדער זענען א חלק פון דער אַרגסטער מרידה בה' וואָס איז געווען מאז היתה ישראל לגוי!

אָט דערפאַר פאַרשטייען אַלע גראָסערי-אייגענטומער, אז אזעלכע פסלנות'ן האבן נישט וואס צו זוכן אין היימישע געשעפטן!

עס איז סם פאר די קינדער. עס איז גיפט פאר די עלטערן. עס באלאנגט אבסאלוט נישט אין אַ היימישער געשעפט, און געוויס נישט אין אַן ערליכע

ישיבה תורה ויראה ובית רחל דרבינו יואל מסאטמאר

נתייסדה ע"י מרן רביה"ק זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בס"ד

בחודש שבט תשפ"ד לפ"ק

## אָפּענער בריוו

### צו אונזערע חשוב'ע שותפים די טייערע חשוב'ע טאַטעס און מאַמעס פון אונזערע הייליגע מוסדות

אין די לעצטערע טעג איז צושטאַנדגעקומען א גאר שטאַרקע אויפוואַכונג איבער די נושא פון די טריפה'נע, לינקע און ענגלישע מאַגאַזינען, וואָס פלעגן זיך ביז היינט ליידער פאַרקויפן אין דער שטאָט וויליאַמסבורג, אפילו אין די גאַר-היימישע געשעפטן.

דעריבער ווילן מיר, על פי פקודת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, אויפשטורעמען די הערצער פון אלע עלטערן פון אונזערע מוסדות הק', מ'זאָל זיך צושטעלן דערצו מיט אַ פאַראייניגטן כח, און אינאיינעם אויסראָטן די "נגע" פון אונזער שטאָט, בסייעתא דשמיא.

### מאַגאַזינען מיט אַ "מיסיע" קעגן אונז

אויסער וואָס די מאַגאַזינען "עמי", "בינה" און "משפחה" זענען געשריבן און ווערן אַרויסגעגעבן דורך "פרעמדע" עלעמענטן, פאַרפעסטעט מיט לינקע ליבעראַלע מיינונגען, און זיי לאָזן זיך הערן מיט "השקפה" אויף אַלעס און אַלעמען, פון די האַקלסטע נושאים אין "שלום בית" ביז צו "כשרות" און כל מיני "חיזוק", אַלעס דורך צווייפלהאַפטיגע פערשוינען וואָס מיר וואָלטן נישט געטרונקען אַ גלעזל וואַסער ביי זיי אינדערהיים.

אָבער דאָס אַרגסטע פון אַלעם איז, אַז זענען זיי דאָ אויף אַ מיסיע צו פאַרליבן יהדות אַמעריקע אין די קליפה פון "ציוניזם"!

זיי ערלויבן זיך וואָס אפילו די אַמאָליגע אַנגלאָ-אידישע פאַפּירן האָבן זיך נישט געוואַגט צו טון! אָפענע ליבשאַפט צו די מדינה, צו די טמא'נע מיליטער, זיך קאָכן אין די מדינה'ס מכלומר'שטע מעכטיגקייט.

ס'איז נאָך מער פון דעם.

ווער ס'קען די אַרויסגעבער ווייסט, אַז זיי זענען דאָ מיט אַ ציל אָפּצולאַכן פון די "אַלטמאָדישע" פּרימיטיווע חסידי'שע אידישקייט פון די "וויליאַמסבורגער חסידים", און אריינברענגען אַ מער מאָדערנעם, ליבעראַלן בליק צו אַלץ און אַלעמען. זיי זענען אָנגעפּיקעוועט מיט האַס אויף אונזער ציבור, און אויף די ערליכע השקפות וואָס מ'לערנט ביי אונז.

### איז עס נאָרמאַל מיר זאָלן עס אַליין אַריינברענגען?

יעצט פרעגן מיר אייך טייערע עלטערן: איז עס נארמאל אז א סאטמארער טאטע אדער א סאטמארער מאמע זאל מיט די אייגענע האנט דאס אריינברענגען אין איר שטוב?

א מאגאזין וואס איז דא קעגן אונז, קעגן אונזערע השקפות, קעגן אונזער מסורה, קעגן אלעם וואס מ'לערנט ביי אונז?

אין חדר לערנט מען אויס אַז די מדינה איז כפירה, די מדינה איז מינות, די מדינה איז רציחה, די מדינה איז טומאה.

און די מאַמע ברענגט אַריין אין שטוב אַ מאַגאַזין מיט אַ הערליך בילד ווי אַ היימישער יונגערמאַן האַלזט זיך מיט אַ ציוניסטישן סאָלדאַט, און יעדע צווייטע בלאַט פאַרקויפט בילדער פון די כופרים, מיט לויב און שעצונג צו זייערע "גבורות"?!

### לאָמיר טראַכטן נאָרמאַל מיט שכל

ענטפערט איר אליין טייערע עלטערן: עס איז שכל'דיג פאַר אייך? אַלעס ווייל די מאַמע, צי אַ גרויס מיידל, וויל ליינען איין קאָלום וואָס זי גלייכט?! מעגן מיר זיך אַזוי פאַרקויפן די נשמות? מעגן מיר שיקן אַזעלכע געמישטע מעסעדזשעס פאר אונזערע הייליגע נשמה'לעך?! וואָלט איר געשיקט אייער הייליג 10-יאָריג יונגל הערן אַ דרשה פון אַ צווייפלהאַפטיגער שרייבער, אַ מאַן אָדער אַ פרוי, וואָס האָט שטודירט אין קאַלעדזש? קיינמאָל!

דעמאָלט פאַרוואָס זאָלט איר אַריינברענגען זייער גיפט, זייער השקפה, אין אייער שטוב? אפילו ווען איר מיינט אז איר באהאלט עס, ווייסן אייערע קינדער אַז איר האָט עס און זיי פרעגן קושיות!!

### טאַטע-מאַמע: מיר ווילן אייך א קושיא פרעגן

טייערע עלטערן: אייערע קינדער פרעגן (און אויב זיי פרעגן עס אייך נישט דירעקט, דעמאלט פרעגן זיי עס אין הארץ): "טאטי און מאמי, אויב זענען מיר סאטמארער קינדער, אויב שיקט איר אונז אין סאטמארער חדר, דעמאלט פארוואס קויפט איר עפּעס וואָס שטייט פונקט פארקערט ווי דער הייליגער רבי זי"ע זאָגט און וואָס מ'לערנט אונז אין חדר? פאַרוואָס קויפט איר עפּעס וואָס דער רבי שליט"א זאָגט אַזויפיל מאָל אַז ס'איז אסור"?!

**יעצט איז די צייט זיך צוזאַמצונעמען!**

**דעריבער, חשוב'ע טאטע, און חשוב'ע מאמע:**

**מיר ווילן אייך בעטן און דערמאַנען בכל לשון של בקשה, על פּי הוראת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א:**

**ביטע לאַזט נישט אַריין אין אייער שטוב קיין איינע פון די מאַגאַזינען:**

## עמי, בינה, משפחה, א.ד.ג.

### אויב האַט איר אַ סובסקריבשען, שטעלט עס אָפּ "היינט"!

**אַ דעליווערי פון אַזאַ אויסגאַבע ביי אַ טיר אין וויליאַמסבורג, צייגט ח"ו אַז דאַ איז אַ שוואַכע שטוב אָן קיין יסודות!**

עס איז "סם" פאַר אייער שטוב. עס איז "גיפט" פאַר אייערע קינדער! עס איז קעגן דעם חינוך פון אייערע יונגלעך און מיידלעך!

דאָס זעלבע בעטן מיר אייך:

## שטיצט די גראָסעריס וואָס לאָזן נישט אַריין די טמא'נע מאַגאַזינען אין זייער געשעפט!

מיר זענען זיכער אַז אין דעם זכות, וואָס מיר היטן זיך, און מיר היטן אונזערע קינדער, זאל דער רבוש"ע אריינשיקן סייעתא דשמיא, אז מיר זאלן זוכה זיין מגדל צו זיין הייליגע ערליכע דורות נאמנים לה' ולתורתו הק', מיט ריינע אמונה און ריינע אויגן, מיט נחת והרחבת הדעת, ביז מיר וועלן שוין מקבל זיין פני משיח צדקינו בב"א.

מיר האפן אז איר וועט אננעמען אונזערע ווערטער מיט די ריכטיגע ערנסטקייט, און טון וואס איז ריכטיג, טון וואס איז וויכטיג, פאר אייערע טייערע קינדער און זייער עתיד.

**טייערע עלטערן, יעצט איז די צייט! איינמאל פאר אלעמאל!**

ארויס מיט די אלע טריפה'נע מאגאזינען! קיינער נעמט עס נישט אריין אין שטוב!

**הנהלת הישיבה**

## "דאָס ברענגט אַריין אין שטוב אַ סם פון כפירה און מינות"

### דברות קודש חוצבים להבות אש

וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן מפּי קודש

## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

### ביים מעמד אדיר 'הדיעה והדיבור' בביהמ"ד הגדול, א' תולדות

בפרט די טריפה'נע צייטונגען און מאַגאַזינען, וואָס מ'ליינט זיך אָן פון שרייבערס אפיקורסים, וואָס זייערע השקפות זענען קעגן דער אמונה. דאָס ברענגט אַריין אין שטוב אַ סם פון כפירה און מינות.

## דער רבי זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט אַז די צייטונגען זענען אַזיווי די שרעקליכע מחלה ל"ע.

נאר וואָס דען, דאָס איז בגשמיות און דאָס איז ברוחניות. ער האָט געזאָגט, ס'קען אַ מענטש האָבן ליידער די שרעקליכע מחלה, ס'פאַרשפּרייט זיך אין אים, אָבער אינדרויסן זעט מען גאָרנישט, ער זעט אויס אינגאנצן געזונט. ווען מ'ווערט שוין געוואויר איז שוין צו שפּעט. ס'האָט זיך שוין פאַרשפּרייט די מחלה אַז ס'איז שוין שווער אויסצוהיילן.

זאָגט ער אַז די זעלבע איז די אַלע וואָס נעמען אַריין אין שטוב די אַלע צייטונגען און מאגאזינען, מ'שפּירט נישט די ארס און די כפירה וואָס קומט אַריין. ווען מ'כאַפּט זיך שוין איז שוין צו שפּעט עס אויסצורייסן.

אידישע היים.

עס איז זאגאר א חרפה ובזיון, אז פון די פאליצעס פון די היימישע געשעפטן זאל ארויסשפיגלען בילדער פון ציוני'סטישע סאָלדאַטן האַלזן חסידי'שע אינגעלייט, און "מיט דעם" זאָל מען קאָרמען טייערע הייליגע תינוקות של בית רבן, וועלכע מ'איז מחנך אַז די מדינה הטמאה איז דער מקור הרשע, מקור הטומאה, מקור המרידה בה'!

ס'איז באמת געווען פריידיג צו זען ווי קאָאָפּעראַטיוו די חשוב'ע געשעפט-אייגנטומער זענען געווען.

פון די גרעסטע סופערמאַרקעטס אין שטאָט, ביז צו די קלענערע גראָסעריס וואס זענען צוזייעט און צושפרייט איבער אלע עקן שטאט און סערווירן געטריי די טויזנטער איינוואוינער, יעדער האָט איינהייטליך באשלאסן, אז ס'איז געקומען די צייט. מער פאַרקויפט מען נישט די אויסגאַבעס, והי' מחנינו קדוש.

## בפקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א: ספעציעלער בריוו פון מוסדות סאטמאר

אויפ'ן פקודת הקודש פון מאור הגולה ועמוד האש ההולך לפני מחנה ישראל, הוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, דער געטרייער מנהיג וואָס פירט די הייליגע עדה אויפ'ן דרך התורה והמסורה, האָט די הנהלת המוסדות געלאזט אהיימשיקן מיט אלע קינדער פון חדר און שולע א ספעציעלער בריוו אין וואס די מוסדות טוען אויפפאדערן די עלטערן צו פארשטיין די וויכטיגקייט פון דער מערכה.

אינעם בריוו ווערט שטארק אונטערגעשטראכן די אונטערליגנדע נקודה אַז מיר שיקן דאך די קינדער אין די הייליגע מוסדות, ווייל מיר ווילן "דעם חינוך", על טהרת הקודש, מיט די השקפה הברורה - טאָ, מיט דעם וואס מ'ברענגט ח"ו אריין אין שטוב איינס פון די אנגלא-אידישע מאגאזינען, צייגט מען דאך א פולשטענדיגן קאנטראסט! ס'איז א סכנה נוראה פאר'ן חינוך פון די קינדער.

אינעם בריוו ווערט ציטירט די פייערדיגע דברות קודש פון רבי'ן שליט"א ביים היסטארישן מעמד "הדעה והדיבור" וואו דער רבי שליט"א האט אדרעסירט כל קהלא קדישא הדין מיט די הייליגע יסודות איתנים ונאמנים, די פונדאמענטן פון די אמונה הטהורה בה' און פון אונזער הייליגע השקפה הברורה וואס מיר האבן מקבל געווען מרבותינו הק' דור אחר דור.

דער רבי שליט"א האט בשעתו גאר שארף גערעדט איבער דעם פלאג פון די מאגאזינען, בלשון קדשו: "בפרט די טריפה'נע צייטונגען און מאַגאַזינען, וואָס מ'ליינט זיך אָן פון שרייבערס אפיקורסים, וואָס זייערע השקפות זענען קעגן דער אמונה. דאָס ברענגט אַריין אין שטוב אַ סם פון כפירה און מינות".

און דער רבי שליט"א האט בשעתו נאכגעזאָגט א פחד'דיג ווארט פון רביה"ק זי"ע, דאס צוגלייכנדיג צו די מחלה האיומה.

"דער רבי זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט אַז די צייטונגען זענען אַזוויוי די שרעקליכע מחלה ל"ע. נאר וואָס דען, דאָס איז בגשמיות און דאָס איז ברוחניות. ער האָט געזאָגט, ס'קען אַ מענטש האָבן ליידער די שרעקליכע מחלה, ס'פאַרשפרייט זיך אין אים, אָבער אינדרויסן זעט מען גאָרנישט, ער זעט אויס אינגאנצן געזונט. ווען מ'ווערט שוין געוואויר איז שוין צו שפעט. ס'האָט זיך שוין פאַרשפרייט די מחלה אַז ס'איז שוין שווער אויסצוהיילן".

און דער רבי שליט"א האָט אויסגעפירט: "די זעלבע איז די אַלע וואָס נעמען אַריין אין שטוב די אַלע צייטונגען און מאגאזינען, מ'שפירט נישט די ארס און די כפירה וואָס קומט אַריין. אבער ווען מ'כאַפּט זיך שוין איז שוין צו שפעט עס אויסצורייסן".

דער רבי שליט"א האט בשעתו מתריע געווען און זיך געבעטן ביים ציבור אז מ'זאל בשום אופן נישט ארייננעמען די אלע מאגאזינען אין די שטיבער, ווייל דאס איז דער היפך האמונה הטהורה, און פילט אָן די הערצער און מוחות מיט סם הכפירה ה"י.

## דער פייערדיגער אפקלאנג: יעדער איז פאראייניגט ארויס מיט די מאגאזינען!

ווי מ'האט צוריקגעהערט אין די לעצטערע טעג, זינט דער בריוו איז ארויס, איז די אפקלאנג געווען גאר פאזיטיוו און מאכטפול ב"ה. די טויזנטער געטרייע עלטערן פון די הייליגע סאטמארער מוסדות – וועלכע אַרבעטן שטענדיג מיט ביי יעדער נושא וואָס איז נוגע זייערע דורות האַנט-ביי-האַנט – האָבן עס אויפגענומען מיט פארשטאנד און מיטגעפיל, און טאטעס און מאמעס האבן אינאיינעם געמאכט די החלטה: מער נישט! ס'האט נישט קיין פלאץ ביי אונז מער! נישטא וואס צו רעדן!

אינעם גאָר שטאַרקן בריוו האָט די הנהלה באטאנט, אז ס'נישט בלויז וויכטיג מ'זאל עס אליין נישט קויפן, נאר מ'זאל בקום ועשה מחזק זיין די געשעפטן וואס ברענגען דאס נישט אריין; מ'זאל לאזן וויסן די גראסערי אייגענטומער, ביי די געשעפטן וואו מ'קויפט איין כסדר, אַז מ'איז מחשיב זייער שריט ארויסצושטעלן די מאגאזינען און עס מער נישט ארויסלייגן צום פאַרקויפן!

די עלטערן האָבן דאָס מיט אַ שטאַרקע פארשטענדעניש אויפגענומען, און קאאפערירט אויף גאר א הערליכן אופן. עס האט אפגעשפיגלט דעם "רצונינו לעשות רצונו", ווי יעדער איינער זוכט דעם תכלית. מ'וויל זיך צוהערן. מ'וויל פאלגן דעת תורה. מ'וויל צייגן פאר די קינדער אַז די הוראה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א איז אונז מחייב, און אַז דער רוף פון די הייליגע מוסדות רעדט צו אונזער הארץ.

מ'הערט צוריק פון פילע שטיבער, וואו מ'האט ביז היינט נישט אזוי אבאכט געגעבן, ליידער, זיך נישט כאפנדיג וואס א גיפט זיי ברענגען אין שטוב, ווי אַצינד האָבן זיי ב"ה געגצליך אָפּגעשטעלט דאָס קויפן די "עמי", "משפחה" און "בינה". סיי מ'קויפט עס נישט אין געשעפט, און סיי די וואָס זענען געווען אַבאָנענטן האָבן אָפּגערופן זייערע סובסקריפּציעס. מ'ברויך עס נישט מער; פאַרטיג!

אַזויפיל הונדערטער עלטערן זענען צוגעגאַנגען צו די פארוואלטער פון די געשעפטן וואו זיי קויפן איין, זיי מחזק געווען, זיי געשטופּט שטארק אנצוהאלטן זייער הערליכע אונטערנעמונג מער נישט צו פארקויפן עפּעס וואס שטעכט אויס די אויגן פון רוב רובם פון זייערע קליענטן און ס'קען ח"ו שעדיגן די מוחות פון די טייערע תינוקות של בית רבן און בנות ישראל הכשרות.

## יאָ, אויך אין תשפ"ד, קען מען מאַכטפול באַווייזן אַזאַ הייליגע אונטערנעמונג!

אַזוי אַרום האָט זיך ארויסגעשטעלט אַ האַרץ-דערפרייענד בילד, אז יא! אויך אין יאר תשפ"ד, ווען די בייזע, לינקע און ליבעראַלע ווינטן בלאָזן אויף אַלע עקן, און ס'איז אַזוי ביטער שווער זיך צו דערהאַלטן ביי אמת'דיגער ריינער אויטענטישער אידישקייט, אין אַ צייט ווען ס'קען זיך צומאל דוכטן ווי דער כח הקדושה ווערט ח"ו אפּגעשוואכט.

– אויך היינט, כהיום יום, קען מען דורכפירן אַזאַ דערפאָלגרייכע הייליגע מערכה, מיט אזא שטארקייט, מיט אזא מאכטפולקייט, מיט'ן כח און מאַנדאַט פון די טויזנטער ערליכע איינוואוינער און עלטערן, אין שפיץ פון די ערליכע רבנים ומנהיגי הקהלות!

"עוד יהודא רד עם קל ואת קדושיו הוא נאמן", שרייט זיך ארויס פון הארצן טיפן, מיט אַ דאַנק און לויב אויף דעם וואס מ'האט שוין באוויזן, צו ברענגען אַזאַ רעוואָלוציע בסייעתא דשמיא, אַז מ'זאָל קענען אויסרוימען דעם חמץ פון אונזער שטאָט, מיט די מיטאַרבעט פון די גאַנצע שטאָט, וואָס וויל אָנהאַלטן דעם לויטערן אָפּגעהיטענעם תורה'דיגן כאראקטער פון אונזער שטאָט.

מיר בלייבן אלע אויף דער וואַך. די עלטערן בלייבן קאָכעדיג. די הייליגע מוסדות בלייבן ווייטער על המשמרת. די געשעפטן פאַרבלייבן מאָביליזירט. די עסקנים שומרי משמרת הקודש און די רבנים המנהיגים פאַרבלייבן היטן מיט אָפענע אויגן צו פאַרזיכערן אַז ס'ווערט ח"ו נישט צוריק קיין שפּאַלטענעס אין די חומות הקדושה וואָס באַשיצן אויף אונזער הייליגע שטאָט, ובשם ה' נעשה ונצליח!

**אשריכם אלפי הורי מוסדות סאטמאר! שומרים הפקד לעירך! ונגע לא יקרב באהליך!**


זכרון
תורת משה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר · ש"ס · הלכה
• קרית יואל •

בס"ד

לוח הלימודים
פרשת ויקהל

חבורת לומדי ש"ס ישראל ואורייתא
פטרון מסכת מנחות הרבני הנגיד התורני מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | צא: | פט. | פא: |
| יום ב' | צב. | פט: | פב. |
| יום ג' | צב: | צ. | פב: |
| יום ד' | צג. | צ: | פג. |
| יום ה' | צג: | צא. | פג: |

בחינה ו' במס' חולין • יום א' פ' ויקהל
לימודי החודש: פ"א. - צ: - חזרת החודש: ס"ט. - פ

חבורת לומדי הלכה
הליכות יוסף עזרא

| | סימן | סעיף | מג"א |
|---|---|---|---|
| יום א' | ק"ג | ו - ח | יב - טו |
| יום ב' | כל סימן קי"א קי"ב | | א - ד |
| יום ג' | קי"ג | א - ז | א - ה |
| יום ד' | קי"ג | ח - קי"ד ס' א' | ו - א |
| יום ה' | קי"ד | ב - ג | ב - ה |

בחינה הבא בשו"ע או"ח • יום א' פ' פקודי
לימודי החודש: מסימן ק"ו עד אחר סימן קי"ד סעיף ג'
חזרת החודש: מסימן צ"ב עד אחר סימן ק"ה

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS, OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרו • 718.387.1010

# התעוררות'דיגער עצרת תפלה אָפּגעראָכטן דורך "כולל שומרי החומות" אין ערשטמאָליגן "יום הגבאים"

## ספּעציעל מתפלל צו זיין אינעם יום המסוגל "ערב ראש חודש" לטובת די הונדערטער גבאי קודש אומעטום

**התעוררות רב ביים ציון פון התנא האלקי רבי מאיר בעל הנס אין טבריא דורך א מנין לומדי הכולל בראשות הגה"צ המקובל רבי עמרם אופמאַן שליט"א דומ"ץ העדה החרדית ומרבני ק"ק דושינסקיא – התרגשות ביים הערן "קול הצאן" פון תשב"ר תלמידי תלמוד תורה שומרי החומות**

ארה"ק. - א שטאַרקער התעוררות האָט פאַרלאָפענעם דאָנערשטאָג משפטים, ער"ח אדר א' געהערשט אין די תלמוד תורה "שומרי החומות" און עקסטער ביים ציון המצוינת פון התנא האלקי רבי מאיר בעל הנס זי"ע אין טבריא וואו מען האָט מתפלל געווען מיט גרויס התעוררות פאר די הונדערטער "גבאי קודש" פון כולל שומרי החומות, להפקד בדבר ישועה ורחמים אין אַלע ענינים, אַלס הכרת הטוב פאר זייער כסדר'דיגע הילף לטובת די הייליגע צדקה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס".

## יום הגבאים

די מעמדי תפלה זענען אָפּגעראָכטן געוואָרן אינעם ערשטמאָליגן "יום הגבאים" אָרגאַניזירט אויף דער איניציאַטיוו פון הנהלת כולל שומרי החומות, מיטן ציל אַרויסצוצייגן דעם אייגנאַרטיגן פאַרדינטן הכרת הטוב פאר די הונדערטער גבאי קודש פון כולל שומרי החומות במקומות מושבותיהם, וואָס שפּירן אַלע פאר א זכי' אָנצוהאַלטן דעם קשר צדיקים, און עוסק צו זיין בגוף ובמעש לטובת די אור אַלטע הייליגע צדקה וואָס איז געווען אַזוי פאַרהייליגט ביי אבותינו ורבותינו הק' מדור דורים.

כולל שומרי החומות, מיט א בודזשעט פון אַריבער "צוועלף מיליאָן דאָלאַר" א יאָר, מוטשעט זיך כסדר צו דעקן די ריזיגע הוצאות צו קענען אָנהאַלטן דאָס שטיצן די צענדליגער טויזנטער עניי ארה"ק און מחזק צו זיין די ג' עמודי עולם פון תורה עבודה וגמילות חסדים מיט וואָס כולל שומרי החומות ווירבלט כסדר.

צו דעם אַלעם שטייען כסדר צו די גבאי קודש אומעטום, וועלכע אַרבעטן מיט אַלע כוחות צו שאַפן גרויסע געלטער, און זענען די בריחי התיכון פון די הייליגע צדקה, ווען יעדער אויף זיין שטייגער העלפט צו צו קענען שאַפן די פאַנטאַסטישע סכומים אין וואָס כולל שומרי החומות נויטיגט זיך כסדר, זייענדיג דערביי מזכה די צענדליגער טויזנטער אידן מיט די אור-אַלטע סגולה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס" ביי וואָס אידן זעען ביז צום היינטיגן טאָג אַזויפיל אָפענע ישועות אין אַלע ענינים.

לאות הכרת הטוב פאר די גבאי קודש, האָט דער הנהלת הכולל באַשטימט דעם פאַרלאָפענעם ער"ח אדר א' אַלס "יום הגבאים" ווען מען וועט ספּעציעל איינרייסן און מתפלל זיין לזכותם פון די גבאי קודש אומעטום.

שוין אין די טעג פריער האָט מען געלאָזט וויסן פאר די גבאי קודש איבער דעם ספּעציעלן טאָג "יום הגבאים" וואָס איז באַשטימט פאר זיי, און הונדערטער גבאי קודש האָבן אויסגענוצט די געלעגענהייט אַריינצושיקן קוויטלעך אין די צענטראַלע אָפיסעס פון כולל שומרי החומות. די אָפיס-מיטאַרבעטער האָבן דאָס געטריי אַריבערגעשיקט קיין ארץ ישראל, אַז די אָרטיגע תלמידי חכמים און תשב"ר זאָלן קענען מתפלל זיין אויף די צרכי ישראל המרובים וואָס די גבאי קודש האָבן אַריינגעשריבן אין די קוויטלעך.



בס"ד

תלמוד תורה שומרי החומות

תפילה

להצלחת הגבאי קודש

אונז תלמידי הת"ת שומרי החומות זענען מתפלל דעם היינטיגן טאג ער"ח אדר פאר אלע גבאי קודש פון צדקת רבי מאיר בעל הנס די בכל אתר ואתר, אז זיי זאלן געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס זיי דארפן, געזונט, פרנסה, מיט נחת מכל יוצאי חלציהם

דער זכות פון רבי מאיר בעל הנס זאל זיי שטענדיג באגלייטן מיט הצלחה וסייעתא דשמיא

אלקא דמאיר עננו

## עצרת תפלה אין טבריא

דאָנערשטאָג אינדערפרי זענען א מנין תלמידי חכמים מופלגים לומדים אין די כוללים פון כולל שומרי החומות אַרויסגעפאָרן קיין טבריי' אין שפּיץ פון הגה"צ המקובל רבי עמרם אופמאַן שליט"א דומ"ץ העדה החרדית בירושלים עיה"ק ומרבני ק"ק דושינסקיא וואָס האָט אָנגעפירט מיט די הייליגע תפלות פון די לומדי הכוללים.

אָנקומענדיג קיין טבריא איז מען גלייך צוגעפאָרן צום ציון המצוינת פון רבי מאיר בעל הנס, וואו מען האָט געזאָגט תהלים מיט א געוואַלדיגן התעוררות, ווען פאַר'ן עמוד האָט פאָרגעזאָגט הגאון רבי עמרם אופמאַן שליט"א, זייענדיג מתפלל מיט הייסע תפלות פאר די בקשות לישועה פון די געטרייע גבאי הכולל פון אומעטום.

נאָך אמירת תהלים ויהי רצון, האָבן די לומדי הכוללים זיך איינגעטיילט מיט די קוויטלעך פון די גבאי קודש, וואָס מען האָט פאָרזיכטיג פאָרגעליינט ביים ציון המצוינת, און איינגעריסן פאר די כלליות'דיגע פּרטית'דיגע בקשות וואָס די גבאי קודש האָבן געבעטן אַז מען זאָל דאָס מזכיר זיין אין זייערע קוויטלעך.

נאָך א לענגערע צייט וואָס מען האָט איינגעריסן ביים ציון הק' האָט מען פאַרלאָזט די שטאָט, שיקנדיג זעק און פעק מיט ישועות פאַר די גבאי קודש אומעטום.

## מפּי עוללים ויונקים

אין די זעלבע צייט איז אויך אָפּגעראָכטן געוואָרן דער התרגשות'דיגער מעמד "עצרת התעוררות" צווישן די ילדי תשב"ר תלמידים פון די הייליגע תלמוד תורה "שומרי החומות" וואָס האָבן צוזאַמען מיט זייערע מלמדים געזאָגט עטליכע קאַפּיטלעך מיט התעוררות, און איינגעריסן אויף ישועות און רפואות און אַלע גוטע ברכות אין וואָס די גבאי קודש נויטיגן זיך.

נאָכ'ן זאָגן קאַפּיטלעך תהלים, האָבן די תלמידים געזאָגט א וואַרימע תפלה אויף די אידישע שפּראַך, זייענדיג מתפלל פאר די גבאי קודש, זייערע משפחות און קינדער אומעטום, להפקד בדבר ישועה ורחמים, וואָס האָט באַרירט די טיפסטע סטרינעס פון האַרץ ביי יעדן איינעם.

*

די מעמדי תפלה האָבן געשיקט כוואַליעס פון חיזוק פאר די הונדערטער גבאי קודש, וועלכע אַרבעטן ווייטער פלייסיג מיט ענערגיע לטובת די הייליגע צדקה, זייענדיג שלוחי קבלה איבערצונעמען די גרויסע געלטער פון די תומכי הכולל, און שלוחי הולכה צוריקצובערענגן פאר די תומכים הויפנס מיט ישועות ורפואות.



די מנין תלמידי חכמים



המקובל רבי עמרם אופמאן בראש פון די מתפללים



הכהן הרב ר' יחזקאל דוד לעפקאוויטש מזכ"ל הכולל איז מתפלל ביים טיר פונעם אהל רבי מאיר בעל הנס




מיר דעליווערן
טעגליך קיין מאנסי
845.782.2900

**BEEF GROUND MIX**
$6.99 LB.

*Pickled*
**CHICKEN PASTRAMI ROLL**
$7.99 LB.

*Pickled*
**BEEF CHUCK CALACHAL**
$12.99 LB.
*Compares to Tongue when sliced thin.*

*Pickled*
**TURKEY BREAST ROLL**
$8.99 LB.

*Great For Stuffed Cabbage*
**BEEF FINGER BONES**
$1.49 LB.

*Pickled*
**BONELESS FLANKEN ROAST**
$17.99 LB.

*Imported - Pickled*
**CHUCK EYE**
$9.99 LB.

*9x13*
**BRISKET ROLL-UPS**
$85

Deli

*Smoked*
**TURKEY PASTRAMI**
$11.99 LB.

WILLIAMSBURG
80 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
823 Bedford
718.963.1100

WILLIAMSBURG
239 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
360 Wallabout
718.963.1100

BORO PARK
5023 N. Utrecht
718.854.2100

BORO PARK
4525 16th Ave.
718.854.2100

KIRYAS YOEL
68 Forest Rd.
845.782.2900

דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר

שבעינו בבוקר
הזן את העולם כולו בטובו
ונרננה ונשמחה בכל ימינו

לאמיר אריינבליקן אין דעם ענין

# איז סעודת 'שלישי למילה' א חיוב?

## און אויב נישט וואס איז דאס יא?

דער מקור פון שלישי למילה און די חשיבות דערפון

חלק ב'

איינע פון די צדיקים וואס האבן געהאט א גאר ספעציעלע עבודה אינעם פראוון דעם יום שלישי למילה, איז געווען דער וואלבראזשער רבי, הרה"ק רבי יששכר דוב בעריש הכהן טורנהיים זי"ע, בעל עבודת יששכר, פון די באקאנטע צדיקים אין פולין, א תלמיד פון הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל ממאגלניצא זי"ע און הרה"ק רבי אלעזר מקוזניץ זי"ע, וואס האט נאך זייער הסתלקות געשאפן דעם וואלבראזשער הויף.

אין די הקדמה פון זיין ספר "עבודת יששכר" שילדערט זיין זון: "ווער קען זאגן און ווער קען דערציילן, די גרויסע ליכטיגקייט און פרייד, וואס איז געווען אויסגעגאסן אויפן טאטן זי"ע ועכי"א, בעת ער איז געווען אויף א ברית מילה. זיין פנים האט געברענט כלפיד אש, עס האט אויסגעקוקט ווי ער האט גילוי אליהו. אויך דער עני שבעניים ביי אים אין שטאט, האט געמוזט צוגרייטן א סעודה אויף ברית מילה,

אזוי אויך ביי 'שלישי למילה' איז ער געווען א זריז לדבר מצוה, געפראוועט א סעודת שלישי למילה מיט גרויס הידור מצוה אזוי ווי ביים ברית.

ער האט זייער מקפיד געווען, אז מ'זאל אויך א סעודת שלישי למילה פראוון מיט פלייש און פיש, ער פלעגט ביי דעם טיש זאגן חידושי תורה, רמזים און רזי דרזין אויפ'ן פסוק אכלו רעים שתו ושכרו דודים (שיר השירים ה א). עד האט מקפיד געווען אז מ'זאל געבן אויף דער סעודה דריי'עקיגע קרעפלעך, זאגנדיג אז דריי עקן זענען מרמז אויף די דריי מצוות: מילה, פריעה און מציצה.

ווען ער איז געווען אויפגעלייגט, האט ער צומאל געזאגט על פי סוד, אז די סעודת שלישי למילה איז נאך גרעסער פון סעודת הברית.

אין זיין ספר ספה"ק עבודת יששכר (אנהויב פרשת וירא) שרייבט ער איבער דעם חשיבות פון סעודת שלישי למילה, אז דאס איז פאררעכנט ווי דער קרבן פסח, ביים ערשטן פסח מצרים איז השי"ת אליין אראפ אין אידישע הייזער, 'וראה את הדם על המשקוף וגו' ופסח ה' על הפתח ולא יתן המשחית לבוא אל בתיכם'. איז דאס זעלבע געווען ביים ערשטן שלישי למילה, וואס הקב"ה בכבודו ובעצמו איז אליין געקומען צו אברהם אבינו, און אים געפרעגט וואס ער מאכט. זעהט מען דערפון אז די צוויי האבן א שייכות.

דעריבער, וויבאלד קרבן פסח איז נאכל בחבורה, איז אויך "ראוי ונכון אשר יום שלישי למילה יהא ג"כ סעודה בחבורה", גענוי ווי אברהם אבינו האט געפראוועט די סעודה פאר די מלאכים אין זיין יום שלישי למילה.

א תורה נאכדעם שרייבט דער 'עבודת יששכר', א טעם פארוואס השי"ת איז טאקע געקומען צו אברהם אבינו דייקא דעם דריטן טאג, דאס איז געווען אים צו ווייזן און צוצוזאגן אז ס'וועט זיין א סימן פאר די אידישע קינדער אויף אייביג: אזוי ווי ער איז געקומען יעצט באזוכן אברהם אבינו, צוליב דעם וואס דעם טאג ווערן שטערקער די יסורים, און השי"ת היילט עס אויס, אזוי וועט זיין לדורות הבאים ביי יעדעס אידיש קינד וואס ווערט גע'מל'עט, וועט השי"ת קומען באזוכן, און אים אויסהיילן פון זיין ווייטאג, און בענטשן מיט א ברכת בנים.

פון דעם קענען מיר ארויסלערנען, האט דער וואלבראזשער רבי צוגעלייגט, אז די סעודה ביום השלישי למילה איז נאך גרעסער ווי די מעלת הסעודה ביים ברית אליין. ווייל סעודת מצוה ביים יום הברית איז נאר אויף איין מצוה, די מצות מילה, אבער די סעודת מצוה ביום שלישי למילה, איז פאר דריי מצוות: א. מצות ברית מילה, מ'פריידט זיך נאך אויף די שמחה פונעם זוכה זיין צו פראוען ברית מילה; ב. מצות ביקור חולים; ג. מצות קבלת פני השכינה, ווייל הקב"ה קומט דעם טאג מבקר חולה זיין דאס קינד דעם רך הנימול!

*

הרה"ק רבי מרדכי חיים סלאנים זצ"ל האט דערציילט, אז אין טבריא האט געוואוינט אן אייניקל פון בעל שם טוב, הרה"צ רבי הערש'עלע זי"ע, און ער איז אמאל געפארן פון ארץ ישראל צו הרה"ק בעל בית אהרן מקארלין זי"ע. רבי הערשעלע איז געווען זייער חביב ביים בית אהרן און ער האט זיך זייער געפריידט צו אים.

און ער האט אים דאן געזאגט: מ'האט מיך יעצט געלאדנט צו א סעודת שלישי למילה, וואס איז א בחינה פון קבלת פני השכינה; הכנסת אורחים ווייסט מען דאך איז גרעסער ווי קבלת פני השכינה. איר זענט דאך דער גאסט, טא קומט מיט מיר און לאמיר אינאיינעם גיין צו די סעודת שלישי למילה, וועל איך זוכה זיין צו קענען מקיים זייןביידע, סיי הכנסת אורחים און סיי קבלת פני השכינה! (סיפורי מרן הרמ"ח מסלאנים עמ' ריח)

*

אן אינטערסאנטער מנהג האט מען געזעהן ביים הייליגן ריבניצער צדיק זיעוע"י, וואס טראץ דעם וואס זיין סדר היום איז געווען אנגעשטרענגט, מיט דעם אלעם האט ער אנגעהאלטן זיין מנהג, אז דער דריטער טאג פון די מילה פלעגט ער אהיים גיין אין הויז פון די יולדת, און געגעסן דארט די סעודה לכבוד היום, ער פלעגט דאס טוהן אור ליום השלישי, ווייל בייטאג פלעגט ער פאסטן, און ער פלעגט אנוואונטשן פאר די יולדות, און האט ארויפגעלייגט ביידע הענט אויפן קינד און אים געבענטשט.

צום שלוס ברענגן מיר אראפ אן אינטערסאנטע מנהג וואס ווערט אראפגעברענגט אין ספר אוצר הברית, אז אין קהילת תוניסיה האט מען בכלל נישט אפגעראכטן א סעודת ברית מילה מען האט נאר צו געשטעלט כיבוד, און גאר די עיקר סעודה איז געווען די נאכט פונעם צווייטן טאג, וואס דאס איז די נאכט צו יום שלישי למילה.

עכ"פ וואס מיר נעמען ארויס פון די מורא'דיגע מימרות און סיפורים פון די גדולי ומאורי הדורות די גרויסקייט און הייליגקייט פון אפרעכטן א 'סעודת שלישי למילה' לכבוד די געהויבענע מצוה מילה.

דער בורא כל עולמים זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו כל השפעות טובות והוא ישלח לנו משיחו הולך תמים, בזכות חתן למולות דמים, לבשר בשורות טובות וניחומים.

**שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב**





לכבוד פורים
און א גאנץ יאר!
Plattery
by Satmar Meat Catering
Meat Board
Small $89.00
Meat Board
Medium $149.00
Large + Wine $249.00
Meat Board
32x16 $499
48x24 for $1000
Two tier for $1499
Jerkey Board
$199.00
Gefilta Fish Platter
12" Platter $40.00
Side of Salmon Platter
$120.00
Whole Salmon Platter
$120
Tongue Pastrami Platter*
1 LB TONGUE + Cold cuts
16" Platter $159.00
Assorted Chicken*
14" Platter $99.00
Cooked Chicken Roll*
14" Platter $79.00
Chicken & Turkey Platter*
14" Platter $75.00
16" Platter $85.00
Chicken, Turkey & Beef*
14" Platter $85.00
16" Platter $95.00
Order your Plattery Purim Platter today. 845.782.2900
*All platters are crafted fresh on Thursday.
For Sunday Purim, we do not recommend these product.
Please ask us for the best picks!
WILLIAMSBURG 80 Lee Ave. 718.963.1100
WILLIAMSBURG 823 Bedford 718.963.1100
WILLIAMSBURG 239 Lee Ave. 718.963.1100
WILLIAMSBURG 360 Wallabout 718.963.1100
BORO PARK 5023 N. Utrecht 718.854.2100
BORO PARK 4525 16th Ave. 718.854.2100
KIRYAS YOEL 68 Forest Rd. 845.782.2900
סאטמאר
פל"ש
דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר

# עירוב מאַטעריאַל פאַר מהודר'דיגע רמב"ם עירוב ארום 'שכונת סמיט גאַרדענס' ערוואַרטעט צו אָנקומען אין נאָנטע טעג

## עסקני העירוב אינאיינעם מיט הרה"ג ר' יואל קאהן שליט"א מו"ץ בקרית יואל טרייבן אויף סכומים נכבדים צווישן תושבי השכונה למען בניית העירוב

שמחים לשמרו ולערב עירובו! אין אַ דערהויבענע שטימונג גרייט מען זיך אין 'שכונת סמיט גאַרדנס' צו היסטאָרישע מאָמענטן, ווען אין די נאָנטע וואָכן וועט זיך אָנהויבן די אַרבעט צו אויפשטעלן די שטאַנדהאַפטיגע צוימען אויפ'ן נייעם רמב"ם עירוב, אין אַ העכסט קאסטבארע פראיעקט אונטערגענומען דורך די תושבי השכונה, צו פארצוימען דעם גאנצן געגענט מיטן מהודר'דיגן רמב"ם עירוב לויט די בעסטע הידורים.



די איבערגעגעבענע עסקני העירוב פון דער געגנט זענען שוין צוגעטרעטן צו דער פאַקטישער מלאכת הבני', ווען מען האָט שוין באַשטעלט דעם ריזיגן שיפּמענט פון קאָסטבאַרע מאַטעריאַל פאַר'ן עירוב אויפבוי, וואָס וועט האָפנטליך אָנקומען אין די סאַמע נאָנטע טעג און דאַן וועט מען באַלד אָנהויבן דעם גרויסן פּראָיעקט, לערב עירובו!

שטייענדיג בעפאָר אַזאַ אונטערנעמונג טוען זיך טאַקע תושבי השכונה וואַרעם באַטייליגן מיט גרעסערע סכומים צו פינאנצירן די ריזיגע קאסטן פון דעם פּראָיעקט. במשך די פאַרלאָפענע וואָך, בשעת די מנינים לימות החול אין ביהמ"ד יראי השם, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסער קאַמפּיין וואו די עסקנים האָבן אַפּעלירט און אָנגעשלאָסן די תושבים מיט גרעסערע זכותים אינעם עירוב למען כבוד שב"ק.

באזונדער האט אַנטפאַנגען דעם חשוב'ן מו"ץ ומומחה לעניני עירובין בעירינו, הרה"ג ר' יואל קאהן שליט"א - וועלכער איז גלייכצייטיג פאַרנומען די 'עירוב פראיעקט' אין שכונת ווינטשעסטער וואו ער האָט בלויז לעצטנס געפּראַוועט א שבת אינעם אָרטיגן סאַטמאַרער ביהמ"ד צום אנהייב פונעם קאַמפּיין. אַצינד איז דער דיין שליט"א פּערזענליך אַריבערגעקומען צו תושבי שכונת סמיט גארדענס און האט אויפגעטריבן שיינע סכומים צווישן דעם ציבור אַז מ'זאָל תיכף ומיד קענען צוטרעטן צו דער אַרבעט אָן קיין עיכובים פון געלט.

דער עירוב המהודר שטייט אונטער די השגחה פון הרה"ג ר' מרדכי פרידמאן שליט"א רב השכונה, וועלכער באַגלייט די גאַנצע די בוי ארבעט אינאיינעם מיט הרה"ג ר' יואל קאהן שליט"א, צו פארזיכערן אז די גאַנצע אַרבעט ווערט געמאכט בתכלית ההידור לויט די פּוסקים אשר מפיהם אנו חיים.

# ווילעדזש אָוו בלומינג גראָוו פייער דעפּאַרטמענט אין קאָנטראַקט אויף נייע פּאָרגעשריטענע 'ענדזשין פּאָמפּער' פייער טראָק

## פייער טראַק געספּאָנסערט דורך אייגנטומער פון נייע גיגאַנטישע 'איילענד טיים' מעגאַ סופּערמאַרקעט

בלומינג גראָוו - נאָכ'ן מיטהאַלטן עטליכע שווערע אינצידענטן פון העלישע פייערן, וועלכע האָבן געברענגט שאָדן און אין עטליכע פעלער אויך זיך טראַגיש געענדיגט, האָט די לאָקאַלע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע אונטערגענומען אַ מאַסיוון צו איבערפרישן און גרינדן א זעלבסטשטענדיגע פייער דעפּארטמענט מיט היימישע וואלונטירן, אייגענע טראקס און אַן אייגענע סטאנציע צו שטיין גרייט על כל צרה שלא תבוא.

דורכאויס די לעצטע חדשים האָט די ווילעדזש אויפגענומען אַפּליקאַציעס פון אַריבער דרייסיג געטרייע וואָלונטירן וועלכע האָבן געמאָלדן זייער גרייטקייט זיך צו אָנשליסן אין דעם נייעם פייער דעפּאַרטמענט. עס ווערט טאַקע ערוואַרטעט אַז די אַקטועלע טרענירונגען וועלן זיך אָנהויבן אין די נאָנטע וואָכן, צו מושטירן און אָנגרייטן דעם שטאַב פון וואוילטעטיגע אינגעלייט, צו זיין פעאיג און גרייט פאר דער עבודת הקודש.




אין דעם קומענדיגן שריט פאָראויס האָט די ווילעדזש אַצינד שוין אונטערגעשריבן קאָנטראַקט מיט א בארימטע פירמע וועלכע שטעלן אהער 'קאסטום מעיד' פייער טראקס פאר ווילעדזשעס און פייער דעפּאַרטמענטס, און מען האלט איינמיטן פּראָדוצירן די ערשטע אייגענע 'ענדזשין פּאָמפּער' פייער טראק וואס וועט אריינגיין אין דינסט אין דער נאָנטער צוקונפט.

די נייע 'פייער טראָק' איז פינאַנצירט געוואָרן בנדבת לבם הטוב פון די אייגענטומער פון דעם גיגאַנטישן 'איילענד טיים' מעגאַ סופּערמאַרקעט, וועלכע פאַרשטיין גוט דאָס נחיצות פון פארמאגן אן אייגענע אידישע פייער דעפּארטמענט, זייענדיג זעלבסט אקטיוו אויפצובויען נייע היימישע געגענטער מיט הונדערטער פאַמיליעס.

דער סאפיסטיקירטער פייער טראק וועט גלייכצייטיג אויסשטאַפּירט מיט אלע נויטיגע עקוויפמענט און רעטונג געצייג און מען קוקט אַרויס אויף די ווייטערדיגע פאָרשריט ביז די אָפיציעלע ערעפענונג פון דעם לאָקאַלן פייער דעפּאַרטמענט, האָפנטליך גאָר בקרוב אי"ה.

# שמחת 'שבת באוואַרפן' בבית טאָרנא אָפּגעראָכטן אין גרויסן שאַטער ברחובה של עיר קרית יואל

## צייטווייליגע מקום תפלה ביים ווינקל פון מירון – כהנא דרייוו טוט פּאַסיג אַקאָמאַדירן גרויסער ציבור לרגל השמחה שטייענדיג אינמיטן אָנגייענדע הרחבת גבולי ביהמ"ד טאָרנא

קרית יואל - א זעלטן דערהויבענער שב"ק איז אריבער אויף תושבי שכונת מירון און געציל בערגער וועלכע האָבן זיך באַטייליגט במקהלות עם ביי דער דער שמחת האויפרופן בבית הרה"צ אב"ד טארנא שליט"א, לרגל שבת עלי' לתורה פון נכדו הבחור החתן כמר שלום דוב שליט"א בן הרב שמואל אהרן שליט"א. עב"ג הרב נפתלי הירצקא דייטש שליט"א, חתן דומ"ץ מעליץ שליט"א ונכד כ"ק אדמו"ר הרה"צ ממעליץ שליט"א.

דער שבת עלי' לתורה איז אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט אן אייגנאַרטיגע חשיבות, ווען צוליב די אַקטיווע הרחבת גבולי הקדושה פון דעם בית המדרש טאָרנא, איז אויפגעשטעלט געווארן א גרויסער שאטער אויפ'ן רחבות'דיגן פארקינג שטח קעגן איבער דאָס ביהמ"ד טאָרנא, וואו דער גרויסער ציבור משתתפי השמחה האָט אָפּגעראָכטן די וואַרימע תפלות שב"ק ברוב עם הדרת מלך אין אַ דערהויבענע שטימונג.



גרויסער שאטער אויפן שטח ביים ווינקל פון מירון קאר. כהנא דר. קעגן איבער בנין ביהמ"ד טארנא

ס'איז שוין לאַנגע וואָכן וואָס די געטרייע 'וועד קרן הבנין' פונעם נייעם ביהמ"ד טוען באַטראַכטן די ריכטיגע שריט ווי אזוי צו אקאמאדירן דעם גרעסערן ציבור וואס איז געווען ערווארטעט צו דער שמחה בבית הרב שליט"א, אין אַ צייט וואָס צוליב די אנגייענדע בוי ארבעט אויפצובויען א בית גדול רם ונשא, איז דער שטח בית המדרש איינגעצוימט געוואָרן, כדי צו ערלויבן די טראקטארן אונטער'ן בנין אנצוהייבן מיט די גראב ארבעט פאר דעם נייעם שטאָק פונעם מקוה מפוארה והחדשה.

דאס אויפבוי פונעם שאטער קעגן איבער די גאס איז למעשה צושטאנד געקומען אין אַ בחינה פון 'טרם יקראו', ווען די געטרייע מתפללים ותושבי השכונה האבן זיך זעלבסט אנגערופן און בחפץ לבם געשאנקען דעם שטח, ביים ווינקל פון מירון - כהנא דרייוו, צו קענען דארט אויפבויען א שאטער מקום רחבת ידים אויפ'ן גאנצן פארקינג שטח, און אַזוי אַרום פראווען דארט די תפילות שב"ק און שמחת הבאוואַרפן ברוב פאר והדר.

ווירקליך האָבן טאַקע די תפלות שב"ק, מבואו ועד צאתו, אָפּגעקלינגען איבער די אַרומיגע גאַסן, וקול התפלה נשמע בבואו אל הקודש. אויך די אַנגענעמע וועטער האָט צוגעשפּילט און האט ערלויבט פאר ארומיגע שכנים טף ונשים פון די גאַסן מירון, געציל בערגער, כהנא דרייוו, קערעסטיר מיטצוהאלטן די תפילות שב"ק מיט די ווארימע ניגוני שבת, ווען מען האָט וואַרעם מקבל געווען שבת מלכתא, וואָס האָבן אָפּגעהילכט בחוצות קרית יואל.

די תפלות אין דעם גרויסן שאַטער האָט גלייכצייטיג ארויסגעצייגט די וואַקסנדע נויט און געברויך צו פארזעצן די ווייטערדיגע הרחבת גבולי הקדושה פונעם נייעם ביהמ"ד רחבת ידים מיטן א גרויסן היכל המפואר, זעהנדיג דעם געוואַלדיגן ריבוי המתפללים בליעה"ר וואָס וואַקסט מיט יעדן פארבייגענדן יאָר.

די חתונה הגדולה וועט בעז"ה אפגעראכטן ווערן דעם היינטיגן דאָנערשטאָג אָוונט, ליל שישי פרשת תשא, אין די חתונה זאַלן פון 'עטרת מאיר צבי', וואו עס איז ערווארטעט א גרויסע ציבור תושבי העיר, מתפללי ביהמ"ד ומעריצי הרה"צ אבד"ק טארנא שליט"א.

לרגל די שמחה וועט בעז"ה ערשיינען דער נייער ספר הנפלא 'ימי חיים', תולדות ימי חייו פון הרה"ק מרן בעל דברי חיים מצאַנז זי"ע, וואָס ווערט ארויסגעגעבן דורכ'ן מחותן הרה"צ רבי שמואל אהרן שליט"א, וועלכער איז שוין איתמחי גברא מיט זיינע הפלא'דיגע חיבורים, 'ניצוצי תומר', 'ימי מלך' און אנדערע רייכע ספרים נפלאים.

**בית צדיקים יעמוד!**


הדר קבלוה מאהבה

הונדערטער לומדי מס' חולין במסגרת חבורת זכרו - לומדי ש"ס איינגעהילט אין שטארקע לימוד וחזרה אטמאספערע זיך גרייטענדיג צום קומענדיגע בחינה דעם זונטאג ויקהל אין ביהמ"ד הגדול

חבורת לומדי ש"ס ישראל ואורייתא

פטרון החבורה
הרבני הנגיד התורני
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

לערנט, חזר'ט, נעמט די בחינה, באקומט די באנוס

עס איז זייער גרינג, פרובירט עס אויס

לימודי החודש פ"א - צ:
חזרת החודש ס"ט - פ:

תשלומי כפל

ספעציעלע $100 באנוס פראקלאמירט און צוגאב צו די געוועגליכע תשלומין, פאר אלע וואס נעמען אנטייל ביי די קומענדיגע 2 בחינות, בנדבת הרבני הנגיד המרומם אוהב תורה ומכבד לומדי' מוה"ר אברהם בנימין קרויס הי"ו פטרון החבורה

חדשים וגם ישנים בואו והבחינו

פאסיגע געלעגנהייט פאר לומדים וואס האבן נאכנישט געמאכט קיין בחינה, אדער וואס זענען ארויסגעפאלן ביי די לעצטערע בחינות, זיך צו מחדש זיין פון פריש יעצט ווען מען לערנט גרינגערע סוגיות און עס איז לייכט צאמצונעמען די בלעטער

משנכנס אדר מרבין בשמחה:

# ערעפענונג פון מאַיעסטעטישע "שמחה זאַל" אין 'שכונת סמיט גאַרדענס'

## נייע עפּאָרדעבל "שמחה זאַל" אין שכונת סמיט גארדענס אויפ'ן צווייטן שטאק פון ביהמ"ד אַנטפּאַנגט ערשטע שמחת שבת שבע ברכות





שכונת סמיט גארדענס. - אַ פרישע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער בליענדער שכונה מיט די פריידיגע לאַנג - ערוואַרטעטע ערעפנונג פון דעם פּראַכטפולן 'שמחה זאל' וואָס וועט פאַרפיגן פאר דער גאַנצער שטאט, איבערהויפּט פאר די תושבי השכונה אין די אַרומיגע גאַסן, צו פּראַוון קלענערע שמחות אין אַ רחבות'דיגער זאל ברוב פּאר ויופי.

ס'איז שוין עטליכע חדשים וואָס ס'איז דורכגעפירט געוואָרן העפטיגע קאנסטרוקציע צו אַהערשטעלן דעם הערליכן נייעם זאַל, וואָס איז ב"ה אַצינד ערגענצט געוואָרן אויפ'ן צווייטן שטאָק פון דעם פּרעכטיגן 'בנין בראך' אין צענטער פון דער געגנט, וואו דער גאַנצער אויבערשטער שטאָק איז רעזערווירט געוואָרן פאַר דער שמחה זאל און די קיך, מיט אַלע נויטיגע איינריכטונגען און צוגעהערן בשלימות.

ווי ערווענט וועט דער שפּאָגל - נייער זאל עפענען אַ פרישע קאַפּיטל פון פּראַווענען אידישע שמחות, אַהערגעשטעלט מלכות'דיג רייך און עלעגאַנט, פאר צוגענליכע פּרייזן, מיט הרחבת הדעת, צו פאַרזיכערן די גרעסטע צופרידנהייט פאר די בעלי שמחה און משתתפים צוגלייך.

# שמחת בית צדיקים בבית טשערנא - טענקא - טעמעשוואַר געפּראַוועט אין קרית יואל

## רבני'שע שמחת נישואין אָפּגעהאַלטן געוואָרן ברוב פּאר והדר אין 'עטרת מייזעלס' חתונה זאַלן

קרית יואל. – די פאַרגאַנגענע וואָך איז אַ הערליכע שמחת בית צדיקים געפּראַוועט געוואָרן אין דער שטאָט קרית יואל, ווען ס'איז געגאַנגען אונטער די חופה החתן פרי עץ חיים הרב מאיר שליט"א בן הרה"צ ר' אברהם מרדכי ראטה שליט"א אב"ד קרן תורה טשערנא אין מאנסי, א זון פון כ"ק הגאון רבי יחזקאל ראטה זצ"ל גאב"ד קארלסבורג, און אן איידעם ביי הגה"צ אב"ד טענקא שליט"א, עב"ג הכלה תחי' בת הרה"צ ר' בנימין לייפער שליט"א אב"ד טעמעשוואר ירושלים, בן כ"ק אדמו"ר מטעמעשוואר ירושלים שליט"א און איידעם ביי כ"ק אדמו"ר מטעמעשוואר בני ברק שליט"א.

די הערליכע שמחה איז פאָרגעקומען אין די פּרעכטיגע 'עטרת מייזעלס' חתונה זאַלן וואו דער מסדר קידושין איז געווען דער זיידע פונעם חתן, הגה"צ אבד"ק טענקא שליט"א וועלכער איז געקומען צופאָרן פון באָראָ פּאַרק, צו באַשיינען די דערהויבענע שמחה.

דורכאויס די נאַכט האָט אַ ריזיגער ציבור ידידים און מעריצים געשטראָמט צו זיך באַטייליגן און אָנוואונטשן פאר די חשוב'ע מחותנים און זיידעס הגה"צ שליט"א, שמחו בה' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב!

ויהי רצון שמשמחה זו יושפע שפע רב לכל בית ישראל.

# דאַטום ענדליך באַשטימט פאר פּובליק הירינג אַנבאַלאַנגט 'שכונת דברי חיים'

ווי באַריכטעט אין די פאַרלאָפענע וואָכן איז שוין אַ לענגערע צייט וואָס די 'ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראָוו' איז אַקטיוו אין אַ פאַרצווייגטן פּראָיעקט צו איבערנעמען די וואַסער - געבענטשטע קוועלער וועלכע געפינען זיך אויף דעם גרויסן שטח פון "שכונת דברי חיים" (קלאוו -וואוד דעוועלאָפּמענט), וואָס וועט האָפנטליך ברענגען אַ פרישע שפע פון מיליאָנען גאַלאָנען וואַסער פאר דעם גאַנצן ווילעדזש.

אין די לעצטע תקופה האָט מען זיך גערוקט ביז צו דעם לעצטן שטאַפּל, ווען מען דאַרף בלויז באַקומען די "פיינעל וואסער און סוער אפּראוועל" פון די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטל דעפּארטמענט (DEC), און באַלד דערנאָך קען מען פאַקטיש אינסטאָלירן די גיגאַנטישע וואַסער "פּייפּס" ביי די קוועלער און צוטרעטן צום אויפבוי פון דעם גרויסאַרטיגן דעוועלאָפּמענט.

נאָך אַ לענגערע צייט פון אַרומשלעפּן מיט דער צייט האָט די 'די.אי.סי.' אַצינד ענדליך געמאָלדן אן אָפיציעלן דאַטום, דעם קומענדיגן כ"ד אדר ב' ולמספרם אַפּריל 3, ווען ס'וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ "פּובליק הירינג" אויב מען זאָל באַשטעטיגן די פּערמיטן פאר דעם דעוועלאָפּמענט.

דערווייל אָבער, האט די אַגענטור נאָכנישט באשטימט קיין אפיציעלן דאטום פאר דעם "פובליק הירינג", וואָס דאָס זעלבסט קען זיך פאַרציען אויף אַ לענגערע צייט. די ווילעדזש באַאַמטע זענען דעריבער אַקטיוו צו פּאָראויסשטופּן דעם פּראָצעדור אַז די "פּובליק הירינג" זאל שוין טאַקע פּאָרקומען ווי אַמשנעלסטן, מיט האפנטליכע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

די היימישע ווילעדזש באַאַמטע צייגן אָן אַז די פובליק הירינג וועט פּאָרקומען אויף אַ 'זום' ווידיאָ קאָנפערענץ, וואָס איז קעגן די סטעיט געזעץ וועלכע פאַרלאַנגט אַז אַזעלכע זיצונגען דאַרפן זיין אויף אַ פערזענליכן פּאָרמאַט, אָבער די אַגענטור טוט דאָס דירעקט ווייל זיי ווילן אַז עס זאָלן זיך באַטייליגן אויך פילע העסליכע עלעמענטן פון אַרומיגע געגנטער, צו אָפּגעבן זייערע מיינונגען אויף דעם פּראָיעקט.

אויסערדעם האָט די 'די.אי.סי.' נישט אָנגעדייטעט קיין דאַטום ווען זיי פּלאַנירן צו פאַרמאַכן דעם הירינג, וואָס פון ערפאַרונג געדענקט זיך אַז די פאָריגע "פּובליק הירינג" פון דעם פראיעקט האָבן זיי אויפגעהאַלטן במשך "ניינצן לאנגע חדשים" אן קיין פרישע קאָמענטאַרן, מיט אן אָפּענעם ציל צו שטערן די פּאָרשריט. די ווילעדזש באַאַמטע זענען דעריבער אַקטיוו צו אַנולירן דיביידע חששות, מיט האפנטליכע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

בדרך אגב, איז אין די טעג פּובליצירט געוואָרן די קאָמענטאַרן פון די אַרומיגע שכינים, וואס זענען געווארן אריינגעגעבן דעם פארגאנגענעם דעצעמבער צו דער די. אי. סי. איבער דעם פראיעקט, און ס'איז מערקווערדיג אַז צווישן די פילע בריוו איז פאַרהאַן אַ קאָמענטאַר פון אַ פרוי וואס מען האט איר מאַניפּולירט אונטערצושרייבן א בריוו אקעגן די דעוועלאפמענט, אבער עטליכע טעג דערויף האט זי זיך איבערצייגט אז זי האט געטאן די נישט ריכטיגע שריט צו באקריוודען די אידישע געמיינדע און האט אריינגעשיקט נאך א בריוו, צוריק צו ציען פון אירע אָריגינעלע פון פריער אנגעגרייטע קאמענטארן.



# שפּאָגל נייער בוילער סיסטעם אינסטאַלירט אין מקוה מפוארה שע"י ביהמ"ד ישמח משה דקיט"ל

אין דער לעצטער תקופה האָבן מתפללי ובאי ביהמ"ד ישמח משה דקיט"ל, מיטגעהאַלטן דעם פּראָבלעם וואָס האָט זיך געשאַפן, ווען צוליב דעם ריבוי העם בליעה"ר, וועלכע באַנוצן זיך מיט דעם פּרעכטיגן מקוה מפוארה, איז די הייצונג סיסטעם איבערגעשטרענגט געוואָרן און האָט געפאָדערט באַלדיגע רענאָוואַציעס.

די געטרייע הנהלה וגבאי ביהמ"ד האָבן צוערשט פּרובירט צו אַראָפּברענגען טעכניקער צו פאַררעכטן די בוילערס, אָבער ענדגילטיג איז קלאָר געוואָרן אַז ס'פאָדערט זיך אַ פולקאמע טויש איינצוקויפן נייע טייערע בוילערס און טוישן דעם גאַנצן אַרומיגן סיסטעם, וואָס זאָל זיין גענוג שטאַרק און שטאַנדהאַפטיג צו דעקן אַזאַ מקוה מיט אַזויפיל באַנוצער בליעה"ר.

אין לויף פון די וואכן וואס מען האט געארבעט דערויף און מען האט באַשטעלט די נייע סאָפּיסטיקירטע בוילערס האט מען פרובירט דאָס מערסטע מעגליך אז די מקוה זאל נישט אפעקטירט ווערן. איבערהויפט האָט זיך דאָס געשפירט אין די צייטן פון פרייטאָג ערש"ק נאָכמיטאָג, ווען עס קומט אויפאַמאָל אַ גרויסער ציבור אין דער זעלבער צייט פון דער גאַנצער אומגעגנט.

ס'איז דעריבער אַ פריידיגע מאָמענט ווען נאָכ'ן דורכפירן אַלע נויטיגע רענאָוואַציעס האָט מען די וואך פאַרענדיגט די שפּאָגל נייע און פאַרגרעסערטע בוילער סיסטעם, וואָס וועט בעז"ה דערשטרייטן דעם גרויסן פאַרלאַנג און וועט פיל פאַרגרינגערן דאָס באַנוץ פאר די פילצאָליגע מתפללים ולומדים, להתקדש ולהטהר בקדושה עליונה.

למען באי בית ה' אלקינו:

# גרויסער פארקינג שטח אויף ישראל זופניק דרייוו צופיסנס פון בית המדרש ישמח משה דקיט"ל, פאַרענדיגט געוואָרן אין די יעצטיגע טעג לשביעת רצון מתפללי ולומדי ביהמ"ד

## אַרבעט זעצט פאר צו פלאַסטערן פרישע פּאַרקינג שטח אויף די אנדערע זייט פונעם ביהמ"ד, וואָס וועט זיין אַ געוואַלדיגע תועלת פאר מתפללים ותושבי השכונה



# פראכטפולע 'עטרת גאלדא' זאַלן עפענען טויערן פאר טעגליכע שמחות אויפ'ן ערשטן שטאָק פון פרעכטיגן בנין 'בית כהנא דקיט"ל'

## שמחות תנאים און וואַכנאַכטס וועלן געפּראַוועט ווערן אין הערליכע זאלן מיט ספּעציעלע פּאָרצוג פאר מתפללי ביהמ"ד 'בית כהנא'

אין פרייליכע נייעס ווערט אויפגענומען דורך תושבי שכונת חברון, ראוונא, מתפללי ביהמ"ד 'בית כהנא' דקיט"ל איבער די פרישע אַנטוויקלונג אינערהאַלב די נאָבעלע 'עטרת גאלדא' זאַלן, וואָס וועלן אַצינד שטיין גרייט צו פּראַוון דאָרט שמחות במשך אַלע טעג פון דער וואך אויף אַן אַריסטאָקראַטישן פּאַרנעם.

די זאלן פון 'עטרת גאלדא' זענען אָריגינעל געעפענט געווארן און ווערט ברייט באנוצט דורך תושבי השכונה, ביי שמחות שבת שבע ברכות און אזוי אנדערע קלענערע שמחות בימי שבתים וימים טובים, ווען די זאלן האָבן טאַקע קונה געווען א שם טוב אין דער גאַנצער אומגעגנט, זייענדיג צוגענליך, מלכות'דיג און גאר באקוועם אויפ'ן ערשטן שטאק פון דעם פרעכטיגן בנין בית כהנא.

אצינד ווערט געמאלדן אַז די גבאי ביהמ"ד האָבן אין אַ פרישע רינגעלע אויסגעברייטערט און געעפענט די הערליכע זאלן אויך פאר די ששת ימי המעשה, ווען אין די לעצטע וואָכן איז שוין דאָרט געפּראַוועט געוואָרן עטליכע שמחות די לעצטע וואכן וואס האט זיך ארויסגעשטעלט מיט א געוואלדיגע סוקסעס און דעריבער ווערט דאָס אַצינד פרעזענטירט פאַר'ן ציבור מתפללי ביהמ"ד מיט אַ געלעגנהייט צו קענען דאָרט פּראַוון שיינע שמחות ווי תנאים'ס און וואַכנאַכטס.



דער זאל איז אויסגעשטאט מיט א פולקאמע פליישיגע קיך פאר די באַקוועמליכקייט פון די בעלי שמחה. און אנגעהויבן פון דעם פאַרלאָפּענעם זונטאג תשא איז שוין געעפענט געוואָרן די 'בוקינגס' מיט ספעציעלע צוגענגליכע פרייזן צו ערמעגליכן מתפללי ביהמ"ד אפצורערכטן די שמחות מיט גלאנץ און פראכט, און צוגאב צו עפּאָרדעבל פרייזן וואס וועט געוויס ברענגען אַ דאָפּלטע שמחה בעידן חדוותא.




# דערהויבענער סעודת הילולא פון הגה"ק בעל ברכות שמים מקאַשוי זצ"ל אָפּגעהאַלטן אין שטאָט

קרית יואל. - היינטיגן דאָנערשטאָג געפאלט אויס די יארצייט פונעם רבן ומאורן של רבבות אלפי ישראל מרן הגה"ק מקאשוי זי"ע, ווען תלמידים וחסידים קומען זיך צונויף ביי די צענטראַלע סעודת הילולא אין קרית קאשוי בעדפארד הילס אשר שם חלקת מחוקק ספון, וואו עס ווערט אויך ערווארטעט א גרויסער ציבור משתתפים הבאים להשתטח על הציון המצויינת ביומא דהילולא, וואו מען וועט זיך מחזק זיין און איבערגיין משנת בעל ההילולא.

אויך דאָ אין אין קרית יואל איז פאָרגעקומען אַ דערהויבענע "סעודת הילולא" דורך קהל עדת קאַשוי דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש פ' תצוה אין דעם זאל פון פילמאר גאַרדענס, ברוב פאר והדר ובשבת אחים גם יחד, וואו עס זענען זיך צונויפקומען א הערליכער ציבור אנשי שלומינו תלמידי וחסידי קאשוי אין קרית יואל, און מען האט איגאיינעם זיך דערווארימט און געהערט די סיפורי קודש און דרשות לרגל ההילולא.

עס איז סערווירט געווארן א רייכער סעודת מלוה מלכה והילולא, וואס איז נתנדב געווארן לעילוי נשמת דעם בעל הילולא זי"ע דורך אחד מתלמידיו הי"ו, וואס האט אָפּגעקויפט דעם זכות אַז עס זאל אים מגין זיין בכל מילי דמיטב.

אלס יו"ר האט געדינט האברך היקר הר"ר יצחק משה יאקאבאוויטש הי"ו, מזה בן מזה זון פונעם אומפארגעסליכן עסקן הנאמן לכל קדשי בית קאשוי הרה"ח ר' צבי ז"ל. נאָכ'ן זינגען אינאיינעם די זמירות למוצאי שבת, האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' חיים בער אדלער שליט"א מפארי תלמידי הגה"ק מקאשוי זי"ע ומח"ס מאורי אור, וועלכער האט ארויסגעברענגט מיט א ווארימקייט שיינע נקודות פון דעם בעל הילולא וואס מען קען זיך לערנען פאר זיך און די קינדער, און ער האט פארציילט פארשידענע עובדות און פערזענליכע סיפורים.

דערנאך האט מען געהערט די צענטראלע דרשה דורך הגה"צ אבד"ק קאַשוי שליט"א וואָס איז געקומען צופאָרן פון וויליאַמסבורג, און בתוך דבריו האָט ער ברייט אויסגעשמועסט די אַלע יסודות וואָס אביו הגה"ק זצ"ל פלעגט כסדר מזהיר זיין דערויף און איבער דעם דרך האמת וואָס מ'האָט געזען ביים גרויסן בעל הילולא, אנדערש ווי פארשידענע פאלשקייטן און דרכי שוא וואס עקזיסטירן אין די פרעמדע קרייזן.

אין די שפעטע נאכט שעה'ן האט מען מכבד געווען מיט ברכת המזון על הכוס הרה"ג ר' אלעזר הורוויץ שליט"א מחשובי תלמידים, און דער עולם איז זיך צוגאנגען מיט התרוממות, זיך וואונטשענדיג אז זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל און מען זאל פועל'ן אלעס גוטס.

*

די צענטראַלע סעודת הילולא קומט פאָר דעם היינטיגן דאָנערשטאָג, כ' אדר נאָכמיטאָג, דורך קהל עדת קאשוי אין קרית קאשוי בעדפארד הילס אשר שם חלקת מחוקק ספון, וואו עס ווערט אויך ערווארטעט א גרויסער ציבור משתתפים הבאים להשתטח על הציון המצויינת ביומא דהילולא, וואו מען וועט זיך מחזק זיין און איבערגיין משנת בעל ההילולא.

אויפ'ן בית החיים גופא ווערן שוין געמאכט פילע צוגרייטונגען צו קענען אויפנעמען די אלפי ישראל וואס שטראמען אהין פון אלע געגנטער, אז אלעס זאל זיין צוגעשטעלט און צוגערישט מיט דעם גרעסטן מאס כבוד הציבור, מען זאל קענען זיך משתטח זיין מיט די מאקסימאלסטע מאס הרחבת הדעת. בפרט וועט שטיין צום דינסט דער בנין פון די חברה קדישא אויסשטאפירט מיט אלע געצייג און באדערפענישן למען כבוד הציבור ולהנאת כל המשתטחים.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.**





בס"ד
5 Room Apartments
inquire for details
FOR SALE
חתן כלה דירות אין הארץ פון קרית יואל
3 Regular Units Left!
Starting Selling The Basement Units
First Come, First Serve!
Available
In Contract
5 DZIKOV ST.
*Actual photo
Acres Point Development
PRE APPROVAL LETTER REQUIRED
AG APPROVED
LAST TOUCH UPS BEING MADE
ONLY 10% DEPOSIT IN ESCROW
Very suitable for 1031 exchange
Finders Fee Available
SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL
RESIDENTIAL
Since 2011
ONE CALL DOES IT ALL
MK REALTY
Residential & Commercial
845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com
48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY
LISTING AGENT
משה שמחה קויפמאן
לייסענס# 10311206102
845.537.0475
LISTING AGENT
אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס# 10401304475
845.662.3574
דוד לייב קרויס
לייסענס# 10401317322
845.274.3765
נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס# 10401300864
845.728.1429
אברהם חיים לעווי
לייסענס# 10401327281
845.238.1162
אברהם הערש גפן
לייסענס# 10401378950
845.837.0943

# שרייפטן צום וואכנשריפט



טעלעפאָן (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6 | פעקס: 845-501-0246 | פאָסט: POB 113, Monroe ny 10949 | אימעיל: Letters@kyweekly.com

פאקטאזירן און זיי זאלן זיך צוריקשטעלן אויפן דרך הצדיקים.

דער אויבערשטער זאל אייך שענקן הצלחה און סייעתא דשמיא אין אייער עבודת הקודש ווייטער צו פארשפרייטן דעם דבר ה' און שטיין לימין פון די ברכיים אשר לא כרעו לבעל קעגן די גזירות פון ניתוחי מתים, חיטוטי שכבי, גיוס בנים, גיוס בנות, מוסדות כלאים, וואס ליידער ווערט די באריכטן נישט געזען אין כמעט קיין איין אויסגאבע. וואַרשיינליך דאַרף מען אַ באַזונדערע זכי' צו זיין פון דער מחנה יראי ה' הנשאר לפליטה.

ויה"ר שילמדו תועים בינה. ומלאה הארץ דעה את ה'

**צבי וו.**
**ירושלים עיה"ק**

## דאָס וויכטיגקייט פון באַצאָלן שדכנות געלט

צו דער רעדאַקציע הע"י.

אַזויווי לעצטנס איז ב"ה דאָ אַ גרויסע אויפוואַכונג איבער דעם ענין פון באַצאָלן צייטליך שדכנות געלט, וואָלט איך געוואָלט מיטטיילן אַן אינטערעסאַנטע מעשה וואָס כ'האָב געהערט פון הרה"ח ר' זאב לעפקאוויטש שליט"א, וואָס ס'איז ווערד צו געדרוקט ווערן.

ר' וואָלף האָט אַמאָל אויסגעפירט א שידוך ביי איינע פון די קינדער פון הרה"צ רבי שמשון שווארץ זצ"ל, און ס'איז אריבער צוויי יאר וואָס דאָס פאָרפאָלק האָט נאָך געוואַרט אויף זש"ק.

איין טאג איז ר' וואלף צוגעגאנגען צו הרה"צ רבי שמשון זצ"ל און געפרעגט אַזוי מיט אַ ווערטל: 'וויאזוי גייט שלום בית'..? ווען ר' שמשון האָט אים זייער באַדאַנקט פאר זיין שדכנות האָט ר' וואָלף אים אַריינגעוואָרפן: "איר ווייסט אז שדכנות איז נאכנישט געווארן באַצאָלט"... האט






הרה"צ רבי שמשון געפרעגט וויפיל מען דארף געבן דערפאר. זאָגט אים ר' וואָלף אַז צוואָנציג דאָלער וועט זיין פיין. און הרה"צ רבי שמשון האט אים דאס געגעבן אויפ'ן פלאץ.

נאכדעם איז ר' וואלף צוגעגאנגען צום אַנדערן מחותן און געזאגט דאָס זעלבע און אַז צוואָנציג דאָלער וועט זיין גענוג פאר שדכנות געלט. די מעשה האט זיך געענדיגט אַז מיט א גאר קורצע תקופה דערנאך איז ב"ה געווען אַ מזל טוב בשעטו"מ.

ר' וואָלף לייגט צו אַז ער האָט שוין אויסגעפירט אזויפיל ווי צווישן 50-60 שידוכים ב"ה. און ער רעדט כסדר אינגעלייט זאלן זיך אריינצולייגן דערין און טון אין די פעלד פון שידוכים, און זיכער מאכן אז מען ווערט באצאלט דערפאר... וואס דינט א דאפעלטע סגולה, סיי פאַר'ן שדכן צו קענען אנגיין ווייטער מיט דער עבודת הקודש און סיי פאר דאס פאָרפאָלק צו האָבן אַ גליקליך לעבן מיט בני חיי ומזוני.

**נ. פאזען**

*

## אָבלאַווע איבער די אפיסעס פון 'מרכז הצלה'

מהררי ציון וירושלים, שלוחה מכתבי ברוב אונים, לכבוד שופרה של יהדות החרדית הנאמנה בעיר קרית יואל המעטירה.

איך האב געליינט די שוידערליכע באריכט איבער די איבערפאל און גניבה דורך א.ג. מצילים וועלכע האבן זיך איינגעבראכן אין די אפיסעס פון 'מרכז הצלה', וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן מיט די פערזענליכע באַגלייטונג און פקודת הקודש פון כ"ק מרן גאב"ד ירושלים בעל שערי טובי' זי"ע מציל צו זיין נפשות ישראל און איז מיט די צייט אויסגעוואקסן אַלס די סאמע גרעסטע אפאראט וועלכע ראטעווען נשמות פון אלע שיכטן פון אריינפאלן צום צבא השמד.

ליידער האָב איך אליינס צוגעזען דעם חורבן מיט די אויגן, ווען איך האב באזוכט די אפיסעס נאך די אָבלאַווע, און מריחוק מקום האב איך הנאה געהאט פונעם באַריכט, אז זייער אמת'ער פרצוף ווערט פארשפרייט קבל עולם ומלואה.

מי מלל ומי פלל אז די 'מליצים' זאלן פאלן צו אזא נידריגע דרגה נאָכ'ן ארבעטן מיט א שרעקליכע שותף פעולה מיט די ממשלת השמד (איך האף אז די רעדאקציע זאל ממשיך זיין אויפצודעקן דעם שלייער פון די מליצים וועלכע זענען אן אבן נגף פאר דער עדה החרדית) וואָס ליידער איז נאכנישט געשטאנען קיין אפס קצהו פון זייערע פינסטערע מעשים, בשעת עס איז פארהאן הויפענעס באווייז, בילדער, דאקומענטן פון זייערע שענדליכע פעולות וואס איז ביז היינט נאכנישט מפורסם געווארן קיינמאל.

נישט גענוג אז זיי גייען בדרכי הרשעים און טוען רודפ'ן רבותינו הגאוה"צ חברי הבד"צ שליט"א, זיי האלטן אויף נפטרים און שטערן די פעולות הצלה פון די ערליכע עסקנים, טוען זיי גאר באשולדיגן די ערליכע אידן (ווען זיי באצייכענען אלס סיקריקים) מיט אלע 'זייערע' פארברעכנס.

נאר א קורצע נקודה: עטליכע וואכן צוריק איז געווען באריכטעט אין אייער וואכנשריפט די רשימה פון נעמען פון בחורים און אינגעלייט וועלכע זיצן אין תפיסה פאַר'ן נישט וועלן גיין דינען אין צבא השמד. איז מיר איינער געקומען זאגן אז ס'איז נישט אמת. אויפן פראגע פון וואו ער ווייסט האט ער מיר געזאגט אז דער יו"ר המליצים האט אים דאס אליינס געזאגט! און דא רעדט מען פון אידן אין תפיסה ווען 'איך' בין געגאנגען באזוכן זיך אינטערסירן אין זייער מצב, אבער דאס ווערט געלייקנט דורך די מכחישי הגזירה, וועלכע דארף גאר דינען אלס יו"ר פונעם מרכז עזרה לגיוס.

בייגעלייגט שיק איך עטליכע בילדער פון די נאנטע הערצליכע פארבינדונגען פונעם א.ד. מרכז מיט זייערע שותפים חברי כנסת המינים. וירא הקהל וישפוט. ס'איז ממש אומגלויבליך, אבער דאס מאכט עס נישט אויס פאַקט, נאר עס ווערט 'אן אומגלויבליכע פאקט' וואס דער ציבור האפט אז דער אחראים לפשע זאלן דאס דע-

*

## עפ"י הלכה זאָל מען יאָ רופן הצלה פאַר אַן אויסגעדרייטע פיס ביי אַ קינד

אל מעלת כבוד מערכת וואָכנשריפט הנכבדה.

פאריגע וואך האט איינער געשריבן א בריוו און דערציילט ווי אזוי זיין קינד האט זיך אויסגעדרייט זיין פיס. און ער איז אריבער צו אן הצלה מאן צוריקצושטעלן די פיס אין פלאַץ, נישט ווילנדיג רופן די הצלה דורכ'ן טעלעפאָן ווייל ס'איז נישט קיין פיקוח נפש.

האב איך געוואלט מעורר זיין, וואס איז אויסגעשמועסט געווארן ביי דעם 'הצלה פאנעל' רפואה בהלכה פארגאנגענעם חוה"מ סוכות אין גרויסן ביהמ"ד, צווישן הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א פון מאנסי אינאיינעם מיט הר"ר יואל גראס הי"ו פון דער חברה הצלה קרית יואל און הר"ר יואל אברהם כ"ץ שליט"א מנהל און הצלה מיטגליד, וועלכע האָבן ברבים דורכגערעדט אַסאַך וויכטיגע הלכות און רפואה בהלכה.

דארט ביים פאנעל האט מען טאקע אויך גערעדט פון אזא פאַל, אויב א קינד דרייעט זיך אויס די פיס, און ס'איז אַרויסגעברענגט געוואָרן די פסק פון גדולי בעלי ההוראה אַז ס'איז יאָ וויכטיג אין אַזאַ פאַל צו רופן הצלה אפילו אום שבת, ווייל לאזן דאס קינד מיט אן אויסגעדרייטע פיס קען פירן צו נאכפאלגן און א סכנה און מען דארף געהעריג רופן הצלה.

מיט פיל דאנק פאר אלע וואלונטירן און זייערע בני משפחה וועלכע שענקן אוועק פון זייער טייערע משפחה און ביזנעס צייט צו העלפן ראטעווען און צוריקשטעלן אידן אויף די פיס.

**יואל ד.**

*

## ראו מה בין בני לבין בן חמי; די דאגות פון די אַרומיגע גוי'אישע סקולס

לכבוד דער קרית יואל וואכנשריפט

פארגאנגענע וואך איז ביי די 'אלגעמיינע לאקאלע נייעס' געווען געדרוקט אַ נייעס'ל

אַז די מאנראו וואדבורי שולע זוכט א נייע סופעראינטענדענט.

צווישן די שורות איז דאָרט געשטאנען א קורצע פּאַראַגראַף, וואס וואלט געמעגט באקומען אביסל מער דעקונג, דעריבער שרייב איך דאס אריין דא צום ליינער'ס קאָלום:

"די אָנוועזנדע ביי די זיצונג זענען פארזיכערט געווארן אז זייערע קאמענטארן וועלן ווערן אין געהיימניס, און דעריבער האבן זיי זיך ערלויבט צו רעדן מיט מער פרייהייט.

"געוויסע פון די עלטערן און סטודענטן האבן אויסגעדרוקט זייער אינטערעסע אין א סופעראינטענדענט וואס וועט אדרעסירן די שווערע אישו וואס פלאגט אין די שולע פון שלעגערייען צווישן די עלטערע סטודענטן און די באנוץ פון אומלעגאלע סובסטאנצן."

ליינענדיג אַזאַ באַריכט שרייט זיך אויס פון זיך אליינס "אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו"! אין דער צייט וואָס די אַלגעמיינע גוי'אישע גאס זינקט אין אזויפיל טומאה און אלע מרעין בישין און זיצן אונזערע לעכטיגע בחורים און הּאָרעווען שעות רצופות בין כותלי הישיבה!

די מנהלים אין אונזערע ישיבות זענען ב"ה נישט פאַרנומען צו שליכטן שלעגערייען און אומלעגאַלע סובסטאַנצן, מיר זענען ב"ה אַ דערהויבענע הייליגע פאָלק און מיר דאַרפן דאָס געדענקן און שטאָלצירן דערמיט, בפרט ווען די שונאי הדת זענען לעצטנס אַזוי פאַרנומען צו 'פאַררעכטן' אונזער חינוך סיסטעם. זאָלן זיי ענדערש קוקן אויף די פאַרדאָרבענע פּירות פון זייער סעקולאַרע עדיוקעישן וואָס האָט בלויז געברענגט אַ חורבן פאר די גוי'אישע יוגנט, ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר.

**ש. שטעסל**
**שכונת וואדבורי**

*

## אַן אייגנאַרטיגע באַריכט פון 'פּורים קטן טיש' דא אין שטאָט

צו דער רעדאַקציע.

איך וואָלט געוואָלט מיטטיילן מיט'ן ציבור אַ קורצע באַריכט פון דעם שיינעם 'פּורים קטן' טיש דאָ אין קרית יואל, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן דורך דעם קרית יואל'ער פּורים רב, כמנהג מקדמת דנא אין אלט פורים-שטאט צו פּראווען א פּורים קטן טיש ברוב עם הדרת מלך אז דער ציבור זאל איבערלעבן דעם עקסטערן חודש ביז פּורים, חלילה נישט אריינצופאלן אין עצבות.

ביים עריכת השלחן האָבן זיך באטייליגט א שיינער ציבור און דער פּורים רב האט געזאגט שיינע דברי בדחנות און געזינגען ווארימע ניגונים פון וואָס די פאַרזאַמלטע האָבן שטאַרק הנאה געהאַט.

ותשחח"ל פאר די הנהלת הביהמ"ד וועלכע האבן ערמעגליכט צו קענען דארט פּראווען דעם פּורים קטן טיש און האָבן ספּעציעל דערפאַר געשאנקען איינע פון די גרעסערע שטיבלעך, דער "חדר מרדכי", אויפ'ן ערשטן שטאָק אין בית המדרש הגדול חרדים.

**וע"ז באתי על החותם: יום פּורים קטן,**
**פּה פּורים-שטאט יע"א**





בס"ד
איינמאליגע געלעגנהייט פאר
עקספיריענס
מלמדים/
טיטשערס
בלויז
געציילטע
הייזער אפציעס
פארבליבן אין די
מחנכים פלאן
אן אייגענע הויז
מיט א שיינע פרנסה!
רופט שוין צו
פארזיכערן אייער
אייגענע הויז:
908.998.2442
office@zayisranon.org
www.zayisranon.org




YESSAGE 845.774.4069

# ציוניסטישער בג"ץ פאדערט: רעגירונג מוז ענטפערן פארוואס מ'זאל נישט נעמען אלע בני הישיבות אין מיליטער

## פארעפנטליכן דעקלעראציע קעגן דעם "חוק שירות בטחון" וואס טוט אפשיבן די מאביליזירונג פון ישיבה-לייט עס זאל מער נישט זיין אקטועל - פאדערט אויף די רעגירונג צו ענטפערן פארוואס מ'זאל נישט אפשטעלן די רעגירונגס שטיצע פאר ישיבות כל זמן די ישיבה לייט זענען נישט מאביליזירט אין מיליטער - אפיציעלע ענטפערס מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז א חודש - מחאות דורך בני הישיבות

ירושלים. - דעם היינטיגן מאנטאג פרשת כי תשא איז פארגעקומען אן אפהאנדלונג אינעם בית משפט העליון, בג"ץ הציוני, איבער דעם געזעצליכן קראפט פונעם חוק הגיוס וואס מ'האט באשטעטיגט מיט 5 יאר צוריק, ווען ביים ענדע פון די זיצונג האט דער בג"ץ ארויסגעגעבן איר פאראָרדענונג אז די רעגירונג מוז ענטפערן פארוואס מ'זאל נישט מאביליזירן אלע פרומע ישיבה לייט אינעם צבא השמד רח"ל, היה לא תהיה.

די קלאגעס אינעם בג"ץ איז אנגעגעבן געווארן שוין כמה פעמים

## שטורעמישע מחאות אויף די גאסן פון ירושלים עיה"ק דורך בני הישיבות פון ליטווישע בני תורה קרייזן

אין דער זעלבער צייט פונעם דיון אין בית משפט בג"ץ הציוני איז פארגעקומען אין ירושלים א מאסן הפגנה דורך די ליטווישע בני תורה קרייזן אין די גאסן פון שרי ישראל און יפו. וואו מען האט אויפגעהויבן א קול מחאה אדירה אז אלע חוקי הגיוס וועלן נישט העלפן אלע זענען מוכן צו גיין אין תפיסה נישט אריינצופאלן אין די טמא'נע הענט פונעם מיליטער.

אנגעהויבן פון פינף אזייגער מיטאג ביים אריינגאנג פון שטאט און שפעטער פארענט פונעם בג"ץ הציוני איז געווען אנוועזנד א גרויסער ציבור פון גאנץ א"י און אויסגעשריגן א מחאה קעגן דעם גזירת הגיוס און די פאליציי האט זיך געפירט ווי שטענדיג מיט שרעקליכע אלימות, איינגעזעצט צוויי בחורי חמד מיט מכות אזש אז איינער איז אריינגעפירט געווארן

אין שפיטאל, זיי האבן זיך געפירט מיט שרעקליכע אכזריות קעגן די מוסרי הנפש וואס האבן זיך געלאזט כאפן קלעפ און פאראורזאכט שאדנס מיט'ן צורייסן די קליידער פון די מוחים, ווען זיי האבן ארויסגעגעבן דעם ווײ געשריי פונעם יהדות החרדית קעגן דעם שרעקליכן גזירת הגיוס וואס שוועבט אויף דרי ארץ הקודש.









משמרת חומותינו

אין די לעצטערע יארן דורך פרייע ארגאניזאציעס, מיט די באקאנטע טענות פארוואס ישיבה לייט זענען פטור פון מיליטער און זייער מיליטער דינסט ווערט אפגעשיבט, ווען דער איצטיגער געזעץ איז אין קעגנזאץ צום "חוק השויון" וואס זאגט אז אלע בירגער דארפן האבן די זעלבע פריווילעגיעס, און די זעלבע פליכטן, און דער ביז איצטיגער "חוק שירות בטחון" פון באפרייען ישיבה לייט פון מיליטער דינסט איז א פריווילעגיע נאר פאר די פרומע ישיבה בחורים. אויך ברענגט די קלאגע אויף די פאדערונג מ'זאל אויפהערן צו שטיצן די ישיבות אין מדינת ישראל וועלכע זייערע תלמידים גייען נישט אין מיליטער.

די פארשטייער פונעם יוסטיץ דעפארטמענט וואס פארטרעט די ממשלה האבן געלאזט הערן אז זיי האלטן אויך אז די רעגירונג האט נישט דאס סמכות אפצושיבן דאס מאביליזירן די ישיבה לייט נאך וואס דער קראפט פונעם געזעץ איז שוין לאנג אפגעלאפן, נאר די ממשלה האט זיך פארלאזט אויף פאראגראף 20 פונעם "חוק שירות הבטחון" וואס ערמעגליכט די ממשלה אפצושיבן צייטווייליג דאס אריינרופן די ישיבה לייט אין מיליטער. די בג"ץ ריכטער האבן געלאזט הערן אז די געזעצליכקייט פונעם פאראגראף 20 וואס די ממשלה האט באשטעטיגט איז מוטל בספק, און די מדינה דארף אריינגעבן ביז א חודש זייערע ענטפערס איבער די טענות פון די אנקלעגערס, אז אין א פריערדיגע החלטה פונעם בג"ץ דורך דעם געוועזענעם הויפט ריכטער אליקים רובינשטיין איז באשטימט געווארן אז אן אפמאך איבער די אפשיבונג פון גיוס בני הישיבות מוז באשטעטיגט ווערן דורך א הויפט געזעץ אין "כנסת" און נישט דורך אן החלטה פון די ממשלה.

די פארשטייער פון די רעגירונג האבן געבעטן מען זאל געבן לפחות נאך א חודש ביז ווען מ'דארף ענטפערן אין געריכט אויף די טענות און ביז דאן זאל מען נאכנישט מוזן אריינרופן די בני הישיבות אין מיליטער דינסט.


החלטה בתיק בג"ץ 6198/23 — 27.2.2024, 14:07

**בבית המשפט העליון בשבתו כבית משפט גבוה לצדק**

**בג"ץ 6198/23**
**בג"ץ 6199/23**
**בג"ץ 6477/23**
**בג"ץ 7525/23**
**בג"ץ 7955/23**

לפני: כבוד ממלא מקום הנשיא ע' פוגלמן
כבוד השופט י' עמית
כבוד השופט נ' סולברג

העותרים בבג"ץ 6198/23: התנועה למען איכות השלטון בישראל ו-391 אח'

העותרים בבג"ץ 6199/23: אחים לנשק ו-20 אח'

העותרות בבג"ץ 6477/23: איילת השחר סיידוף ו-239 אח'

העותרים בבג"ץ 7525/23:
1. פורום איילון לזכויות אדם, זכויות חברתיות וצמיחה שוויונית
2. עו"ד משה שפירא
3. עו"ד אבי קורצברג

העותרת בבג"ץ 7955/23: התנועה הדמוקרטית האזרחית

נ ג ד

המשיבים בבג"ץ 6198/23:
1. שר הביטחון
2. ממשלת ישראל
3. צה"ל
4. היועצת המשפטית לממשלה
5. איחוד הישיבות באר"י

המשיבים בבג"ץ 6199/23:
1. שר הביטחון
2. ראש המטה הכללי
3. ממשלת ישראל
4. היועצת המשפטית לממשלה
5. איחוד הישיבות באר"י

המשיבים בבג"ץ 6477/23:
1. שר הביטחון
2. ראש המטה הכללי
3. ממשלת ישראל
4. היועצת המשפטית לממשלה

about:blank — 1/7

דער בג"ץ האט באהויפטעט אז די ענטפערס פון די רעגירונג פארוואס מ'זאל נישט אפשטעלן די רעגירונג'ס סובסידיעס פאר ישיבות כל זמן די ישיבה לייט זענען נישט מאביליזירט אין מיליטער זאל אנגעגעבן ווערן ביז ח' אדר ב', און די ענטפערס אויף די טענה פארוואס מ'זאל נישט מאביליזירן אלע בני הישיבות זאל מוזן געגעבן געווארן ביז יום הפורים י"ד אדר ב' הבעל"ט.

טראץ די פאראדענונג פונעם בג"ץ קעגן דעם "חוק שירות בטחון" וועט די רעגירונג נישט מוזן ביז א חודש אריינרופן די וואס דארפן זיך שטעלן צום מיליטער דינסט, אבער ווען דער חודש וועט אריבערגיין און מען וועט נישט פארלענגערן די צייט, וועלן חלילה אלע ישיבה לייט, ביז די וואס זענען אלט 26 יאר, דארפן גיין זיך מאביליזירן צום צבא השמד, און אויב נישט וועלן זיי אפהאקן אלע זייערע געלטער וואס זיי געבן. פון איין זייט וועט עס מעגליך זיין א טובה אז די אלע ישיבות און כוללים וואס נעמען ליידער זייערע געלטער וועלן אנהייבן צו לערנען תורה בטהרה, אבער די סכנה איז נורא נוראות, ווען עס וועלן פאלן פילע ישיבות צום 'פריץ' און זיי וועלן מאכן פשרות יא צו קענען צוריקברענגען די רעגירונג שטיצע, אפילו עס וועט קאסטן נפשות ר"ל.

די עסקני המערכה פון פארשידענע קרייזן געבן איבער אז דאס יהדות החרדית וועט נישט איינגיין אויף די מינדעסטע פשרה זיך צו מאביליזירן ח"ו צום צבא השמד און וועלן לוחם זיין מלחמת חרמה קעגן דעם גזירה הנוראה.

עס ווערט געפלאנט א גרויסע מחאה בשעת דער דיון אין בג"ץ הציוני ביום הפורים הבעל"ט מיט א פרסום פאר די אלגעמיינע פרעסע און מ'וועט ארויסגעבן דעם ווײ-געשריי אז חרדי'שע אידן וועלן זיך מוסר נפש זיין, און בשום פנים ואופן זיך נישט מתפשר זיין און זיך אונטערגעבן אונטער דעם שלטון הרשע און אירע גזירות הנוראות על הדת און מ'איז גרייט צו גיין אין תפיסה אלעס כדי נישט אריינצופאלן אין צבא השמד.

עסקנים פון מרכז הצלה האבן אנטיילגענומען אין דעם הירינג נאכ'ן איינגעבן קלאגעס קעגן די ביז-איצטיגע האנדלונג אינעם נושא פון גיוס.












## משמרת חומתינו

גיוס בנות יהרג ואל יעבור:

# מהומות ביים לשכת הגיוס נאכ'ן פרואוון צו ארעסטירן א חרדי'ש מיידל

ירושלים - דעם פארגאנגענעם מיטוואך תצוה איז אנגעקומען א ידיעה איבער א חרדי'שע טאכטער וואס געפינט זיך אינעם לשכת הגיוס אויף רחוב רש"י, און אז די באאמטע גרייטן זיך איר אפצופירן אין די מיליטערישע טורמע, וויבאלד זי איז א 'משתמטת' ווי זיי רופן עס.

נאך וואס זי האט נישט באקומען קיין שום איינלאדונג, און זי האט ניטאמאל געוואוסט אז עס איז שוין געקומען די צייט ווען זי דארף מסדר זיין איר פטור פון מיליטער, און ווען זי אראפגעגאנגען צום לשכת הגיוס דאס מסדר צו זיין האבן זיי איר גלייך באפאלן פאר'ן זיך נישט וויסנדיג מאכן ביז יעצט, און אז זי איז א 'משתמטת'.

גלייך אין די פארמיטאג שעות ווען מען האט זיך דערוואוסט דערפון, איז ארויסגעשיקט געווארן א מעלדונג צו די יראי ה' פון אלע עקן פון ירושלים, צו קומען וואס שנעלער אויף רחוב רש"י, וואו עס שטייט דער בנין השמד - פון וואו עס איז שוין ליידער אפגעפירט געווארן טויזנטער אידישע נשמות - ארויסצושרייען זעקות אדירות "גיוס בנות יהרג ואל יעבור".

עס האט זיך דארטן פארזאמלט א גרויסער ציבור, און די מוחים האבן פארפירט אז מען זאל זאפארט באפרייען די אידישע טאכטער. עס האט זיך דארט אפגעטאן אזעלכע מהומות אז עס האט אויפגעשאקלט דעם גאנצן אומגעגנט, די פאליציי האט זיך געפירט זייער ווילד און פרובירט מיט זייער גאנצן כוח צו פארשיקן די מוחים דורכן ארייינפארן אין די מענטשן מיט זייערע מאטאר-ביציקלעך. אויפ'ן פלאץ האבן זיי ארעסטירט דריי אינגעלייט, און נאך א קורצע צייט זיי באפרייט מיט א 'דו"ח רעש' דאס הייסט א טיקעט פאר'ן מאכן גערודער.

אזוי האט זיך די קולות המחאה געצויגן איבער דריי שעה, ווען ווי פארשטייט זיך אז די מעשה האט זיך געענדיגט ווי יעדע זאך, וואס מען איז זיך אויף דעם מוסר נפש, און די פאליציי האבן באפרייט די אידישע טאכטער טראצדעם וואס עס איז נישט געווען לויט זייערע געזעצן קיין שום אויסזיכטן אז זי זאל ווערן באפרייט.

# שלטון הרשע מיט פלענער אפצושפארן מירון דעם קומענדיגן ל"ג בעומר

מירון - אין די כנסת המינים האט זיך שוין אנגעהויבן די הכנות אויף דעם נושא פון קומענדיגן ל"ג בעומר תשפ"ד הבעל"ט ווען זיי מעלדן אז עס איז שטארק מעגליך אז זיי וועלן נישט צו לאזן מענטשן קומען זיך שופך שיח זיין און זיך פרייען ווי יאר יערליך ביים ציון הרשב"י אין אתרא קדישא מירון, צוליב די מצב המלחמה אין צפון ארץ ישראל.

אזוי אויך האט דער 'ועדת החקירות' לעניני מירון ארויסגעבן די מסקנות וואס איז ליידער געווען דארטן ביים אומגליק תשפ"א אין אתרא קדישא מירון, וואס פארשטייט זיך אז זיי טרעפן אלע וואס זענען שולדיג חוץ פון זיי אליין.



ווי באקאנט איז די גאנצע מטרה פון אויפשטעלן די 'ועדה', צוצונעמען פון ערליכע אידן די 'הקדשות' אין מירון און דאס איבערגעבן פאר'ן שלטון הרשע, היה לא תהיה.

דער רבונו של עולם זאל היטן כלל ישראל מען זאל שוין פטור ווערן פון אלע זייערע גזירות.

**ביטל כמה גזירות אדונינו בר יוחאי!**

# תמונות תועבות אויף די באסעס אין ירושלים ווערן אראפגעפליקט און אנגעשפריצט

צו די בעפארשטייענדע בחירות הטמאות, איז ארויפגעקלעבט געווארן בילדער פון פרויען-קאנדידאטן פון די פארטייען, אויף די שטאטישע באסעס אין ירושלים עיה"ק, וועלכע פארן ארום אין די גאנצע שטאט ארייינגערעכנט אין די היימישע געגנטער.

ערליכע אידן זענען ארויס צו די הויפט גאסן אין די חרדי'שע געגנטער, וואו עס פארן אריבער אסאך באסעס, און מקיים געווען דעם "ובערת הרע מקרבך" מיטן אראפפליקן און אנשפריצן די טריפה'נע בילדער.

# עצרת חיזוק והסברה פארגעקומען אינעם נייעם ישוב 'חריש' קעגן זיך משתתף זיין ביי די בחירות

חריש - מאנטאג פרשת כי תשא איז פארגעקומען אינעם נייעם חרדי'שן ישוב 'חריש' אן עצרת קלארצושטעלן דעם איסור פון אנטיילנעמען אין די שטאטישע בחירות, אזוי אויך איז ארויסגעקומען א באזונדערער בריוו מטעם רבותינו שרי התורה חברי בד"ץ העדה"ח שליט"א איבער די חומר הענין.

דער כינוס חיזוק הסברה איז פארגעקומען אינעם היכל כולל חריש אין ביהמ"ד תולדות אהרן רחוב אחדות אין שכונת בצוותא, וואו עס איז געהערט געווארן צום ערשט די ווערטער פון הרה"ג ר' יוסף שמואל וואלעס שליט"א דומ"ץ תו"א אין חריש דערנאך האבן אויפגעטרעטן הרה"ג רבי מיכל לינדער שליט"א; הרה"ח רבי נתן שפירא שליט"א; הרה"ח ר' אהרן פאפנהיים שליט"א.

מען האט געהערט דעם דבר ה' ברמה איבער דעם איסור און חומר הענין פון גיין שטימען און מיט דעם מחזק געווען אז די נייע געגענט חריש וועט זיין א חרדי'שער ישוב פונקט ווי אלע אנדערע חרדי'שע מקומות.

דורכ'ן טאג איז ארומגעפארן א קאר אין שטאט וואס האט גערופן די תושבים צו קומען אנטיילנעמען ביים עצרת התבדלות און מחאה קעגן די בחירות האסורות פון די ערי' הציונית און חובותינו בשעה זו.


לעבט מיט די באריכטן פון מערכות הקודש אין ארץ ישראל

קול זעקה
605.313.6884

קול האמונה
605.313.6878

מערכת סאטמאר
718.831.7000 #1-1-4


משמרת חומותינו



**FOR SALE**

**Premishlan / Karlsburg**
8 room apartment walk in private entrance ready to move in.



**FOR SALE**

**3 Holland - Prestwick area**
Rare opportunity! Brand new, Custom house. 4 Bed, 4 Baths, walkout Basement, many upgrades, ready to move. Asking $1,199,000



**FOR SALE**

**105 high St – Smith Gardens area** 3,000 sq ft, brand new kitchen, bath, option to subdivide the property to build another house + additional rental income.



**FOR SALE**

**Rovna** Office/retail space available for immediate occupancy! 1500 to 3000 sq. ft.

**FOR SALE**

- 4 room basement apartment on Van Buren
- 5 room walk in apartment on Stropkov Ct. tenant occupied
- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room walk-in basement in SVM
- 5 room apartment in section 1 tenant occupied
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg tenant occupied
- 5 ½ room apartment on Lemberg top floor
- 6 room apartment in SVM top floor
- 6 room apartment in SVM tenant occupied
- 7 room apartment in SVM tenant occupied
- 8 room apartment plus basement in SVM
- 9 room apartment in SVM 3rd floor
- Big divided apartment into a 5 & 6 room apartment both are tenant occupied
- Private house in Woodbury Villas

**FOR RENT**

- Office or small store on Lipa Friedman
- One room apartment on Quickway Rd. good for a single not for a couple
- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in Woodbury Villas
- 7 room apartment in SVM first and second floor private entrance
- 7 room Apartment in SVM and third floor
- 7 room apartment in SVM fourth floor
- 7.5 room apartment in SVM third floor
- 4 Bedroom renovated house in Blooming Grove
- Private offices available in Atzia Temorim
- Large private office on MountainView
- Private house in Blooming Grove
- 2,000 sq ft unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32 asking only 450
- Private office in the new Stonegate Business Center great price
- 1500 sq ft office space on Rovna Ct.
- Beautiful private office with conference room on Raywood

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**HFA REALTY GROUP**

845.781.2410
Sales@HFArealty.com

ext. 3 משה יוסף פריעדמאן
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 מרדכי יואל אונגאר
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com

# א בליק אויף צוריק

שנת תשע"ח לפ"ק



דינער להחזקת ישיבת תורת משה יאוואזשנא


דער ציבור ביים אנטפאנגען דעם רב שליט"א


לערנט חומש לויט מסורת אבותינו





א היטש קיין G&B...? ביים עפענען די נייע געשעפט פרשת כי תשא


מזל אדר דגים


דערקענט איר דעם פלאץ? געטומען פון די טרעפ ביים גארפיעלד פארטש פון גרויסן ביהמ"ד


טשעק–פוינט ביים בוטשער אינטערסעקשאן בימי השמחה


ווען מען איז נאך געפארן מיט טראקס, מערקט נאך
בעפארן אנהייב די ארבעט ביים גרויסן ביהמ"ד. און
אזוי אויך די קאנטערווערסיאלע G&G הופה

# א בליק אויף צוריק



דעריבער - מיין טייערער חבר
זיך דיר א צווייטע פלאץ !!!

פאר א נייט שטעל איך צו אן עירוב.
ווערסטו דיך קענען אפטראגן פון דא !

ווען די גייסט זוכן א צווייטע פלאץ, נעם
מיט דעם פאפיר !

מודעה רבתי



ילדי קרית יואל פארשטעלט פאר א גיבור חיל



צדקת העיר די שטאטישע צדקה קאסע ביים קלייבן נדבות אין עטרת מאיר צבי



מעמד אדיר 'בריחי התיכון' לקיים ולחזק פעולות הצלה נגד גזירת הגיוס בארה"ק וואס איז עד היום הזה דער רוקנביין פון די פילע הצלה אפיסעס



דברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איבער די אלע אפיסעס להציל נשמות ישראל וואס ווערט פינאנצירט דורך 'קרן ויואל משה'



בימת הכבוד ביים מעמד 'בריחי התיכון' אין די זאלן פון עטרת מייזעלס





COLONIAL IN VILLAGE OF MONROE

# FOR SALE

**18 Hillside Terrace** Monroe NY 10950

| | | |
|---|---|---|
| 2,552<br>square feet | 3 upstairs 1 downstairs<br>bedrooms | 2<br>car garage |
| 4<br>heating zones | Central<br>air conditioning | Central<br>vacuum cleaning |
| Security system | Fireplace | Fenced in<br>back yard |
| Quartz<br>counter tops | Crown molding<br>all floors | Brand new<br>Boiler / Central Air |

**Price: $640,000**





## זייט דער ערשטע צו וויסן ווען א נייע הויז קומט ארויף אויף די מארקעט

— ...... —

text your email address to:
**845-204-8067**

## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 6 Brooks Avenue | $425,000 | 3 | 1 | 1056 | 0.1433 |
| 38 Mid Oaks Street | $489,000 | 3 | 2 | 1332 | 0.3508 |
| 8 Mine Road | $549,000 | 4 | 2 | 1716 | 0.4829 |
| 3 Mid Oaks Drive | $625,000 | 3 | 2 | 1784 | 0.264 |
| 158 Rye Hill Road | $700,000 | 4 | 4 | 2088 | 0.6862 |
| 128 Carpenter Place | $599,000 | 3 | 2 | 1822 | 0.1791 |
| 43 Park Avenue | $599,000 | 4 | 3 | 2083 | 0.1671 |
| 8 Forest Avenue | $1,389,000 | 5 | 4 | 3323 | |
| 29 Chatham Road | $689,900 | 4 | 3 | 1888 | 0.2152 |
| 3 Holland Road | $1,199,999 | 4 | 4 | 3200 | 0.4405 |
| 603 Stage Road | $799,000 | 4 | 3 | 2560 | 0.759 |
| 86 Cromwell Hill Road | $379,000 | 3 | 1 | 1421 | 0.1148 |
| 26 High Ridge Road | $480,000 | 3 | 2 | 1694 | 0.3489 |
| 240 Renies Road | $649,000 | 4 | 4 | 3097 | 0.4591 |
| 5 Jane Court | $574,999 | 3 | 2 | 2487 | 0.2755 |
| 47 Cromwell Hill Road | $400,000 | 3 | 3 | 1524 | 0.4132 |
| 39 Center Hill Road | $468,000 | 3 | 3 | 1356 | 0.2388 |
| 34 Cromwell Road | $575,000 | 3 | 3 | 2742 | 3.3 |
| 314 Harriman Heights Rd | $1,000,000 | 4 | 3 | 2764 | 3.4 |

## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 3 Seely Road | $649,000 | 5 | 3 | 2208 | 0.6435 |
| 8 Country Woods Drive | $679,900 | 5 | 3 | 3120 | 4.3 |
| 4 Camelback Road | $1,100,000 | 4 | 4 | 4854 | 3.8 |
| 15 Primrose Lane | $1,299,000 | 4 | 4 | 4306 | 2.5 |

## Village of S. Blooming Grove

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 41 Peddler Hill Road | $749,000 | 4 | 3 | 1104 | 0.7071 |
| 215 Prospect Road | $2,900,000 | 4 | 3 | 2234 | 5 |
| 6 Strawberry Lane | $799,000 | 4 | 3 | 1630 | 0.5998 |
| 64 Duelk Avenue | $765,000 | 4 | 1 | 1524 | 0.3409 |
| 15 Mangin Road | $625,000 | 2 | 2 | 1618 | 0.4042 |
| 13 San Antonio Circle | $699,000 | 4 | 2 | 1870 | 0.6769 |
| 17 Mangin Road | $799,000 | 4 | 2 | 1672 | 0.475 |

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 34 Dogwood Drive | $489,000 | 3 | 3 | 2140 | 0.6156 |
| 16 Dunderberg Road | $499,000 | 2 | 2 | 1290 | 0.6359 |
| 115 Brigadoon Blvd | $850,000 | 4 | 4 | 3791 | 0.62 |
| 17 Sunny Lane | $795,000 | 3 | 2 | 1277 | 0.2152 |
| 117 Brigadoon Blvd | $725,000 | 4 | 3 | 2963 | 0.62 |
| 268 Bakertown Rd | $899,000 | 3 | 2 | 1072 | 0.37 |
| 44 Country Hollow | $799,000 | 4 | 3 | 2006 | 1.1 |
| 415 State Route 32 | $19,000,000 | 11 | 6 | 7420 | 142.4 |
| 27 Catskill High Rail | $1,034,000 | 4 | 2 | 3575 | 0.69 |
| 41 Central Valley Line | $1,499,000 | 6 | 5 | 3918 | 0.45 |
| 39 Central Valley Line | $1,549,000 | 6 | 5 | 3918 | 0.45 |

## Blooming Grove (town) Washingtonville

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 170 Prospect Road | $999,000 | 3 | 1 | 1800 | 2 |
| 124 Barnes Road | $479,900 | 3 | 2 | 1708 | 0.4132 |
| 119 Helms Hill Road | $475,000 | 3 | 2 | 1700 | 1 |
| 18 Menayas Court | $1,200,000 | 5 | 4 | 4139 | 3.2 |
| 2785 Route 94 | $513,000 | 3 | 3 | 2618 | 1.5 |
| 75 Horton Road | $799,900 | 3 | 3 | 2224 | 3.2 |
| 101 Mtn Lodge Road | $3,999,999 | 4 | 5 | 4461 | 38.1 |

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

The REALTY BLUE group

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186

בס"ד




שיעור כללי בדיני אבן העזר

# הלכות יחוד ודיני קריבה

מיוחד לבעה"ב ואברכים

נלמד בטוב טעם ודעת בלשון צח ובהיר ע"י הגה"צ

## רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א

דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

שיעור נתנדב ע"י מו"ה אברהם שווארטץ הי"ו לברכה והצלחה בכל הענינים

שינוי זמן!

## ביום ג' פרשת ויקהל

בשעה 9:00 בערב

## בחדרי חיים צבי וחדר א'

לשון הרבינו יונה על המשנה כל השוכח דבר אחד ממשנתו (אבות פ"ג)

**כי השכחה מצוי' בבני אדם, והי' לו לחזור ההלכה הרבה פעמים וכו', עד שלא תוכל למסור מלבו, ולא עשה, הרי זה מתחייב בנפשו, כי יבוא להורות על פי הזכרתו וכו', ויאסור את המותר ויתיר האסור, ונמצאת תקלה באה על ידו, ונקרא פושע, מפני שגגת תלמוד עולה זדון.**

ראוי ונכון מאד לכל אחד ואחד להשתתף בשיעורים הנחוצים הללו לדעת את המעשה אשר יעשון!

עמוד התורה

ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה



בס"ד
זכרו
תורת משה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר · ש"ס · הלכה
· קרית יואל ·
יום הבחינה ממשמש ובא!
הבחינה השישי
במסכת חולין
יתקיים בעזה"י ברוב עם
בהתאסף המוני לומדי חבורתינו ותלמודם בידם
ביום א' פר' ויקהל
הבעל"ט
בבית מדרשינו הגדול
בשעה 7:30
חלוקת הבחינה עד שעה 8:25
חזרת הבחינה עד שעה 8:50 בדיוק
לימודי החודש
פ"א. – צ:
חזרת החודש
ס"ט. – פ:
חבורת
לומדי ש"ס
ישראל ואורייתא
פטרון החבורה
הרבני הנגיד התורני
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו
הפך בה והפך בה ומינה לא תזוע

אן ענן אויף דער פרשה במשנתו של רבינו:

מערכת נחלת רבותינו

# זרעו לכם לצדקה



געקליבענע עובדות און הנהגות פון מרן רביה"ק זי"ע איבער דעם ענין פון

## צדקה

ויאמר ה' אל משה, השי"ת האט געזאגט פאר משה'ן, 'פסל לך' זאלסט אויסהאקן 'שני לוחות אבנים כראשונים', די צווייטע לוחות. חכמינו ז"ל דרש'נען 'פסל לך', השי"ת האט געזאגט 'הפסולת שלך', דעם פסולת וואס דו וועסט אוועקהאקן פון די לוחות דעם איז דיין, [און] משם נתעשר משה, פון דארט איז משה רבינו געווארן אן עושר. אזוי זאגן חכמינו ז"ל, זיי דרש'נען אזוי.

די [עיקר] מעלה פון אן עושר, אז מ'דארף האבן [געלט] אויף "דברים טובים", מ'קאן נישט 'עקזעסטירן' [אן דעם]... קאן זיין, אן ערליכער איד, אז דער אייבערשטער גיט אים געלט, [און סיי] וואס השי"ת גיט אים, וואס ער גיט אים חכמה, ער גיט אים גבורה, ער גיט אים געזונט, ער גיט אים כח, ער גיט אים געלט, ווייסט ער [אז] אַלעס איז [שישתמש בו] פאַר'ן אייבירשטענס וועגן, [וכמו שאמרו] תן לו משלו, פאר'ן כבוד שמים, פאר'ן דרך התורה.

ער ווייסט [אז] "געלט", וואָס איז דאָס "געלט"?, [נאר] ער זאָל קאָנען דערמיט טון "דברים טובים", מחזק זיין "אידישקייט", [כגון] דעם אידישן "חינוך", "תלמוד תורות", און בכלל יעדע "אידישע זאַך", [ונכלל בזה גם] וואס מ'דארף האבן היינט אויף מציל צו זיין משיני אריות.

נו אַן ערליכער איד, ער ווייסט אַז דער בורא כל עולמים האָט אים געגעבן "געלט", איז דאָס פאַר "אידישקייט". דעס וואָס ער ברויך פאַר "זיינעט-וועגן", דעם קוקט ער אן [אז] דעם איז דאך א ]דבר שאינו חשוב כל כך[, דאס איז ביי אים דאס 'שוואכסטע', דעם איז "פסולת". ווארן דער עיקר איז פון "געלט", וואָס מ'טוט פאַר "אידישקייט". דעם וואָס מ'נעמט פאַר "זיך", דעם איז "פסולת".

דער בורא כל עולמים האט אים געזאגט [למשה רבינו], 'פסל לך' זאלסט דו וויסן אז איך ווייז דיר וויאַזוי מ'ווערט אַן "עושר". דו זאלסט וויסן "הפסולת", דעם איז "פסולת", [דעס] וואס איז "שלך". דעם וואס דו האלטס 'דיין', וואס דו האלטס פאר 'דיר', דעם איז "פסולת". [מה שאין כן] טאָמער גיבסט עס אַוועק אויף "אידישקייט", דאָס איז זייער 'טייער', זייער 'חשוב', ס'איז "הייליג" געלט. אַז מ'מאַכט דערפון "תורה" מיט "אידישקייט", דעם איז אַ "קדושה וטהרה", מ'טוט אויף דערמיט. נאָר דעם וואָס דו האַלטס דיר פאַר "דיר", דו ווילסט 'אַליין' נתעשר ווערן, דעם איז "פסולת". האט אים דער בורא כל עולמים געוויזן 'פסל לך' זאלסט דו וויסן, הפסולת, דאס "פסולת" פון 'געלט' איז דעם וואס ס'איז 'שלך', דעם וואס דו האלטסט עס פאר "דיין". [אבער] טאמער האלטסט דו עס פאר כבוד השם יתברך, איז עס זייער 'טייער' איז עס זייער 'הייליג'.

(לשון קדשו דרוש לפ' כי תשא תשי"א במסיבה לטובת התאחדות הרבנים)

## כסף לא נחשב למאומה:
## דאס ווערד פון געלט איז נאר צדקה וחסד

עס דערציילט כ"ק אדמו"ר ממונקאטש שליט"א: בתוך אחד השיחים האט מיר דער רבי אליין מעיד געווען, אז ער האט משפיע געווען אויף זיין עולם זיי זאלן פארשטיין און אנערקענען אז דאס גאנצע חשיבות פון געלט איז נאר אויב מ'קען טון דערמיט צדקה וחסד, אנדערש האט נישט דאס געלט קיין שום ווערד!

איך בין אמאל אנוועזנד געווען ביים רבי'ן אין שטוב, ווען א חשוב'ער איד האט געברענגט פאר'ן רבי'ן אן ארגינעלער כתב יד קודש וואס דער זיידע דער ישמח משה זי"ע האט געשריבן און האט דאס פארגעשלאגן צו פארקויפן פאר'ן רבי'ן פאר דער סומע פון אכט הונדערט דאלער.

דער רבי איז זייער נתרגש געווארן האלטנדיג דעם הייליגן כתב יד פונעם זיידן אין זיינע הענט און ער האט דאס טאקע געוואלט אפקויפן פונעם סוחר. דער רבי איז אריין אין זיין שלאף-שטוב וואו עס איז געלעגן זיין קאסע - וואו ער האט געהאלטן זיינע געלט - און האט ארויסגעברענגט פון דארט די גאנצע סומע פון אכט הונדערט דאלער.

אבער נאך א קורצע ווייַלע, נאך האלטנדיג דאס געלט אין האנט האט זיך דער רבי מיישב געווען און זיך אנגערופן: "מיט דעם געלט קען מען דאך מחיה זיין אזוי פיל אלמנות מיט יתומים!" דער רבי האט צוגעגעבן: "ווען דער בריוו וואלט געדארפט זיין ביי מיר, וואלט דאס אנגעקומען צו מיר אויף אן אנדערן וועג. איך וועל ענדערש געבן דאס געלט פאר אלמנות מיט יתומים!" ומיני' ובי' האט דער רבי גענומען דאס געלט און אריינגעלייגט אין זיין וועסטל-טאש, וואו ער פלעגט האלטן זיינע פארשידענע צדקה-געלטער.

(באילנא דחיי ח"ד עמ' נ"ב)

## בדרך צדקה תמצא:
## געלט פאר'ן נצרך ווי איידער א בעסערן קלאס אויף דער שיף

אן ענליכע געשיכטע דערציילט הרה"ח ר' עזריאל מאיר ליפשיץ הי"ו: אין יאר תשי"ט, ווען דער רבי איז געווען אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל האט ער זיך אפגעשטעלט אין אייראפע פאר א ווייַלע. אויפ'ן וועג קיין לאנדאן האט די שיף וואס האט געפירט דעם רבי'ן זיך אפגעשטעלט פאר א קורצער צייט אין שערבורג, פראנקרייך, און איך בין אהינגעפארן מקבל פנים זיין דעם רבי'ן.

דארט איז מיר אויסגעקומען צו הערן א שמועס מיט די רביצין, וועלכע האט פארגעשלאגן פאר'ן רבי'ן אז דאס קומענדיגע מאל זאל מען קויפן א טייערערן טיקעט פאר א בעסערן קלאס אויף דער שיף, וואס איז מער אהערגעשטעלט פאר'ן כבוד און באקוועמליכקייט פונעם רבי'ן ווי די ביליגע קלאסן, וואו די צימערן האבן צום ביישפיל ניטאמאל פארמאגט קיין אייגענע בתי כבוד.

דער רבי האט אויסגעהערט און אנגעוויזן, אז דער העכערער קלאס קאסט פאר צוויי מענטשן מיט פינף-הונדערט דאלאר טייערער, און ס'איז א שאד אויסצוגעבן געלט וואס קען גיין פאר נצרכים. דער רבי האט איר ערקלערט: "שטעל זיך פאר אז מ'האלט שוין נאכ'ן אויסטיילן דאס גאנצע געלט, און עס קומט אונטער נאך א נצרך. איז דיר נישט בעסער צו געבן דאס געלט פאר'ן נצרך, ווי איידער צו זיין דריי-פיר טאג אין א בעסערן קלאס?..."

(באילנא דחיי ח"ו עמ' תס"ח)

## מ'בשרך א'ל ת'תעלם:
## צום ערשט דארף מען שטיצן די אייגענע קרובים

ווי באקאנט האט דער רבי פארטיילט אלע זיינע געלטער פאר צדקה. דער רבי האט קיינמאל

גייט פאסטן, אן קיין שום קבלה בלב, איז מען נאכנישט מחוייב צו פאסטן.

לויט דעם איז ווארשיינליך געווען דעם רבי'נס ענטפער לגבי מצות צדקה, אז וויבאלד איך האב למעשה נישט געהאט קיין קבלה בלב צו געבן די סומע, נאר בלויז געטראכט אין מיין געדאנק אז ווען דער גבאי צדקה וועט דורכגיין וועל איך געבן כך וכך, איז נישטא קיין חיוב צו געבן.

(באילנא דחיי ח"ז)

## א בעל חוב אלס זעקס יעריגער אינגל

עס האט דערציילט הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק:

די געוואלדיגע השגות פון דעם רבי'נס מדת הצדקה והחסד איך אן אויסטערלישן פארנעם כל ימי חייו עלי אדמות נאך פון קינדוויז אן עד זיבולא בתרייתא זענען ברייט באקאנט. וויפיל מ'זאל נאר רעדן און שרייבן איבער די מעשי צדקה וחסד פון רבי'ן, יכלה הזמן והם לא יכלו.

דער רבי איז שטענדיג געווען א 'טבע הטוב הרוצה להטיב'. דאס איז געווען זיין מהות און תכונת הנפש. ער איז שטענדיג אויסגעגאנגען צו קענען א טובה טון פאר א איד אדער לינדערן זיינע שוועריגקייטן און פראבלעמען. אין פארלויף פון זיין גאנץ הייליג לעבן האט ער זיך אינגאנצן אוועקגעגעבן פאר כלל ישראל בכלליות, און פאר יעדן איד בפרטיות. מיט רעכט קען געזאגט ווערן, אז איינער וואס האט נישט געקענט דעם רבי'ן, דער קען נישט האבן קיין באגריף וואס דאס מיינט אמת'ע "אהבת ישראל".

אין זיינע שווערסטע צייטן האט ער זיך כסדר אינטערעסירט בטובתן של ישראל, זיך מיטגעפרייט בשמחתן און זיך מצטער געווען בצערן.

דער רבי האט זיך אמאל אויסגעדרוקט צו מיר בזה"ל: "פון ווען איך בין נאך געווען זעקס יאר אלט, בין איך שוין געווען א בעל חוב צוליב מיינע צדקה צוועקן!" דער רבי האט מיר דערציילט, אז זיין מאמע ע"ה פלעגט אים פון מאל צומאל געבן געלט אויף איינצוקויפן, אבער ער האט עס קיינמאל נישט גענוצט פאר זיך זעלבסט, נאר עס אוועקגעגעבן פאר ארימע קינדער אין סיגוט. אין צוגאב, האט ער זיך אויך כסדר אנגעבארגט געלט און דאס אויסגעטיילט פאר נצרכים. דער רבי האט מיר געזאגט: "פאר יו"ט האב איך געדארפט בארגן אסאך מער ווי א גאנץ יאר כדי די ארימעלייט זאלן קענען איינקויפן צרכי יו"ט, און אזוי בין איך אייביג געווען א בעל חוב".

אלס משמש בקודש בין איך טאקע אן עדות דערצו, אז ביז צום לעצטן טאג פון זיין לעבן האט דער רבי אייביג געהאט גרויסע חובות פון זיינע צדקות וחסד פאר אידנ'ס וועגן.

עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז טראצדעם וואס פונעם רבי'נס הויז איז טאג טעגליך ארויסגעגאנגען שווערע טויזנטער דאלארן, ריזיגע סומעס זענען צושפרייט געווארן צו פארשידנארטיגע צדקה געברויכן איבער די גאנצע וועלט, איז אבער אין רבי'נס שטוב קיינמאל נישט געווען קיין איבריג געלט. שטענדיג איז מען געווען געענגט מיט געלט פאר די שטוב ווירטשאפט, וויבאלד דער רבי האט נישט גענוצט קיין שום געלט פאר די שטוב געברויכן, אויסער ווען איינער האט איבערגעגעבן פאר'ן רבי'ן קוויטל געלט און באטאנט אז דאס געלט זאל זיין פאר צרכי הבית, אדער פון אזעלכע קוויטל געלט וואס אינעם קוויטל איז נישט געשטאנען קיין שום ספעציעלע בקשה. אלע אנדערע געלטער זענען געגאנגען פאר'ן רבי'נס פילע צדקה צוועקן.

די גאנצע ווירטשאפט ביים רבי'ן אין שטוב, וואס איז אנגעגאנגען אויף א ברייטן פארנעם, איז אין גרויסן טייל באשטאנען פון מעשי צדקה וחסד, ווי די רביצין ע"ה האט געקאכט און געבאקן אויף א גרויסע פארנעם פאר אורחים און פאר חולי ישראל און נויטבאדערפטיגע אידישע משפחות, האט

דאס אבער דער רבי באטראכט ווי 'צרכי הבית' און קיינמאל נישט גענוצט דערפאר די געלט וואס ער האט באשטימט פאר צדקה געלט.

(עזר בקודש עמ' רפ"א)

## מעיל צדקה יעטני:
## דער רבי פאר'משכונ'ט זיין טילעפ

רעדנדיג פונעם רבי'נס מעשי צדקה וחסד אלס קינד איז אינטערעסאנט צו דערמאנען א מערקווירדיגע געשעעניש וואס האט דערציילט הגה"ח ר' **יעקב הערש טארנער** ז"ל פונעם רבי'נס מקורבים אין דער אלטער היים:

דאס איז געווען ווען דער רבי איז געווען אן עלף-צוועלף יעריג אינגל, האט דער קדושת יו"ט זי"ע געשטעלט ר' יעקב הערש'ן צו לערנען יעדן טאג מיט'ן רבי'ן און זיך אומקוקן אויף אים.

די סיגוט'ער רביצין, די מוטער פון רבי'ן זי"ע, האט אנגעזאגט פאר ר' יעקב הערש שטארק אכטונג צו געבן אויפ'ן טייערן טילעפ וואס זי האט געהאט געקויפט פאר'ן רבי'ן. די רביצין האט געוואוסט אז דער רבי איז אומשטאנד דאס צו פאר'משכונ'ען אדער גאר אוועקגעבן פאר זיינע צדקה-צוועקן.

איינמאל זעט ר' יעקב הערש ווי דער רבי קומט אן אן זיין טילעפ. ר' יעקב הערש האט זיך געוואונדערט און געפרעגט דעם רבי'ן וואוהין דער טילעפ איז פארשוואונדן. קודם האט דער רבי פרובירט זיך ארויסצודרייען מיט פארשידענע אויסריידן, אבער ר' יעקב הערש האט נישט נאכגעלאזט, טענה'נדיג אז זיין מאמע, די רביצין, האט אים זייער אנגעזאגט צו היטן דערויף, און ממש ארויפגעלייגט דאס אחריות אויף אים.

האט דער רבי זיך פארענטפערט פאר ר' יעקב הערש אז ער האט ארויסגעהערט פון זיין טאטנ'ס שטוב ווי א איד האט זיך אויסגערעדט אז ער גייט חתונה מאכן די אנדערע וואך און האט נישט קיין פרוטה פאר די הוצאות החתונה. דער קדושת יו"ט האט אים געגעבן א סומע געלט, און זיך אנטשולדיגט אז ער האט יעצט נישט מער געלט ביי זיך.

דער רבי - אלס קליין אינגל - האט זייער רחמנות באקומען אויף דעם איד, און איז באלד אריבערגעגאנגען צו אן עושר הרבני הנגיד ר' **זושא עלעפאנט** ע"ה, און אים געבעטן ער זאל אים בארגן א סומע פון טויזנט קרוינען. דער עושר איז גרייט געווען אים צו געבן די הלואה אבער נאר מיט א געהעריגן משכון. האט דער רבי גענומען זיין טילעפ און דאס פאר'משכונ'ט ביי ר' זושא, און באלד אריבערגעטראגן דאס געלט צו יענעם דערמאנטן איד.

ר' יעקב הערש איז געווען זייער דערשראקן, זייענדיג זיכער אז די רביצין וועט יעצט האבן טענות צו אים. דער רבי האט אים בארואיגט און דערביי פארגעשלאגן פאר ר' יעקב הערש: "לאמיר יעצט, ביי מנחה-מעריב, ארומגיין נאך געלט אין ביהמ"ד, און מיט דעם געלט וועט מען צוריקצאלן דעם חוב און אזוי צוריקבאקומען דעם טילעפ".

כך הוה. ביי מנחה מעריב איז דער רבי צוזאמען מיט ר' יעקב הערש ארומגעגאנגען נאך געלט אין ביהמ"ד. ווען דער קדושת יו"ט האט געזען ווי זיי גייען נאך געלט, האט ער צוגערופן ר' יעקב הערש'ן און געפרעגט וואס איז שוין ווייטער אז זיין יואלי'ש גייט נאך געלט? האט ר' יעקב הערש דערציילט פאר'ן קדושת יו"ט די גאנצע מעשה. דער קדושת יו"ט האט שטארק הנאה געהאט דערפון, און מיני' ובי' האט ער ארויסגענומען א גרויסע מטבע און זיך אויך משתתף געווען אינעם צוועק.

(באילנא דחיי ח"ג עמ' ש"ח)



# געווינער פון פאריגע וואך

## פרשת תצוה:

NEW YORK *** 4412 EXCELSIOR
זיך נאכנישט געמאלדן

NEW YORK *** 1483 EXCELSIOR
ר' יעקב דוב גרובער

NEW YORK *** 4289 EXCELSIOR
ר' אברהם יעקב מאשקאוויטש

NEW YORK *** 7223 EXCELSIOR
ר' שמעון בערקאוויטש

NEW YORK *** 9824 EXCELSIOR
זיך נאכנישט געמאלדן

ספאנסאר פון פרשת תצוה:

Peppermint supermarket

mintleaf Kosher Market

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880


## פיזר נתן לאביונים:
## אוועקגעטיילט אלע פדיון געלטער פאר נצרכים

עס האט דערציילט הגה"צ רבי יואל אשכנזי זצ"ל אב"ד יאס: ביי יענע געלעגנהייטן, ווען דער רבי איז אלס אורשיווער רב איינגעשטאנען ביי אונז אין שטוב ביי זיינע באזוכן אין גרויסווארדיין, האב איך צוגעזען פון דער נאענט דעם רבי'נס געוואלדיגע מעשי צדקה וחסד, וואס האבן שוין אין יענע יארן נישט געהאט זייערס גלייכן. מיר האבן כסדר מיטגעהאלטן דאס פראווען ביים רבי'ן, ווען עס זענען אריינגעקומען גאר גרויסע געלטער פון די פדיונות פון מאסן אידן וואס זענען געקומען זיך פראווען, אבער עס איז גארנישט דערפון געבליבן ביים רבי'ן. דער רבי האט ממש אלעס פארטיילט אויפ'ן ארט פאר נצרכים, בנן של קדושים, אד"ג.

איך געדענק א מוצאי שבת, ווען דער רבי האט אויפגענומען גאר א גרויסן עולם וואס איז געקומען צו פארן מיטצוהאלטן יענעם שבת מיט'ן רבי'ן אין גרויסווארדיין. אויפצומארגס, זונטאג צופרי, איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן מיין פעטער, הגה"צ רבי **יודא יחיאל טויב** זצ"ל, דער ראזלער רבי פון מארגארעטן, וועלכער איז אויך ספעציעל געקומען צו פארן קיין גרויסווארדיין מיטצוהאלטן דעם שבת בצל הקודש.

דער רבי האט געבעטן, ער זאל מוחל זיין אוןווארטן א מינוט, און דער רבי איז אריינגעגאנגען אין א דערנעבנדיגן צימער, וואו ער האט אויסגעליידיגט אלע טאשן און צוזאמענגענומען אלע געלטער וואס ער האט נאר פארמאגט. דאן איז דער רבי צוריק אריינגעקומען און האט אהינגעגעבן דאס גאנצע געלט פאר מיין פעטער. דער רבי איז אבער נאכנישט געווען צופרידן דערמיט, האלטנדיג אז עס איז צו ווייניג אים צו געבן, און דער רבי האט אים געבעטן: "פארט נאכנישט היינט אהיים, ווארט נאך צו ביז מארגן. איך ברויך אייך נאך צוגעבן"...

דאס איז געווען איין ביישפיל וואס האט זיך פיל מאל אפגעשפילט דורכאויס דער קורצער צייט וואס דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן ביי אונז אין שטוב. דער רבי איז נאך פארבליבן ביי אונז אין שטוב ביז מיטוואך, און די סיבה דערצו איז געווען ווייל ער האט פשוט נישט געהאט אויף שפעזן צוריקצופארן... דורכאויס דער גאנצער צייט וואס דער רבי האט זיך ביי אונז אויפגעהאלטן, זענען אריינגעקומען צום רבי'ן נאך פילע טויזנטער אידן, און עס זענען כסדר צוגעקומען נאך פדיונות פון גאר שיינע סומעס, אבער ווען עס איז אריינגעקומען א נצרך א.ד.ג. האט דער רבי ווידער אלעס פארטיילט, וחוזר חלילה... ערשט מיטוואך האט מען זיך ענדליך דערזען מיט געלט אויף שפעזן, און דאן איז דער רבי צוריק אהיימגעפארן.

(באילנא דחיי ח"ה עמ' קכ"ט)

## צדקת פזרונו לישראל:
## אהיימגעקומען מיט ליידיגע טאשן

נאך איבערדעם האט דערציילט הרה"ח ר' דוד מאיר ווייס ז"ל מחשובי אנ"ש: פון ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין סאטמאר אין יאר תרצ"ד, פלעגט מיין טאטע הרה"ח ר' יעקב ז"ל זיך זארגן פאר די צרכי הבית, און האט אליין פארשאפט געלט פאר די גרויסע הוצאות פונעם רבי'נס שטוב.

אין יענער צייט, ווען דער גיפט פון די אונגארישע אנטיסעמיטיזם האט זיך שוין אנגעהויבן צו שפירן אין דער לופט, איז זייער שווער געווארן דער פינאנציעלער מצב ביים אלגעמיינעם ציבור. אסאך אידן האבן פארלוירן זייערע פרנסה-קוועלער, פיל געשעפטן און ביזנעסער זענען אפגעשפארט געווארן, און דאס אלעס האט פארשטייט זיך אויך געווירקט אויף דיווירטשאפט ביים רבי'ן אין שטוב; די געוועזענע שטיצערס, זענען מיטאמאל געווארן גרויסע נצרכים, פאר וועמען דער רבי האט געדארפט צוזאמשטעלן געלט.

עס זענען טאקע געווען עטליכע אידן וועלכע האבן זיך אפגעגעבן מיט'ן צוזאמשטעלן "מעמדות-געלט" פאר'ן רבי'ן, אבער ווי נאר די געלטער זענען אנגעקומען צום רבי'נס האנט, האט ער דאס צוטיילט פאר אנדערע נצרכים, נישט איבער בלייבנדיג פאר דעם רבי'נס שטוב-געברויכן, און די רביצין מיט די שטוב-מענטשן האבן זיך זייער געמוטשעט צו קענען אנגיין פינאנציעל.

מיין טאטע האט אמאל אויפמערקזאם געמאכט דעם רבי'ן דערויף, טענה'נדיג אז אינעם יעצטיגן מצב, קומט דאך אן ביטער שווער צוזאמצושטעלן געלט. ווי איז דען מעגליך אין אזעלכע אומשטענדן צו פארטיילן אלעס וואס מען פארמאגט פאר אנדערע אידן? מ'מעג דאך אויך אין דעם אביסל זיך איינצוימען...

האט אים דער רבי געענטפערט בזה הלשון: "מיך וועסטו שוין נישט איבערמאכן!..."

אין יענער צייט איז דער רבי אמאל געפארן אויף א שבת קיין 'האלמין', נאך א צייט-אפשניט פון ארום צוואנציג יאר וואס דער רבי איז שוין דארט נישט געווען אויף שבת. ווי ערווארטעט איז דארט געווען א גרויסער געזעגענען, און דעריבער האט זיך מיין טאטע פארגעשטעלט, אז דער רבי וועט אהיימקומען מיט א שיינעם סכום געלט, וואס איז דאך געווען אזוי נויטיג אין יענע צייט.

באלד ווען דער רבי איז צוריקגעקומען קיין סאטמאר, האט מיין טאטע געפרעגט פון די רביצין צי מען האט אהיימגעברענגט עפעס געלט פון האלמין, האט זיך די רביצין אנגערופן, אז אפילו א 'באן' (א נישטיגע קליינע מטבע, ווייניגער ווי א לעי) האט זי נישט געזען... מיין טאטע האט דאס נישט געקענט גלייבן, און האט איר געבעטן אז מען זאל באקוקן דעם רבי'נס בעקיטשעס. האט די רביצין געענטפערט מיט א זיכערקייט, אז עס איז נישטא וואס צו זוכן; עס איז גארנישט בנמצא, נישט אין קיין בעקיטשע און נישט אויף קיין שום אנדער פלאץ.

מיין טאטע האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, און ער האט פארשטאנען אז די האלמינער אידן האבן ווארשיינליך דאסמאל נישט געגעבן פאר'ן רבי'ן קיין גרעסערע געלטער, און דאס ביסל געלט וואס איז אריינגעקומען, האט דער רבי ווי זיין שטייגער גראד אויסגעטיילט.

א קורצע צייט דערויף, ווען אונזערע קרובים פון האלמין זענען אריינגעקומען קיין סאטמאר צום מארק-טאג, האט זיי מיין טאטע פארגעהאלטן: "היתכן, דער רבי קומט צו אייך אויף א שבת איינמאל אין צוואנציג יאר, און מען האט נישט געגעבן קיין שיינע פדיונות?" האבן זיי געענטפערט, אז פון די גרעסערע געלטער אליין וואס די פארמעגליכע אידן האבן געגעבן פאר'ן רבי'ן אין האלמין, האבן זיי צוזאמגעשטעלט א ריזן סומע פון צוואנציג טויזנט לעי! און דאס איז אין צוגאב צו די קלענערע געלטער, ווי הונדערטערס א.ד.ג. וואס אנדערע הונדערטער אידן האבן געגעבן פאר'ן רבי'ן ביים געזעגענען.

עס האט נישט געדויערט קיין סאך נאכצוגיין וואו דאס געלט איז אוועקגעגאנגען. דער רבי האט כדרכו בקודש פארטיילט גאר ריזיגע סכומים פאר א גרויסע צאל ארעמע איינוואוינער פון האלמין און פון די ארומיגע דערפער, אזוי ווייט אז דער רבי זעלבסט איז געבליבן אויסגעזעקלט אן גארנישט.

אייגנטליך איז דאס נישט געווען קיין צופאל. נאר אין יענע יארן פלעגט דער רבי זייער אסאך ארומרייזן אין מארמאראש וואו ס'איז אריינגעקומען אסאך געלט פון די בעל-בתי'שע אידן, אבער נאך זייענדיג דארט האט דער רבי אלעס פארטיילט תיכף ומיד פאר די ארטיגע עניים ואביונים - איבערהויפט אין אזעלכע מקומות וואו עס האבן געוואוינט מערערע נצרכים - און אפטמאל האט מען זיך צוריקגעקערט קיין סאטמאר מיט ליידיגע טאשן, אדער גאר מיט חובות.

דאקעגן, ווען דער רבי איז געפארן קיין יוגאסלאוויע דעמאלט פלעגט שוין דער רבי אהיימקומען מיט אסאך געלט. ווייל דער ארטיגער עולם האט געגעבן פאר'ן רבי'ן די ארטיגע יוגאסלאווישע מטבעות, און אזוי ווי מיין טאטע איז געווען א וואלוטע-הענדלער האט מען דאס גראד אריבערגעשיקט צו מיין טאטן, און אזוי איז דאס געלט געבליבן. איך געדענק אז ביי איינע פון די נסיעות פון רבי'ן קיין יוגאסלאוויע איז אריינגעקומען א סומע פון הונדערט

צוואנציג טויזנט לעי וואס איז געווען אן אסטראנאמישער סומע אין יענע צייטן.

אגב דער רבי זעלבסט האט ארויסגעברענגט אז ער קען נישט משיג זיין, ווי אזוי א רבי וואס פראוועט און הערט אויס בקשות פון אידן, קען דערנאך האלטן דאס געלט פון די פדיונות פאר זיך, און נישט פארטיילן דאס גאנצע געלט פאר צדקה.

דער רבי האט אויך כסדר אויפגעפאדערט זיינע חסידים צו טיילן צדקה מיט א ברייטע האנט. דער רבי פלעגט זאגן, אז צו ארבעטן צו האבן "כדי חיותו", מיינט נישט נאר 'אייגענע כדי חיותו', נאר אז מען זאל פארדינען אזוי פיל, אז מען זאל קענען געבן אויך פאר 'אנדערע כדי חיותו'.

(באילנא דחיי ח"ד עמ' רצ"ג)

## צדקה תרומם גוי: א מהפיכה אין אמעריקע ווי אזוי צו טיילן צדקה

די צדקה וואס ער פלעגט טון, ער האט אריינגעבראכט א נייער ענין וואס עס האט נישט עקזיסטירט פריער אין וויליאמסבורג, און ס'האט זיך איבערגעגאסן ממש איבער אלע שכונות, און מיר אפילו דא ברוך ה' זענען נהנה דערפון.

ער האט אויסגעלערנט דעם עולם געבן צדקה, איבער די כוחות. ער האט אויסגעלערנט ארימע אידן אז מ'רייסט שטיקער פון זיך און מ'געבט אוועק א וואך פרנסה פאר אן אפיל, א חודש פרנסה פאר אן אפיל, אזוי האט ער זיי אויסגעלערנט.

איך געדענק, איידער ער איז געקומען, מ'פלעגט מאכן אן אפיל, אמת אז דעמאלט איז די געלט געווען אנדערע, איז דער גרויסער ראש הקהל פון דער מזרח זייט האט זיך אנגערופן: איך געב פינף דאללאר!, א איד וואס האט געקענט פארדינען צוויי הונדערט דאללאר א וואך, וואס איז דעמאלט געווען אזויווי טויזנט דאללאר א וואך, האט געגעבן פינף דאללאר. אבער אז א איד זאל קענען האבן א השגה אוועקצוגעבן א וואך פרנסה ביי אן אפיל... און ס'איז פארגעקומען אן אפיל מער ווי איין וואך אין יאר... דאס האט ער אויסגעלערנט.

**ער האט אריינגעבראכט א מורא'דיגע כח פון צדקה, אז דער עולם רייסט שטיקער פון זיך און געבט צדקה איבער די כוחות.**

ער האט געהאט א געוויסן גבאי וואס ער איז געווען דער הויפט ממונה איבער קאלעקטן די צדקות, און אסאך מאל ווען ער האט געדארפט עפעס צדקה, פלעגט ער שיקן דער ר' שלום לויפער; גיי קלייב צדקה. ער האט געהאט א מורא'דיגן כח, דער נתינת כח וואס דער רבי האט אין אים אריינגעגעבן. ס'איז א ידוע'דיגע פאקט אז ר' שלום לויפער פלעגט צוגיין צו א איד, און זאגן, דער רבי האט מיר געשיקט נאך געלט, געב מיר א "פינף און צוואנציגער", וואס דעמאלט פלעגט עס זיין אסאך געלט. פלעגט יענער זאגן איך האב נישט, איך געב נישט. מער האט ער נישט געדארפט טון, ער פלעגט אוועקגיין. און אז ר' שלום לויפער פלעגט אוועקגיין, איז וואס פלעגט פאסירן? פלעגט אים דער איד נאכלויפן: ר' שלום, ר' שלום, ער פלעגט אים נאכלויפן און געבן די געלט. מ'האט געמוזט געבן. די כח וואס ער האט אריינגעגעבן אין נתינת הצדקה.

(הגה"צ רבי משה וואלפסאן שליט"א בדברי הספד על מרן רביה"ק זי"ע אלול תשל"ט)

## אהיימגעפארן א גרעסערער בעל חוב

ענליכס דערציילט הרה"ח ר' חיים שטערן הי"ו מחשובי אנ"ש אין בארא פארק וואָס ער האָט געהערט פון זיין קרוב הרה"ח ר' אליעזר מענצער ע"ה, אַז איינמאָל איז דער רבי זי"ע געווען אויף אַ באַזוך אין טעמעשוואַר וואו הונדערטער אידן פון דער גאַנצער אומגעגנט זענען געקומען זיך געזעגענען ביים רבי'ן. און אויך ר' אליעזר איז דאַן אַריבערגעפאָרן קיין טעמעשוואַר זיך צו געזעגענען ביים רבי'ן. ער איז אָנגעקומען צום רבי'ן שוין שפעט ביינאַכט, ווען די שטוב איז שוין כמעט געווען ליידיג, האָט ער זיך אונטערגעהערט ווי דער משב"ק הרה"ח רבי פייוויש אשכנזי ז"ל האָט געזאָגט פאַר'ן רבי'ן: "מיר זענען געקומען קיין טעמעשוואַר אַביסל אָפּצומאַכן די חובות, ווייל דער מילכיגער גיט שוין נישט קיין מילך און די אַנדערע געשעפטן ווילן מער נישט אַרויסגעבן קיין עסן אויף באָרג, דערווייל פאָרט דער רבי אַהיים אַלס אַ גרעסערער בעל חוב ווי מ'איז געקומען".

האָט דער רבי זי"ע געפרעגט, אפשר קענען מיר פאָרן אויף שבת צו אַן אַנדערע שטאָט, און בו בזמן האָבן זיי טאַקע באַשלאָסן צו פאָרן אויף שבת קיין מאָראָש-וואַשערהעל, וואו עס האָבן געוואוינט פיל בעל בתי'שע אידן און חסידים פונעם רבי'ן, וועלכע האָבן שוין אַ לאַנגע צייט צוריק מפציר געווען אַז דער רבי זאָל קומען צו זיי אויף אַ שבת.

האָט ר' אליעזר ע"ה דערציילט, אַז ער איז אויך געפאָרן אויף שבת קיין מאָראָש-וואַשערהעל, און ער האָט פּרובירט נאָכצוגיין צי דער רבי וועט דאָרט טאַקע אָפּמאַכן זיינע חובות, אָבער צו זיין וואונדער האָט ער זיך איבערצייגט אַז דער רבי איז אַהיימגעפאָרן פון מאָראָש-וואַשערהעל נאָך אַסאַך אַ גרעסערער בעל חוב ווי ער איז אַוועקגעפאָרן פון טעמעשוואַר...


CarSafe
845.
512.
5555
CAMPAIGN SPONSOR Week #8
חסד ווינטער קאמפיין
845.288.3880 'היטשט' און 'געווינט'



קהל'ס בלעטל
קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל
845-783-5688
#17
לאזט א קלארן מעסעדזש מיט אלע אינפאו
אדער שיקט א אימעיל מיט די אינפאו צו:
Bletel@cylkj.org

"קהל'ס בלעטל"
וועט בעז"ה
גיין אין דריק
'היינט' דאנערשטאג
8:00 אזייגער ביינאכט

בעלי שמחה און אדווערטייזער:
מאכט זיכער אריינצורופן ביז
היינט 7:00 אזייגער ביינאכט



# שאלת חכם

אַקטועלע און אינפאָרמאַטיווע שמועסן, באַגלייט מיט יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט אַ אידישן בליק

געענטפערט דורך
הרה"ג רבי נחום אַבראַהאַם שליט"אַ
דומ"ץ במאָנסי

# אז דו ווילסט זיין אינטרעסאנט זיי אינטרעסירט

## שאלה:

**לכבוד דער חשובער דיין שליט"א.**

**איך מיט מיין בני בית האבן זייער שטארק הנאה פון אייערע מאמרים אינעם קאלום פון שאלת חכם, מיר שמועסן אדורך די וואונדערבארע עצות אין חינוך און אין הנהגת הבית. צום באדויערן מוז איך זאגן אז נישט ביי יעדן איינעם ארבייטן די עצות. איך קען זאגן אז איך האב זיך פארגעקוקט פאר שבת ווי אזוי און וואס צו רעדן צו מיינע קינדער, סיי ביים טיש, און סיי סתם אזוי אין שטוב, איך האב נישט געדארפט קעקעצן אדער רעדן לאנגווייליג, ס'איז געווען פיל מיט אינהאלט, און טאקע נאטיצן פון די שיינע ליקוטים וואס איר האט געברענגט, איך האב דאס ארויפגעלייגט די שענסטע וואס איך קען נאר, איך האב דאס אויסגעשטעלט ס'זאל נישט זיין ווי א דרשה נאר אזוי ווי א שמועס, ס'האט אבער נישט געקליקט, זיי זענען נישט געווען צופיל אינטרעסירט דערין, זיי זענען פארשפילט און נאר אינטרעסירט אין זייערס. אויך ביי אנדערע צייטן למשל גייענדיג אין שול לויפן זיי פון פאראויס אדער קומען נאך, זיי זענען נישט אינטרעסירט צו גיין מיט מיר צוזאמען, מיין הארץ פלאצט זעענדיג אנדערע גייען אין שול מיט די קינדער און שמועסן אזוי שיין געמיטליך. פארוואס האב איך נישט די זכיה דערצו? איז דאס עפעס א שטראף פון הימל? זאל איך שלום מאכן מיטן מצב אדער פרובירן עפעס צו טון?**

**א גרויסן יישר כח פון פאראויס.**

## תשובה:

ס'איז שווער צו צוטרעפן א פערזענליכע דיאגנאז ווען מ'קען נישט יענעם פערזענליך, אבער דאך קען מען צוטרעפן בערך לויט די לשון פון די שאלה וואס שטעלט אראפ א שטיקל בילד פון דאס וואס ס'גייט פאר מיט דיר, און מן הסתם קען דיר דאס אסאך העלפן בעזהשי"ת. מיר וועלן ארויפברענגען עטליכע נקודות וואס מיר האבן שוין דערמאנט אין די פארגאנגענהייט, אבער נאר בקיצור, יעצט וועלן מיר דאס בעזהשי"ת אביסל בעסער ארויסברענגען ווי וויכטיג דאס איז נישט נאר אלס א טאטע אין שטוב נאר אויך בכלליות בין אדם לחבירו, א מענטש זאל זיין באליבט ביי אנדערע מ'זאל זיין גרייט אים אויסצוהערן און זיך אויסשמועסן מיט אים מיט חשק און באווילינגונג.

דאס ערשטע וואס עס פעלט זיך אויס און איז דער יסוד צום גאנצן בנין פון חינוך און שלום בית און אחדות, איז צו ברענגען א 'קירוב הדעת' - יענעם'ס מח און הארץ זאל ווערן נאענט מיט דיינס, ער זאל שפירן און געפונען אין דיר זעלישע נאענטקייט. דאס וועט אריינברענגען (אינפילטירן) נאענטקייט אינעם געדאנקען גאנג, און ערשט נאכדעם וועט נאכקומען 'סמיכת הדעת' זיך צו פארלאזן און זיך אנהענגען אין דיין מיינונג און חינוך, עצות, השקפה א.א.וו.

האסט געשריבן אז דו קוקסט זיך פאר ווי אזוי צו רעדן 'צו' דיינע קינדער, האסט נישט געשריבן 'מיט' דיינע קינדער, דא ליגט באגראבן א גרויסע מיסברויך. אויב דו ווילסט איינעם באיינדרוקן און איבערצייגן א געוויסע זאך, נישט קיין חילוק אויב איז דאס א מיינונג צו וואס ער זאל מסכים זיין, אדער דאס איז עפעס וואס ער זאל טון אד"ג, זאלסטו קודם פאר אלעם אים אויסהערן וואס ער האט צו זאגן מיט קאנצענטרירונג און מיט נייגעריגקייט, יענער זאל שפירן אז ער האט אן אוזן קשבת, אן אויער וואס הערט אים צו מיט אינטערעס, דאס גיבט אים צו שפירן וויכטיג און עס גיט אים א גוטע געפיל, און ערשט נאכדעם וואס דו האסט אים אויסגעהערט עד הסוף קענסטו דעמאלט אדער אן אנדערן מאל אים פארקויפן וואס דו ווילסט רעדן צו אים, ווייל דעמאלט וועט ער דיר אויך אויסהערן מיט אינטערעס און ווילן.

אבער אויב דו וועסט זיין פארנומען און אנגעצויגן מיט דעם וואס דו ווילסט אים פארקויפן, און צוליב דעם וועסטו אים נאר אויסהערן מיט א האלבע אויער און אומגעדולדיג, ווארטנדיג אז דו זאלסט שוין קענען אנהייבן רעדן, וועט יענער דאס גוט שפירן אז דו הערסט אים אויס נאר האלבוועגס, ביסט נישט צופיל אינטרעסירט דערין, דיינע געדאנקען זענען ערגעץ אנדערש, דו ביסט נישט יעצט אוועקגעגעבן פאר אים, דו ביסט פארנומען מיט דאס וואס דו ווילסט זאגן, דאן וועסטו אויף אים נישט לאזן אזא גוטע איינדרוק, ממילא איז דיין גאנצע ציל איינגעשטעלט. ווער נישט געשטערט יענעם אויסצוהערן ווייל דו ווילסט רעדן דאס וואס דו ווילסט פון אים, ווייל דער עיקר שליסל אויסצופירן דיין וואונטש איז יענעם אויסצוהערן מיט געדולד און סימפאטיע, ווארט אויס אויף די ריכטיגע מינוט וואס דעמאלט וועסטו קענען ארויסברענגען דיין זייט.

מענטשן האבן בעסער ליב גוטע צוהערערס ווי גוטע רעדנערס, און כאטש דאס איז אזוי וויכטיג איז זעלטן צו טרעפן מענטשן וואס האבן די אייגנשאפט יענעם צו קענען אויסהערן אן יענעם איבערהאקן, ווייל ס'איז טאקע נישט אזוי גרינג אלעמאל אויסצוהערן יענעמס בויך ווייטאג וואס איז אסאך מאל נאריש און לאנגווייליג, מ'דארף האבן צייט דערפאר און אויך געזונטע שטארקע נערוון, אבער אויב דער ציל דערפון איז גאר וויכטיג פאר דיר, ס'איז פאר דיר א שטיק לעבן, און דו וועסט דאס האלטן פאר דיינע אויגן, דאן וועסטו שוין טרעפן די צייט און געדולד. דאס איז שוין דיין אויסוואל צו דו ווילסט ענדערש מוותר זיין אויף דיין ווירקונג און איינדרוק איבער דעם מענטש כדי נישט צו דארפן יענעם אויסהערן, אדער פארקערט. מאך נישט קיין האלבע אויסוואל, דאס ארבייט נישט, אדער-אדער.

אויב דו ווילסט אז דיין קינד זאל שפירן אז דו האסט אים באמת ליב, זאלסטו שטענדיג מאכן צייט אים אויסצוהערן מיט געדולד און אינטערעס. דאס איז מער ווי מתנות, קושן און ארומנעמען. דאס איז פון די וויכטיגסטע זאך פאר א מענטש צו האבן פאר וועם אויסצולאדענען זיינע געפילן און זיינע מחשבות. ווען איינער רעדט זיך אפ אויף עפעס, איז חוץ וואס מ'דארף אים העלפן מיט א גוטע עצה, איז אסאך מאל די עצם זאך אז ער האט פאר וועם זיך אפצורעדן וויכטיגער פון די גאנצע עצה, דאס בארואיגט אים. ווי חז"ל (יומא עה.) זאגן דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים ואמרי לה יסיחנה מדעתו - ווען איינער האט א זארג זאל ער דאס דורכשמועסן מיט אנדערע און ס'איז דא וואס זאגן ער זאל מסיח דעת זיין דערפון. זאגן מפרשים אז דאס גייט צוזאמען, אויב האט ער א חבר פאר וועם זיך אויסצורעדן העלפט אים דאס צו קענען מסיח דעת זיין דערפון.

מ'זאגט א ווערטל אז ס'איז דא מענטשן וואס רופן דעם דאקטער נאר ווייל זיי דארפן איינעם וואס זאל זיי אויסהערן. אבער דאס איז נישט נאר א ווערטל, דאס איז א שטארקער אמת. דאס איז איינס פון די וויכטיגסטע זאכן פאר א מענטש, ער זאל באקומען אויפמערקזאמקייט און מ'זאל אים אויסהערן. אויב נישט ביי זיך אין שטוב אדער ביי זיינע עלטערן, וועט ער דאס זוכן אין שול ביי חברים אד"ג. ס'זענען דא קינדער וואס ווען זיי באקומען נישט אויפמערקזאמקייט וועלן זיי טון ווילדע אדער נארישע זאכן וויסנדיג אז אזוי וועלן זיי באקומען אויפמערקזאמקייט, און דאס איז זייער וויכטיג אז קינדער זאלן באקומען זייער אויפמערקזאמקייט ביי ערליכע מענטשן און ערליכע חברותא, ווייל טאמער וועט ער דאס באקומען פון נישט ערליכע חברותא וועט ער אויסקלויבן זיין וועג דארטן ח"ו.

דאס איז לאו דוקא מיט קינדער, נאר אויך ווען דיינסא נאענטער, ארבייטער, אדער קאסטומער, איז אויפגערעגט און צוקאכט און ער גיסט אויס זיין כעס אויף דיר, איז רוב מאל אלעס וואס ער וויל נישט מער ווי דאס, אז דו זאלסט אים אויסהערן עד הסוף מיט סימפאטיע. ער דארף איינעם פאר וועם ער קען זיך אויסגיסן זיין הארץ, ער דארף א פלאץ ווי ער קען אפלאדענען און דאמפן עפעס וואס דריקט אים אויפ'ן הארץ. אמאל איז דאס טאקע די זאך וואס ער רעגט זיך דערויף און אמאל ליגט אונטער דעם גאר עפעס

אנדערש, א שלום בית פראבלעם, צער גידול בנים, ברוחניות, בגשמיות, אדער צרות ביי זיין דזשאב, אדער האט ער פראבלעמען מיט זיין יצר הרע, און נאך און נאך. פאר דעם איז נישט אזוי וויכטיג דו זאלסט אים בארואיגן ווי דאס ער זאל זיך קענען אויסגעבן. ערשט נאכדעם קענסטו אויך צולייגן בארואיגונגס ווערטער און אביסל וויי[כ]ער מאכן די זאך אז ס'איז נישט ממש אזוי ווי ער מיינט. אבער נאר נאכדעם וואס דו האסט אים גערעכט געגעבן.

דאס האב איך געזאגט פאר א שמש אין א שול וואס האט געוואלט אויפגעבן זיין פאסטן ווייל מענטשן האבן שטענדיג טענות אויף אים און ער קען נישט יוצא זיין יעדן איינעם, און וויפיל ער זאל זיך אנשטרענגען טרעפט מען אלעמאל עפעס זיך אפצורעדן, ממש מ'קראצט אויס טענות פון אונטער די ערד. זאג איך אים דו לעבסט אין א טעות. זיי מיינען אינגאנצן נישט דיר. די אלע מענטשן וואס זיי רוקן ארויס טענות זוכן ערגעץ ווי זיך אויסצולופטערן זייערע פראבלעמען און זיי קלערן אז דאס פלאץ דערפאר איז אין בית המדרש, וויבאלד ס'איז א פובליק פלאץ ווי זיי קומען עטליכע מאל א טאג. זיי קוקן דאס נישט אן ווי א מקום קדוש ווי מ'קומט זיך דורכרעדן מיט'ן טאטן אין הימל.

ביי זיי איז דאס א פלאץ ווי מ'טרעפט זיך מיט'ן פובליק און מיט באקאנטע און ווי יעדער קען אויסברעכן זיינע שטותים.

צוריק צום ענין, די מענטשן וואס ווילן נאר רעדן און נישט הערן, און בפרט די וואס רעדן שטענדיג פון זיך און האקן שטענדיג איבער דעם צווייטן און לאזן נישט אויסרעדן, זענען נישט באליבט. מענטשן זוכן זיי אויסצומיידן און האבן נישט קיין געדולד צו זיי, אפילו אויב זיי זענען קלוג און געלערנט זענען זיי אבער אומערצויגן און אוממענטשליך.

גערענק! אויב דו ווילסט זיין א גוטער שמועסער וואס זאל אינטערעסירן אנדערע, דארפסטו אויך זיין א גוטער אויפמערקזאמער צוהערער. פרעג יענעם זאכן וואס ער וועט הנאה האבן צו ענטפערן, מוטיג זיי צו רעדן פון זיך אליין און פון זייערע דערגרייכונגען, אינטערעסיר דיך איבער זייער געזעלשאפט צו זיי געפונען זיך גוט דערין, ווייל יענער איז אינטערעסירט אין זיך אליין און אין זיינע שטרעבונגען און אין זיינע קליינטשיגע פראבלעמען, מער ווי ער איז אינטערעסירט אין דיר און אין דיינע שטרעבונגען און דיינע גרויסע פראבלעמען.

ס'איז דא א פאסיגע משל פאר די מענטשן וואס האבן נישט קיין געדולד אויסצוהערן און זיי ווילן נאר זאגן און מ'זאל זיי אויסהערן (אויב זיי ווילן אויסהערן מיט געדולד דעם משל...): יעדער ווייסט ווען מ'בויעט א בנין דארף מען לייגן א גרויסע געוויכט אויף דעם יסוד אז ס'זאל זיין ריכטיג און פעסט. דארט יאגט מען נישט אזוי ווי ביי די איבעריגע חלק בנין, מ'לייגט צו מער קאפ און יעדע קלייניקייט דארף שטימען. גייט אריבער א

**ס'איז דא מענטשן וואס רופן דעם דאקטער נאר ווייל זיי דארפן איינעם וואס זאל זיי אויסהערן**

נאר און זאגט "וואס שטייסטו אזוי לאנג אויף א זאך וואס מ'זעט סיי ווי נישט קיינמאל, ס'ווערט באגראבן אונטער די ערד? וואס גייט דיר אן ווי אזוי ס'זעט אויס?" פארשטייט יעדער אז דער איז א גרויסער שוטה! אמת אז דער יסוד בלייבט באגראבן, מ'זעט דאס קיינמאל נישט, מ'נוצט דאס נישט, אבער דער גאנצער בנין האלט זיך נאר לויט ווי דער יסוד איז געבויעט. אלעס וואס מ'גייט טון אין דעם בנין איז נאר אויב דער באגראבענער יסוד איז גוט געמאכט. דאס זעלבע אין חינוך, ס'איז דא זאכן וואס מ'גייט נישט אנזען אז ס'איז וויכטיג, ס'זעט אויס פאר א שוטה ווי אומנוצבאר און עפעס וואס ס'לוינט נישט אוועקצוגעבן דערפאר צייט, אבער למעשה איז דאס דער יסוד אויף וואס די גאנצע בנין ווערט געבויעט. אן קיין קירוב הדעת איז נישט דא וואס צו מאכן!

דאס וואס דו זאגסט אז דיין הארץ פלאצט צו זען ווי יענעמ'ס קינדער קלעבן אויף אים, איז דא אויף דעם א וועלטס ווערטל 'אלעמאל איז די גראז גרינער אויף די צווייטע זייט'. וואס ווייסטו וויפיל מענטשן זענען דיר מקנא מיט דיינע קינדער, זיי זאגן פאר זייערע קינדער: "גיב א קוק וואספארא איידעלע און ערליכע קינדער זיי זענען." ס'איז זיכער אז זיי פארמאגן פארשידענע מעלות וואס אנדערע קוקן ארויף, דו זעסט נאר די חסרונות ווייל די מעלות זענען ביי דיר פארשטענדליך אז ס'דארף אזוי זיין, אבער די חסרונות ווי דו דארפסט ארבייטן דערויף דאס ווילסטו נישט אז זיי זאלן עקזיסטירן.

ביי די זאכן פון קנאה איז דא א כלל גדול: אויב איז דאס עפעס וואס דו קענסט לויט דיין מצב נאכטון יענעם, איז אדרבה ארבייט דאס אויס. אויב איז דאס עפעס וואס לויט דיין מצב און דיין מציאות ארבייט דאס נישט, זאג פאר דיין יצר הרע: איך בין נישט יענער און יענער איז נישט איך! איך דארף טון נאר לויט וואס ס'איז שייך פאר מיר. ס'איז טאקע אמת אז 'קנאת סופרים תרבה חכמה' - מ'קען זיך אלץ לערנען פון יענעם, אבער נישט ווערן אויפגעגעסן פון יענעם! א קליינע ביישפיל: איינער האט געזאגט אז ער איז מקנא זיין חבר וואס ער איז געבליבן ביים לערנען און האט נישט קיין זארג פון ברענגען פרנסה (זיין שווער אדער זיין טאטע האלט אים אויס). זאג איך אים: דאס מיינט אז דו האסט טענות אויפ'ן רבונו של עולם וואס ער האט צוגעפירט אז דו האסט נישט ווער ס'האלט דיר אויס. פארוואס פארשטייסטו נישט אז דאס מיינט אז דאס איז דיין אויפגאבע און תכלית אויף דער וועלט, און ח"ו אז ס'זאל מינערן אפילו איין קלייניגקייט פון דיין צדקות און עבודת ה' און קונה זיין כתר תורה. ס'זענען געווען תנאים און אמוראים, צדיקים וגאונים וואס האבן עוסק געווען אין מסחר אד"ג, געארבייט שווער, און מיט דעם אלעם געהארעוועט אויף תורה און עבודת ה' ווי די גמרא זאגט (יומא) הלל מחייב את העניים, עיי"ש.






# פארשטיי צו יענעם פונקט ווי דו ווילסט יענער זאל פארשטיין צו דיר!

איינס פון די שטארקסטע זאכן ווען עס קומט צו חינוך, שלום בית, בין אדם לחבירו, איז צו פארשטיין יענעם. ווען מ'ארבייט זיך אויס אין די מדה איז כמעט נישט דא קיין מיינונגס פארשידנהייט אדער סיי וועלכע פראבלעם וואס מ'זאל נישט קענען לעזן.

דאס ערשטע דארפסטו וויסן אז כאטש ס'איז 'דיין' קינד, 'דיין' ווייב, 'דיין' טאטע, אבער דאך מוז נישט זיין אז זיי האבן די זעלבע געפילן אדער מהלך המחשבה ווי דיר, איז פארוואס וואונדערסטו זיך פארוואס זיי פארשטייען נישט דאס וואס ביי דיר איז פשוט און זיכער. ס'קען זיין אז זיי וואונדערן זיך פארקערט ווי אזוי דו קענסט האלטן אדער שפירן אנדערש ווי זיי... אויב איז דאס עפעס וואס דו האלטסט אז ס'דארף ווערן אויסגעגראדט קען דאס נאר זיין ווען דו רעדסט זיך שיין דורך מיט זיי, זיי שפירן אז דו פארשטייסט פונקטליך וואס זיי טראכטן איבער די זאך, און דו זאגסט דיין מיינונג און ביסט דאס מסביר אויף אן אופן אז זיי זאלן פארשטיין אז דו האסט גוט דורכגענומען זייער מהלך המחשבה אדער געפיל, און נאכן דורכטראכטן ביסטו געקומען צוזאמען מיט זיי צו א באשלוס אז ס'איז נישט פונקט אזוי, מ'קען טראכטן אנדערש, און זיי וועלן זיין גרייט דאס צו הערן און אפילו אננעמען, וויבאלד דו האסט זיי געשאנקן דעם גוטן געפיל אז דו פארשטייסט זיי און דו האלטסט מיט זייערע געפילן, כאטש זיי ווייסן אז דו האלטסט אנדערש.

**אויב דו ווילסט זיין א גוטער שמועסער וואס זאל אינטערעסירן אנדערע, דארפסטו אויך זיין א גוטער אויפמערקזאמער צוהערער**

צב"ש זי וויל קויפן א שיינע מעלעריי אויפצוהענגען אויף די ליידיגע וואנט, דו פארשטייסט נישט פארוואס מ'דארף דאס, אין דיינע אויגן איז א ליידיגע וואנט גענוג שיין, איז פארוואס אויסגעבן איבעריגע געלט פאר גארנישט. אבער זי הערט נישט אויף צו רעדן דערפון, און דו ווילסט זיך אויפרעגן. אבער טראכט א מינוט, זי זיצט א גאנצן טאג אין שטוב און קוקט אויף די ווענט, נישט דו, און פאר א פרוי איז וויכטיג א שיינע מעלעריי אויפ'ן וואנט פונקט אדער נאכמער ווי ס'איז פאר דיר וויכטיג א שיינע שטריימל אדער עפעס א שטענדער, א שיינע מעשה ביכל אד"ג, פארוואס פארשטייסטו נישט איר געפיל? ווייז אז דו פארשטייסט דאס און דו האלטסט אויך אזוי און שמועס אפ ווען מ'גייט דאס קויפן און וויפיל געלט דו קענסט זיך ערלויבן אד"ג. דאס איז נאר א קליינע משל, אבער ס'קומט פאר ענליכע זאכן אויף פארשידענע אופנים.

ס'איז דא מענטשן וואס נעמען זיך אלעמאל אן פארן אמת, לויט זייער מיינונג, און אויף יעדע זאך טענה'ן זיי זיך, אפילו ווען ס'איז נישט קיין שום נפקא מינה אויף למעשה. אבער ס'איז בעצם א נארישע זאך. וואס אהרט דיר אז יענער האלט אזוי? ווי טוט דיר דאס וויי? צב"ש יענער מיינט אז די וועג וואס ער גייט אהיים פון שול איז קורצער ווי די אנדערע וועג, דו טענה'סט חי וקיים הונדערט פראצענט אז די אנדערע וועג איז קורצער, וואס גייט דיר דאס אן אז יענער גייט א פערטל מינוט לענגער? ער וויל גיין דא און ער האט הנאה דערפון, לאז אים זיך האלטן ביי זיינס! זאל ער פילן גוט אז ער גייט די קורצערע וועג! פארוואס נישט?!

נאך ערגער איז ווען דו נעמסט זיך אן פארן אמת ווען יענער וועט דורך דעם פארשעמט ווערן, אדער אפילו נאר מיינען אז ס'איז באריגט געווארן אביסל זיין כבוד. איך בין אמאל געזעצן ביי א שמחה ווען איינער פון די בעלי שמחה האט געזאגט א שיינע דרשה, אינמיטן האט ער נאכגעזאגט א ווארט פון הייליגן רוזינער זי"ע. איינער א ידען וואס איז געזעסן נעבן מיר האט זיך אנגערופן אז ס'איז פון קאצקער רבי'ן זי"ע, און ס'איז נישט פונקטליך אזוי נאר מיט א קליינע קנייטש אנדערש. איך האב געוואוסט אז ס'איז טאקע פון קאצקער רבי'ן, ווייל ס'ווערט געברענגט אין ספר אהל תורה בשמו און אין די רוזינער ספרים ווערט דאס נישט געברענגט, אבער ווען דער בעל שמחה איז געווארן אביסל מבולבל (איך ווייס נישט פארוואס) און ער זאגט קוקנדיג אויף מיר "ניין! ס'איז פון רוזינער. נישט אזוי?" און איך שאקל צו מיטן קאפ אז ער איז גערעכט. און נאכדעם פרעגט ער: "ס'איז אזוי ווי איך האב דאס נאכגעזאגט?" איך האב נאכאמאל געשאקלט מיטן קאפ אויף יא, און ער האט ווייטער געזאגט זיין דרשה. שפעטער פרעגט מיר דער ידען "פארוואס האסטו מודה געווען צו אים?" האב איך אים געזאגט "פארוואס נישט?! מיר זענען געקומען צו זיין שמחה אים צו דערפרייען, ער האט זיך געשפירט געטראפן און דאס גענומען פערזענליך ווען דו האסט ארייגעהאקט און איבערגעוויזן אז ער געדענקט נישט גוט, האב איך אים געוואלט געבן א גוטע געפיל אז ער געדענקט יא גוט, איז דאס נישט א גרויסע מצוה אים לאזן מיינען אז ער איז גערעכט?" דאס ווארט איז א טייער ווארט סיי אויב דער רוזינער האט דאס געזאגט און סיי אויב דער קאצקער האט דאס געזאגט, און אויך ווי אזוי ער האט דאס געזאגט, ס'לוינט זיך נישט צו מאכן דערויף א טענה'ריי. ס'כאפט נישט קיין שום נפקא מינה. און אפילו דו וועסט ארויסגיין דער געווינער ביסטו א פארלירער! ווייל יענער וועט אין הארץ האבן פאראיבל אז דו האסט אים געווינען און איבערגעוויזן אז ער רעדט נישט צו די זאך און געדענקט נישט גוט.

דער כלל איז: פרוביר צו פארמיידן אומנויטיגע וויכוחים. זיי נישט אזא איש אמת אויף יענעמ'ס חשבון! ס'איז פונקט גענוג דו זאלסט זיין א איש אמת פאר דיר אליין וואס איז דיר נוגע. לאז יענעם געניסן פון דעם וואס ער האלט און זאגט אפילו ווען דו ווייסט אז ער איז זיך טועה. ער קען בלייבן א גאנץ לעבן מיט זיין טעות און גארנישט וועט נישט געשען, די וועלט וועט ווייטער אנגיין ביז משיח'ס טאג. און ס'דארף דיר בכלל נישט שטערן אויב יענער האט א טעות ווען ס'קומט נישט ארויס דערפון א חורבן אין אידישקייט, אדער אפילו יא נאר ס'וועט נישט ווערן

## וויל נישט אלעמאל זיין גערעכט, ס'איז גארנישט שלעכט!

נאך א נקודה וואס מוז ווערן זייער גוט אויסגעשמועסט: זע צו האבן ווי ווייניגער וויכוחים און טענה'רייען מיט דיינע קינדער. די שמועסן מיט זיי זאל לויפן אויף א פאזיטיווע טאן, נישט נעגאטיוו. דארפסט נישט אזויפיל איבערווייזן אז זיי ווייסן נישט און זענען זיך טועה אד"ג ווען ס'איז נישט מורא'דיג וויכטיג.


אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א

**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6**

**אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**



בית הוראה

## זמני לשכת בית הוראה

24 שעה הוראה ליין:

**845.783.0546**

לשכת בית הוראה:

**6 גארפיעלד רד. #013**

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה
הרה"ג רבי מרדכי דוד יוראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה
הרה"ג רבי משה זאב שווארץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 7:30 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 7:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

פארראכטן מיט דעם וואס דו וועסט יענעם איבערווייזן, ס'גייט זיך גארנישט טוישן אין מציאות אד"ג. זיי נישט באזארגט אז מיר ווילן אוועקנעמען פון דעם אמת, בכלל נישט! דו קענסט ווייטער האלטן דעם אמת און דאס אפי' איבערגעבן פאר אנדערע בכתב אדער בעל פה, נאר מיט דעם מענטש וואס האלט אז דער אמת איז פארקערט טענה דיר נישט מיט אים פערזענליך, אויב ער וויל וויסן דעם אמת קען ער דיר קומען פרעגן, און אויב ער וויל נישט איז נישט! פארוואס זאלסטו פארלירן א גוטע פריינט?!

ס'איז דא א ווערטל אויף איינעם וואס האט שטענדיג געפאדערט פון אנדערע גערעכטיגקייט. איינמאל איז ער געפארן אויף די הייוועי, און אינמיטן זעט ער א שנעל פליענדיגע קאר קומט אנטקעגן אים, יענער פארט אין די פארקערטע ריכטונג, ער האט באשלאסן ער גייט זיך נישט ריקן אין די זייט. יענער איז נישט גערעכט! און ער איז טאקע גע'הרג'עט געווארן צוליב זיין גערעכטיגקייט! אויף זיין מצבה האט מען אויסגעקריצט: פה נטמן... ער איז געשטארבן צוליב גערעכטיגקייט...

# און ער איז טאקע גע'הרג'עט געווארן צוליב זיין גערעכטיגקייט! אויף זיין מצבה האט מען אויסגעקריצט: פה נטמן... ער איז געשטארבן צוליב גערעכטיגקייט...

נאך א ביישפיל: איין פרימארגן זאג איך פאר מיין חבר אז פלוני אונזער שכן האט געהאט א יונגעלע. זאגט ער מיר ניין ס'איז א מיידעלע. איך האב ביי מיר געטראכט ס'איז נישט יעצט דער בר מצוה אדער חדר פירן אז ס'זאל זיין א נפקא מינה וואס דאס קינד איז, און אויך רעדט מען נישט יעצט פון א שידוך וואס מ'דארף וויסן צו ס'איז א יונגל אדער מיידל, וועגן דעם האב איך געענטפערט, נו זאל זיין א מיידל, דער עיקר איז ס'זאל זיין שמחות ביי אידן! צומארגנס זאגט ער מיר "אה! ביסט טאקע גערעכט געווען ס'איז א יונגל..." באמת וואלט מיר נישט געאהרט אפילו ער וואלט א גאנץ לעבן געבליבן מיט זיין טעות אז יענער האט געהאט א מיידעלע, זאל ער זיך שפירן אז ער האט בעסער געוואוסט. ס'איז ממש א קרענק און א צייט פארשווענדעניש זיך צו טענה'ן אויף שטותים נאר כדי יענעם איבערצייגן אז דו ווייסט בעסער. פארשטייט זיך אז יענער וועט קיינמאל נישט ארויסזאגן מיטן מויל אז ער האט פאראיבל אויף דיר ווען דו האסט אים באזיגט, ער וויל נישט אויסזען ווי א קליין נאריש קינד, אבער קיינער ווייסט נישט וואס איז באגראבן אין הארץ.

דאס זעלבע אין עולם המסחר, האנדל וואנדל, ווען איינער פארקויפט א געוויסע פראדוקט פון זיין קאמפאני און ער טראגט דאס אן פאר א געשעפט מאן, יענער זאגט אז דער זעלבער פראדוקט פון די אנדערע קאמפאני איז בעסער און שטארקער. אויב דו וועסט זיך דינגען מיט אים און פרובירן איבערצייגן אז ס'איז נישט אמת, וועט מען זיך קיינמאל נישט פארגלייכן נאר די טענער און די קולות וועלן ווערן העכער, און דו וועסט גארנישט פארדינען דערפון. די עצה איז צו זאגן יענעם "דו ביסט טאקע גערעכט! דער פראדוקט פון יענע קאמפאני איז טאקע בעסער און שטארקער! און מיט דעם האט זיך דער וויכוח געענדיגט. מ'קען דאך נישט איבערזאגן די גאנצע צייט די זעלבע ווערטער אז יענץ איז שטארקער און בעסער. יעצט ווען דער וויכוח האט זיך געענדיגט, קענסטו אנהייבן מסביר זיין וואס איז אבער די מעלות און פעהיגקייטן פון די פראדוקט פון דיין קאמפאני און דעם וואס דו זאלסט באשמוצן די אנדערע קאמפאני. נאר ארויס ברענגנדיג וואס דיין קאמפאני האט ארייגעלייגט אין די פראדוקט מער ווי אנדערע קאמפאניס, דאס ארבייט זייער גוט! יענער דארף שוין נישט פארטיידיגן און באשיצן זיין מיינונג און שטעלונג און אפווענדן דיינע ארגומענטן, ווייל בעצם האסטו אים שוין געגעבן גערעכט, יעצט איז זיין מוח אפן און פריי צו הערן אויך די אנדערע צד. דאס האט כלב בן יפנה געטון מיט די אידן ווען די מרגלים האבן בארעדט משה רבינו, ער האט זיך געמאכט ווי ער איז אויף זייער זייט, און נאר אזוי האבן זיי אים אויסגעהערט ווען ער האט געזאגט די לויב פון משה און ארץ ישראל (פ' שלח).

ווער רעדט נאך ווען אן אנגעזעענער מכובד'יגע מענטש האט געלאזט הערן זיין מיינונג אין הלכה אדער השקפה און דו ווייסט אז ער איז הונדערט פראצענט נישט גערעכט, ער האט נישט אליין מברר געווען די זאך, אבער געווענליך איז נישט דא וואס צו מאכן, קיינער גייט נישט אפן מודה זיין אז ער האט געמאכט א טעות, מ'מוז זיין זייער א גרויסער מענטש דערצו און נישט שוינען אויף די אייגענע כבוד אויסצורופן 'טעות היה בידי'. דארפסט פארשטיין אז ס'איז א שאד יעדע ווארט (ווען יענער וואלט זיך נישט געשעמט און ער וואלט דיר געוואלט פארשפארן צייט און כח, וואלט ער דיר גראד געזאגט הייב אפילו נישט אן, אזוי וויל איך און אזוי וועט דאס בלייבן! ס'גייט זיך גארנישט טוישן!) ביסט נישט מחוייב יענעם צו איבערווייזן זיין טעות, און אויב דו טראכסט אז ס'קען ארויסקומען דערפון עפעס א פארקרומטקייט אדער מכשול, דאן שרייב אפ דיין מיינונג, און ווער ס'וויל וויסן דעם אמת קען וויסן און ווער ס'וויל נישט וויסן איז נישט. ס'איז בכלל נישט דיין אחריות.

מ'טרעפט אין חז"ל אסאך מאל ווי מען ענטפערט א צווייטן לשיטתיה, כאטש מ'וואלט געקענט ענטפערן א בעסערע תירוץ אפצואווענדן זיין גאנצע שיטה, כדי זיך נישט ארייינצולאזן מיט יענעם און וויכוחים. ס'איז אבער דא איין געוויסע מעטאד וואס קען ארבייטן ווען דו שפירסט אז ס'איז יא וויכטיג יענער זאל וויסן אז ער האט זיך טועה געווען אין א הלכה, אבער ער איז א מכובד'יגער מענטש און ס'איז אים זייער שווער צו זיין א מודה על האמת, זאג אים אזוי: איך זע אז איר זענט מורא'דיג באהאוונט אין די הלכה, איר האט דאס ארויס מיט א געוואלדיגע קלארקייט, ס'מוז זיין אז איר האט אסאך צייט ארייגעלייגט אין דעם וכו' וכו'. געווענליך וועט יענער אנהויבן דערציילן וויפיל מאל ער האט דאס געלערנט, און ווי און ווען און מיט וועם... נאכדעם ווען ער איז אינגאנצן פארטיג קענסטו זאגן: אינטערעסאנט אז איך בין דאך נישט אזא תלמיד חכם ווי אייך וועגן דעם האב איך געטראכט אז דא איז אנדערש ווייל אזוי און אזוי, און זיי מסביר דיין שטעלונג מיטן גאנצן כח ההסבר וואס דו האסט. געווענליך וועט יענער דיר אויסהערן וויבאלד דו האסט אים פארדעם אזוי שיין געגלעט, און אפילו ער וועט נישט אליין זאגן איך וועל דאס איבערטראכטן, פיר אליין אויס, אפשר איז כדאי אז איר זאלט דאס איבערטראכטן אליין. געווענליך וועט דאס גוט ארבייטן, אויסער אויב יענער האט א פערזענליכע נגיעה אדער אויב ער איז אן אויסטערלישער בעל גאוה, דאן לאז אים אפ! ס'איז נישט דא וואס צו מאכן מיט אים!




SPONSOR #1
PRO DECKS
845.352.DECK
SPONSOR #2
MEN'S CORNER
845.782.6756
SPONSOR #3
QUICK FIX
Appliance repair
845-206-9733
SPONSOR #4
פלי"ש
SPONSOR #5
MOVERS
MOVING EVERY CUSTOMER WITH CARE
845.287.4190
SPONSOR #6
נר שעוה
ליב גליק
SPONSOR #7
peppermint supermarket
mintleaf
Kosher Market
SPONSOR #8
carsafe
845.512.5555
'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880




# אוי וויי, איך האב דאך היינט יא געזאגט ליגנט

אין ליזענסק האָט געוואוינט אַ חשוב'ער איד אַ תלמיד חכם און אַן עושר. צופרי פלעגט ער לערנען עטליכע שעה און נאָכ'ן דאַווענען איז ער אַריינגעגאַנגען אין זיין געשעפט וואָס איז אים גאַנץ גוט געגאַנגען.

יעדן פאַרנאַכט פלעגט דער איד גיין דאַווענען מנחה און מעריב צום הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע און פלעגט זיך דאָרט צוהערן צו די הייליגע שמועסן וואָס דער רבי האָט געשמועסט מיט די חסידים און מיט פאַרשידענע געסט.

איינמאָל זייענדיג ביים רבי'ן האָט ער געהערט ווי דער רבי ר' אלימלך זאָגט: "אויב איינער האַלט זיך איין נישט אַרויסצורעדן פון זיין מויל קיין שום וואָרט וואָס איז שקר. אַ גאַנצן מעת לעת, פיר און צוואנציג שעה, איז ער פאַרזיכערט מיט עולם הבא".

אָט די ווערטער פונעם רבי'ן האָבן אים זייער שטאַרק אַדורכגענומען, אויפ'ן גאַנצן וועג אַהיים איז ער געווען זייער צוקאָכט.

עפּעס אַ קלייניגקייט? זיך פאַרזיכערן מיט עולם הבא!

געזאָגט און געטאָן. ער האָט גלייך געמאָלדן אין די שטוב אַז מאָרגן גייט ער נישט אַריין אין געשעפט און ער וויל זיך נישט טרעפן מיט קיין מענטשן.

ער איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין זיין ספרים שטוב, ער האָט זיך גוט פאַרשפּאַרט און האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען שטאַרק פאַרטיפט.

די שטוב מענטשן איז די זאַך נישט געווען צו שטאַרק אויפפאַלענד, ווייל עס האָט זיך שוין געטראָפן אַמאָל אַזעלכע זאַכן ביי אים, ער זאָל זיצן איינגעשפּאַרט די גאַנצע נאַכט אין די ספרים שטוב און לערנען.

ווי עס איז אָבער געוואָרן טאָג און מען האָט געזען אַז ער זיצט נאָכאַלץ פאַרשפּאַרט האָט עס שוין אַרויסגעברענגט אַביסל אויפמערקזאַמקייט. עס איז אַדורך איין שעה און נאָך אַ שעה און מען זעט אים נאָך אַלץ נישט, מען הערט נישט פון אים.

"ער האָט דאָך געזאָגט אַז היינט וויל ער זיך נישט טרעפן מיט קיין מענטשן" – רופט זיך אָן איינער פון די קינדער.

מ'האָט זיך פּרובירט צו באַנוצן מיט אָט די ווערטער פאַר אַ באַרואיגונג און יעדער איז זיך געגאַנגען טאָן זיין אַרבעט.

*

מיטאָג צייט האָט איינע פון די קינדער געדאַרפט אַריינגיין זייער וויכטיג פּונקט אין יענע שטוב צוליב אַ געוויסע זאַך, האָט זי אָנגעקלאַפּט אין די טיר. ווי זי האָט געזען אַז עס קומט נישט קיין שום ענטפער, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן, ווער ווייסט צי עס איז נישט חלילה עפּעס געשען מיטן טאַטן?

איז זי גלייך געלאָפן צו די מאַמען און צו אירע געשוויסטער און איבערגעגעבן די מעשה מיט שרעק, און אויף אירע ווערטער זענען זיי אַלע אויך צוגעגאַנגען צו די טיר פונעם טאַטן און האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן און שרייען.

אַזוי ווי זיי האָבן אַלע געזען אַז דער טאַטע ענטפערט נישט האָבן זיי באַשלאָסן אויפצועפענען די טיר פון אויסנווייניג אויף אַ געוויסן אופן, וואָס איז געווען מעגליך, טראָצדעם וואָס די טיר איז געווען פאַרשפּאַרט

בס"ד
אחיעזר
M. 6 Van Buren Dr. #102
Monroe NY 10950
P. 845.637.7778
E. office@achiezerky.org

מקדמים אנו בברכה את פני הני מוסרי נפש הלא המה המנהלים החשובים אשר באו מהתם להכא לכתת רגלם לקיום וביסוס חינוך הטהור בארה"ק

הרב משה לעווינזאהן שליט"א
ת"ת תפארת חיים זאנוויל ריבניץ צפת
סוג: ישוב הישן

הרב אלי' פריזענד שליט"א
בית חינוך לבנות בנות ליבא ביתר
סוג: ישוב הישן

הרב שמואל אריאלי שליט"א
בית חינוך לבנות בראכפעלד
סוג: ליטאים

הרב יואל נהרי שליט"א
הרב יונתן בן ניסן שליט"א
מוסדות לדעת חכמה ומוסר בני ברק
סוג: גרים ובעלי תשובה

אנ"ש תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע
בואו והשתתפו בהמוניכם לחזק הני מוסרי נפש אשר עזבו משפחה ובאו לדרך רחוקה רק כדי לקיים את התורה בארה"ק שלא להנות מצפרני רשעים אפי' בזוז כל שהוא

הנהלת אחיעזר קרית יואל

פון אינעווייניג.

אָן ערנסטקייט איז געפאַלן אויף זייער פנים ווען זיי האָבן געזען דעם טאַטן, אַז ער זיצט איינגעהילט מיט זיין טלית און תפילין שטאַרק פאַרטיפט אין לערנען און דאָס פנים איז אים צוקאָכט.

זיי האָבן פרובירט צו רעדן צו אים אָבער קיין ענטפער האָבן זיי נישט באַקומען.

דאָ זענען זיי ערשט דערשראָקן געוואָרן, זיי זענען גאָרנישט געוואוינט צו זען אַזעלכע זאַכן ביי אים, און ווער ווייסט וואָס עס איז דאָ חלילה געשען פלוצלינג, קען ער ח"ו מער נישט רעדן אַז ער רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט פון מויל?

אַלע זענען זיי געבליבן שטיין אין די שטוב מיט די אָפענע טיר, נעבן אים, וואַרטנדיג צו זען וואָס דאָ וועט געשען. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט פון מויל מורא האָבנדיג ער זאָל נישט נכשל ווערן אין קיין ליגנט.

מיטאַמאָל קומט אַריין אין הויז דער שכן אַ גוי, און ווי ער האָט קיינעם נישט געזען פאַר זיך איז ער געגאַנגען טיפער אין שטוב ביז ער האָט געזען די שטוב מענטשן שטייענדיג אין די אָפענע ספרים שטוב נעבן פאָטער.

"שכן! גיב מיר דיין האַק! איך ברויך דיר עס באַלד צוריק" - האָט דער גוי אויסגעשריגן הויך אין פויליש.

דער איד זייענדיג פאַרטראַכט האָט ער זיך אַביסל דערשראָקן פונעם גוי, און ער האָט גלייך צוריקגעשריגן: "וואָס ווילסטו? איך האָב נישט קיין האַק"!

די גאַנצע משפחה האָט זיך דערפריידט הערנדיג אַז דער טאַטע רעדט און עס איז זיכער אַלעס אין אָרדענונג און זיי האָבן גלייך פאַרלאָזט די שטוב בארואיגעט, און דער גוי איז אויך גלייך געגאַנגען זיין וועג.

*

דער טאָג איז אַדורך און עס איז שוין געקומען די צייט צו גיין צום רבי'ן אַזוי ווי דער שטייגער יעדן טאָג.

דער איד האָט זיך אויפגעשטעלט נאָך אַ גאַנצן טאָג פון תורה, עבודה, און פרישות, און האָט פאַרלאָזט זיין ספרים שטוב מיט די מחשבה צו גיין צום רבי'ן און זען וואָס עס וועט יעצט זיין ביים רבי'ן...

אַדורכגייענדיג די צווייטע שטוב האָבן זיך זיינע פיס אָנגעקלאַפּט אין זיין האַק וואָס איז געלעגן אונטער אַ שענקל. ווי ער האָט דערזען די האַק איז אים שיעור נישט שלעכט געוואָרן...

ער האָט זיך צואַמענגעקלאַפּט די הענט און אויסגערופן - אַ פאַרלוירענער - "אוי וויי, איך האָב דאָך יאָ געזאָגט היינט ליגנט".

ער טראַכט אַריין און ער דערמאָנט זיך קלאָר, יאָ! דער גוי האָט מיר היינט געפרעגט צי איך האָב אַ האַק, און איך האָב אים אַ פאַרטראַכטער טאַקע ווען מיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרטראַכט וועגן "שווייגן" און נישט ענטפערן קיינעם. האָב איך נישט אינזינען געהאַט און איך האָב געגעבן אַ געשריי צום גוי אַז איך האָב נישט קיין האַק כדי ער זאָל מיר אָפּלאָזן, איך זאָל זיך קענען ווייטער היטן פון שקר...

ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו גיין צום רבי'ן, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט באַרואיגן. אַזאַ דורכפאַל? זיך איינגעשפאַרט, נישט געזען אַ גאַנצן טאָג קיין מענטש פאַר די אויגן, זיך איינגעהאַלטן פון אַרויסרעדן וויכטיגע זאַכן, און נאָך אַלעם האָט אים דער "שקר" פאַרכאַפּט (אַזאַ "שלימזל" צו זיין)?

ער גייט ווייטער און פרובירט זיך צו באַרואיגן, אַ איד דאַרף אַלעמאָל זיין בשמחה...

וואָס איז דען געשען? "נעכטן בין איך דען מער געווען? און אַז כ'האָב יאָ אַרויסגעלאָזט אַ וואָרט שקר פון מויל אומווילנדיג, איז שוין דערפאַר געענדיגט מיט אַלעם ח"ו?

ניין! בשום אופן מ'טאָר זיך נישט פאַרלירן. "עצבות" איז "מעשה יצר". אַז עס איז היינט נישט געלונגען וועל איך פרובירט נאָכאַמאָל.

אַ באַרואיגטער איז ער אַריין צום רבי'ן אין בית המדרש און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען גלייך ווי אַלע אַנדערע חסידים, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט מיט אים.

*

גלייך נאָכ'ן דאַווענען האָט אים דער הייליגער רבי ר' אלימלך צוגערופן צו זיך און האָט אים פאָרגעוואָרפן אַ פראַגע, וואָס דערמיט האָט ער קלאָר דערפילט אַז דער רבי זעט אויף אים פונקטליך אַלעס וואָס עס איז היינט פאָרגעקומען מיט אים.

די ווערטער פונעם רבי'ן האָבן אים זייער שטאַרק באַרירט, אַזוי אַז ער האָט זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרקן געוויין.

ווי דער רבי ר' אלימלך האָט געזען זיין צובראָכנקייט האָט ער זיך אָנגערופן צו אים און געזאָגט:

"זאָלסט וויסן אַז קיין שום זאַך פירט זיך נישט פון זיין אַליין, אַלעס איז אויסגערעכנט און ווערט צוגעפירט פון היכל.



"דיין דורכפאַל" - נעמט זיך דער רבי ערקלערן - איז געווען אַ סיבה מן השמים, אַלס אַ טובה פאַר זיך. דו זאָלסט זיך לערנען אַז אַ איד טאָר זיך נישט נאַרן.

"ווען איך האָב נעכטן געזאָגט אַז אויב אַ איד איז אָפּגעהיטן פון יעדן סאָרט שקר אַ גאַנצן מעת לעת, האָב איך געמיינט אויף אַן אופן אַז ער איז טאַקע "אָפּגעהיטן". יעדעס וואָרט וואָס ער רעדט אַרויס פון מויל ווערט קודם אַדורכגעטראַכט און אַדורכגעזופּט דרייצן מאָל צי עס איז אמת'דיג און ריין, מען היט זיך דאָס מויל שטענדיג וואו מען גייט און וואו מען שטייט, דאָס איז אַן אַרבעט און אַ מדרגה".

"גאָר אַנדערש איז אָבער אַז מען שפּאַרט זיך איין אין אַ שטוב און מען זעט נישט פאַר די אויגן מער ווי די פיר ווענט, וואָס איז דען די גאַנצע גרויסקייט אַז מען האָט נישט גערעדט קיין שקר?"

"אָט דערפאַר האָט מען דיר אָנגעוויזן אַז עס איז פאַלש. מען נאַרט זיך אַליין, היינט בין איך איינגעשפּאַרט און האָב נישט גערעדט קיין איין וואָרט ליגנט בין איך שוין "פאַרזיכערט מיט עולם הבא" און פאַרטיג, מאָרגן קען איך שוין צוריק אַרויסגיין אויף די גאַס"...

"ניין! דאָס איז אַ טעות. זאָלסט טאַקע וויסן אַז איך האָב נאָר געמיינט אויף איינעם וואָס טרעפט זיך יאָ מיט מענטשן, ער האַנדלט און קומט אין באַריר מיט אַנדערע, און אויב עס גייט אַדורך אַזאַ מעת לעת מיט הונדערט פּראָצענטע ריינע און אמת'דיגע דיבורים, דעמאָלט איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט זוכה זיין צו עולם הבא."

**זכותו יגן עלינו, אמן.**





#53

# די תפיסה

## וועט פאַרציילן...

# לאָמיר זיך שעמען פאַר'ן אויבערשטן וועט ער מאַכן אַ משכן אין אונזער הארץ

רירנדע שילדערונגען און ברייוו פון האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה וועבערמאַן שליט"א

די וואך פון פרשת תצוה לערנען מיר אין דער תורה הק' די מצוה פון **"ועשית מנורת זהב טהור"**.

ס'איז דאָ אויף דעם פסוק זייער אַן אינטערעסאַנטע 'מדרש תנחומא', וואָס דער שפת אמת איז דאָס מסביר אין אַ טיפע חסידי'שע וועג.

דער מדרש זאָגט ווען דער אויבערשטער האָט באַפוילן פאר משה רבינו אַז אידישע קינדער זאלן צינדן זיבן ליכטעלעך אין דער מנורה יעדן טאָג, האָט משה רבינו געפרעגט מיט וואונדער: "רבוש"ע, דו ביזט דאָך דער באַשעפער וואָס האָט באַשאַפן ליכטיגקייט, דו דאַרפסט דען האָבן אונזער ליכטיגקייט?".

האָט אים דער אויבערשטער געענטפערט מיט אַ משל:

א גרויסער מלך האָט געזאָגט צו זיין גוטן פריינד אַז ער וועט קומען צו אים אינדערהיים פאר אַ מיטאָג. דער חבר האט ארויסגעברענגט זיין בעסטע שטול, ער האָט באַדעקט זײַן טיש מיט דעם שענסטן טישטוך און האָט ארויסגענומען זײַנע טייערסטע כלים פון קריסטאַל.

אָבער ווען דער קעניג איז אָנגעקומען, איז ער געווען אַרומגענומען מיט קנעכט, וועלכע האָבן באַלאָכטן זיין וועג מיט לאַמטערנעס באדעקט מיט גאָלד. דער בעל הבית האט גלייך איינגעזען אַז זיינע 'שיינע' כלים זענען ממש גאָרנישט קעגן די קעניגליכע רייכטום, דעריבער האָט ער מיט גרויס בושה זיך געאיילט צו דעם אנגעגרייטן שטוב און ער האָט שנעל אַוועקגעלייגט אַלעס וואָס ער האָט אָנגעגרייט.

דער קעניג איז אַריינגעקומען אין שטוב און ער האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס איז דאָ אַ ליידיגע טיש? האָט דעם קעניג'ס ידיד אים ערקלערט אַז ער איז געכאַפּט געוואָרן מיט אַ פלוצים'דיגע געפיל פון בושה. ווען ער האָט געזען אַז דער קעניג קומט אָן מיט זיינע קנעכט וועלכע טראָגן די גאָלד באדעקטע הערליכע לאַמטערנעס, האָט ער איינגעזען אַז זיינע כלים קענען זיך נישט פאַרמעסטן מיט די קעניגליכע ערוואַרטונגען.

אָבער דער קעניג האָט באַפוילן פאר זיינע קנעכט אַז זיי זאלן אַוועקלייגן די שיינע טייערע לאַמטערנעס באַדעקט מיט גאָלד, און ביי דער סעודה זאָל מען זיך באַנוצן מיט די פשוט'ע כלים פון דעם בעל אכסני'!

דאָס האָט דער אויבערשטער געזאָגט פאַר משה רבינו: אודאי האָב איך גענוג ליכט, אָבער איך בין גוזר אַז מיין הימלישע ליכט זאל ווערן אַוועקגענומען לטובת די מנורה, כדי אַז אידישע קינדער זאלן פאר מיר צינדן ליכט אין דעם משכן און אין דעם בית המקדש.

***

ווי פיל שטאַרקער מיר זענען זיך מתבונן אין דעם משל, ווילן מיר אַנטפּלעקן אַ וויכטיגע נקודה. דער קעניג האָט נישט אַוועקגעלייגט זיינע טייערע כלים איידער ער איז אַריינגעקומען צו דעם ידיד אין שטוב. דער מלך האָט געוואַרט ביז דער בעל הבית וועט זיך מודה זיין מיט בושה.

דאָס איז וויבאַלד באמת קומט עס טאַקע יאָ אַז דער קעניג זאָל זיין אַרומגענומען מיט פראַכט און הערליכע כלים. בלויז נאָכדעם וואָס דער בעל הבית האָט אויסגעדרוקט זיין בושה און זיין געפיל פון הכנעה, דעמאָלט האָט דער קעניג מסכים געווען צו נהנה זיין פון די פשוט'ע געצייג.

אָט דער משל רעדט פון אונזער שייכות מיט השי"ת. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל צו מאַכן אַ היים פאַר'ן רבוש"ע אין אונזערע הערצער, אין אונזערע משפחות און אין אונזערע שטיבער. **ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם!**

מיר קליינע מענטשלעך, אומפערפעקטע און באגרעניצטע באשעפענישן, דאַרפן אָבער איינזען אַז מיט אונזערע בעסטע אָנשטרענגונגען, זענען מיר נישט גענוג ראוי צו בויען אַ היים פאַר'ן הייליגן באַשעפער. ווי איידל, ריין און הייליג אונזערע קרבנות זאלן נאר זיין, קענען זיי זיך קיינמאָל נישט פאַרמעסטן מיט די אומגעהויערע לויטערקייט פון דעם אויבערשטנס קדושה.

אַצינד, ווען מיר זען איין אָט דעם אמת, האָבן מיר צוויי אָפּציעס; אָדער קענען מיר לייקענען אונזערע באַגרעניצונגען און זיך אַהערשטעלן אַלס ראוי און פּאַסיג, אָדער קענען מיר יאָ אַנערקענען אונזער קליינע ווערד און שפּירן אן אינערליכע בושה ווען מיר שטייען פאר השי"ת.



דאָס איז נישט קיין בושה וואָס קומט פון שולד געפילן. ס'איז אַ בושה וואָס קומט פון זען אמת'דיגע קדושה. ווען מען וויל זיך פאַרמעסטן מיט די הויכע מדריגות אָבער מען ווייסט אַז מיר קענען נישט.

ווען מיר פילן דעם פּנימיות'דיגן געפיל פון בושה פאַר'ן אויבערשטן, ענטפערט אונז דער קעניג מיט אַ מילדע גוטהאַרציגקייט. ער טרייסט אונז און דערהייבט אונז: "איך האָב אייך נישט געבעטן צו אָנקומען ביז די גרעסטע מדריגות פון מיין קדושה, איך האָב אייך נאר געבעטן אַז איר זאָלט אויסנוצן דאָס בעסטע פון אייער פּאָטענציעל. יעצט אַז איר האָט דאָס געטון, האָב איך אַ נחת רוח דערפון און איך וועל וואוינען אין אייער היים, כאילו ס'איז די קעניגליכע צימער אין דעם פּלאַץ פון דער מלוכה".

אָבער בלויז ווען מיר האָבן דעם אמת'ן געפיל פון בושה, קען דאָס מעורר זיין אַזאַ ענטפער פון אויבן!

***

בושה איז אַן אויסדרוק פון אונזער נשמה, וואָס איז נישט צופרידן אפילו פון אונזער בעסטע השתדלות, ווייל די נשמה ווייסט אַז זי קען טון בעסער.

בושה מיינט ווען מיר אַנערקענען אונזערע באַגרעניצונגען און מיר האָבן דעם רצון אַרויסצוגיין און נתעלה ווערן העכער אונזערע מעגליכקייטן.

אָבער דער רבוש"ע קוקט אַנדערש אויף אונז. דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אונזערע באַגרעניצונגען און ער איז צופרידן פון אונז ווען מיר זענען אמת'דיג דערוועגן, ווען מיר פּרובירן דאָס בעסטע און ווען מיר האָבן אַן אינערליכע בושה אין זיך.

***

שבת קודש איז אַ גוטע ביישפּיל ווען מיר קענען שפּירן אָט די הייליגע בושה.

עס שטייט אַזוי פון תלמידי בעש"ט הק', בשם דעם זוהר הק', אַז יעדן שב"ק רעדן אונזערע נשמות צו השי"ת איבער אונזער אויפפירונג במשך די וואך. ווען שבת קומט אריין און פארדעקט די וועלט מיט קדושה, פאַרשטיין מיר דאַן אַז מיר זענען נישט גענוג צוגעגרייט פאר דעם הייליגן טאָג, מיר האָבן נישט געלערנט גענוג תורה, און מיר האָבן נישט געטאן גענוג מצוות וויפיל מיר וואָלטן געדאַרפט טון דורכאויס די וואָך. פאַקטיש זענען מיר אפשר אפילו דורכגעפאַלן עטליכע מאָל, דאָ מיט אַ כעס, דאָ מיט אַ לשון הרע, דאָ מיט גליסטן, דאָ מיט נישט האָבן קיין יראת שמים, און דאָ מיט'ן זיך לאָזן זינקן אין מרה שחורה.

וויאַזוי קענען מיר אַלזאָ צוקומען נאָנטער צום ליכטיגן פּאָרכטיגן באַשעפער אום שב"ק, ווען אונזער אויפפירונג במשך די וואָך האט בכלל נישט אפגעשפיגלט די קדושה פון דעם גרויסן טאָג שבת?!

דער ענטפער וואָס די חסיד'ישע ספרים זאָגן ליגט אין דעם אויבנדערמאַנטן משל:

ווען מיר פאַרשטיין אונזערע חסרונות און מיר שפּירן אַ געפיל פון בושה און הכנעה, דעמאָלט שמייכלט כביכול דער רבוש"ע מיט גוטהאַרציגקייט און ער נעמט אונז אַרום וויאַזוי מיר קוקן אויס; ווי פּשוט און אומבאאקרוינט מיר זענען.

אפילו ווען מיר שיינען נישט פון גאָלד און זילבער, אפילו ווען אונזער היים איז נישט אויסגעשטעלט ווי אַ קעניגליכע פּאַלאַץ, איז אָבער דער מלך פּאָרט באַקוועם אין אונזערע שטיבער. ווייל ער קען אונזערע באַגרעניצונגען, ער האט זיי באשאפן. און די מציאות אליינס אַז מיר שעמען זיך דערמיט איז מעיד אַז מיר ווייסן פון אונזערע חסרונות.

עס איז נישט גוט צו האָבן עפּעס וואָס מ'דאַרף זיך שעמען דערמיט.

אָבער עס איז גוט אַז מיר שפּירן בושה.

בושה איז אַ מעסעדזש פון דער נשמה. עס זאָגט: דו האסט נישט געלעבט לויט דיינע מעגליכקייטן און דו וואָלסט יאָ געדאַרפט.

עס זאָגט: דו וואָלסט ווען געקענט זיין בעסער און קומענדיגע מאָל דאַרפסטו פּרובירן שווערער.

ווען אדם און חוה האָבן זיך געשעמט האָט זיי דער אויבערשטער געהאָלפן מיט'ן זיי אָנטון ספּעציעלע קליידער.

השי"ת ענטפערט אונז ווען מיר שפּירן פאַרשעמט.

בושה ברענגט אונז צו אַנערקענען אונזערע חסרונות.

בושה ברענגט אונז צו אַנערקענען די קדושה וואָס מיר קענען דאָרט אָנקומען.

מיט בושה איז דאָ אַ פּאָטענציאַל פאר טויש און מיט טויש קומט פאַרבעסערונג.

ווען מיר שפּירן בושה, דאַן טוט דער רבוש"ע אַקצעפּטירן אונזער שוואַכע אויפפירונג כאילו ס'וואָלט געווען בשלימות.

***

די וואך האָב איך געהאַט זייער אַן איבערגעשטרענגטע און פאַרנומענע וואך, צוליב די חתונה פון מיין טאָכטער אי"ה. איך קען נישט מאַכן די פיזישע הכנות אָבער מיין מחשבה און מיין האַרץ איז מיט די משפּחה אויף יעדן טריט און שריט, און די גרעסטע קשיא איז כסף מנלן?

דעריבער האָב איך ממש נישט געקענט לערנען געהעריג, האָב איך געשריבן אַ קורצע דבר תורה. ב"ה אַז זאַכן פאַלן אין פּלאַץ.

איך בין איבערגענומען מיט הרגשים און איך האָף צו זיין דאָרט אי"ה.

**אַ גוט שבת, נחמי'**

**יעדע תפלה מאכט א רושם אין הימל!**

זייט מתפלל אז **נחמי' צבי בן דינה** זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב


# WAREHOUSE FOR SALE!



- 26,000 SF of industrial space vacant
- Beautiful Offices
- I-2 Industrial, Manufacturing, Warehouse
- 3 Phase Power

CALL MENDY
929-234-0347

20 MIN FROM MONROE - IN MIDDLETOWN NY

# קאָמערציאַלע עלעקטעריק קראַפט אריינגעצויגן איבערן גאַנצן ריזן שטח המוסדות אין בלומינג גראוו



נאך הארעוואניע פון לאנגע חדשים האט די או ענד אר עלעקטריק פירמע אינסטאלירט נייע מאסיווע 'עלעקטריק זוילן' פארן באנוץ פונעם ריזן שטח המוסדות



נייע עלעקטריק קראפט וועט דינען אויך פאר די עקזיסטירענדער 'בנין אברהם יאקאבאוויטש' וואו עס לערנען יעצט 500 תלמידים פון כיתות ד' ה' ו'



שטח המוסדות איז זינט איר באנייאונג געפיטערט געווארן מיט די הילף פון מאסיווע 'דזשענערעיטארס' וואס האט אפגעקאסט שווערע געלטער פאר די מוסדות אבער איז געטון געווארן בהכרח גדול צוליב די אומגעהויערע וואוקס בקרב המוסדות בליעה"ר

## איילענד טיים מעגא סופערמארקעט





צוים ארום ריזן שטח ארומגענומען מיט אלע סערוויסעס וואס די מעגא סופערמארקעט אנטשפרעכט אהערצושטעלן צו סערווירן די גאנצע שטאט מיט די העכסטע קוואליטעט אינעם גיגאנטישן 20,000 ס"פ סופערמארקעט מיט הונדערטער פארקינג ערטער

# ביהמ"ד ישמח משה דקיט"ל - פארקינג



פארקינג שטח צופיסנס פון ביהמ"ד 'ישמח משה' דקיט"ל אויף ישראל זופניק נארוואס פארענדיגט מיט פילצאליגע פארקינג ספאטס אויף די גאנצע לענג פון ישראל זופניק ביזן ביהמ"ד למען באי בית ה'



מערקט אנגייענדע ארבעט ביים נייעם 'היכל התורה' וועלכע וועט ווערן פאראייניגט נעבן דעם מקוה אריינגאנג לעסוק בדברי תורה



ארבעט זעצט פאר אויף אויפן גרויסן פארקינג שטח ביים רעכטן זייט פון ביהמ"ד

# ביזנעס צענטער - בעיקערטאון



ווענט פונעם ריזיגע ביזנעס צענטער ווערט פארמאכט פארצוזעצן מיט אינטעריאר ארבעט




סקיצע פון בעיקערטאון אריינגאנג צום אונטערערדישן פארקינג לאט

# שכונת לעמבערג - וויטעפסק גאס



דאך אויף 2 וויטעפסק ווערט ארויפגעצויגן



פאנדעישאן געגאסן ביי נייע געביידע אויף מעליץ קארנער וויטעבסק

# דירות געביידע אויף ירושלים



קרעין אינסטאלירט ביעמס אויפן ערשטן דירות געביידע אויף די ירושלים גאס אונטער די בית השחיטה





ארבעט ווערט מיטגעהאלטן פון געריכט הויז אויף בעיקערטאון

# חברים קרית יואל







נייע געצייג פון חברים ווערט גענוצט צו באסטן א עלעקטריק קאר מיט א ספעציעלע בעטערי בוסטער

# חברים טרענירונגען - וואלד הייקינג



דורכאויס טרענירונגען אין הייקינג אינעם גרויסן וואלד נעבן געזאגי פארק און שטח המוסדות
אויף מאונטען ראוד האט 'חברים' אנגעטראפן א אור אלטע קאר 'סטאק' אונמיטן וואלד...



חברים מיטגליד באטראכט אלטע אויוון אין א חורבה אונמיטן די וויסטעניש





אל תתייאש... חברים פרובירט מחי' מתים זיין דעם אלטן קאר



חברים אין וואלד



# חלוקה קרית יואל

## ע"י העסקן החשוב ר' יושע קארנבלי הי"ו



הוטן לכבוד פורים פארטיילט ביים גרויסן חלוקה פארלאפענע וואכן



נייע פראדזשעקטערס איינגעקויפט צו באלייכטן גרויסע שטחים דורכאויס די חלוקות



ריזיגע שיפמענטס פון ווערדפולע אייטעמס צו פארטיילן פאר תושבי העיר - וצדקתו עומדת לעד



חתן ביום חופתו א מיטגליד אין די מאנסי חברים זיך אפגעשטעלט
העלפן א איד זייענדיג אויף די וועג צו זיין אייגענע חתונה



ידידים פון קרית יואל שטעלן ווין... יעדע מיטגליד מיט איין באטל ווין האט פארמירט דעם הערליכע
אות הוקרה פאר העסקן הר"ר ארי' הערשקאוויטש הי"ו העומד בראש המפעל 'ידידים' קרית יואל






שיינע ציבור זיך משתתף ביים סעודת פורים קטן אין קרית יואל בהשתתפות הגה"ק הפ"ר שליט"א



ופתח התיבה בצידה תשים




8 פרישע מיטגלידער אנגעשלאסן אין די חברים אוו ארענדזש קאונטי צו שטיין צוהילף
פון די טויזנטער אידישע פאמיליעס תושבי קרית יואל והגלילות וגלילי גלילות



געכאפט א היטש אין ישיבה



קליינע פייערל צו ווארימען די שטאט אין די יעצטיגע פראסטיגע טעג




א הארציגן אפעטיט...




דירות פראיעקט אין ווילעדזש אויף פעסעלוועניע קארנער מעריוואלד מיט א רייע הייזער ארויפגעצויגן



ספעציעלע שטעקן אפצושליסן די ירושלים'ער גאסן אין פאל פון הפגנות



הילף ארייגערופן ביים גרויסן ביהמ"ד צו האלטן א אויג אויף די שטאט ארדענונג




# א וויכטיגע מעלדונג פון חברה הצלה!

דעריבער האט חברה הצלה אונטערגענומען די איניציאטיווע צו לעזן דעם פראבלעם און מיר שיקן אייך דא ספעציעלע 'נומבער-סטיקערס' ארויפצולייגן אויפן פאסט קעסטל, און איז אויך ריפלעקטינג צו זיין אנזעהבאר ביינאכט, קלעבט דאס ארויף אויף ביידע זייטן פונעם פאסט קעסטל, אזוי אז עס זאל זיין לייענבאר פון דערווייטענס.

און זכות פון טוהן אונזער מינימאלע השתדלות זאלט איר נישט דארפן צוקומען צו חברה הצלה, וה' ישמור צאתנו ובואנו, אמן!

געדענקט דאס איז פאר אייער טובה!

ונשמרתם מאוד לנפשותיכם!

הנהלת חברה הצלה קרית יואל

פאלגנד זענען עטליכע אנווייזונגען:

- מאכט זיכער אז דער פלאץ ווי דאס וועט ווערן אריינגעקלעבט איז ריין און פארמאגט נישט קיין וועלכע שמוץ.
- לייגט דאס נישט ארויף און א נאסע אדער זומער וועטער ווייל דאן וועט דאס שנעל אראפ פאלן.
- האלט צו די סטיקערס צום קעסטל פאר עטליכע סעקונדעס כדי עס זאל ווערן גוט צוגעקלעבט.

וויכטיגע מעלדונג פון חברה הצלה פאר תושבים אין ניי קרית יואל




סטעיט פאליצײ שיפל אין קרית יואל




מי כעמך! דעליווערי ווענס העלפן זיך איינע די אנדערע אין צייט פונעם שניי שטורעם





שנהי' לראש... עמעזאן טרעקל געבליבן מיטן הוילן קאפ נאך וואס א באן איז אריינגעפארן אינעם טרעקל. דרייווער ארויס אומבאשעדיגט!




גארנישט קיין וויץ! סטעיט געזעץ אינפארסמענט נאך מסירה אז 'מינטליעף' גיבט פלעסטיק בעגס...



עמידה לברכות אויפן שפיץ גאפל...



פאטהאלס ווערט פאררעכטן אויף די בעיקערטאון ראוד



הצלה, מצילי אש, חברים, עמערדזשענסי טעלעפאן אינסטאלירט
אין גרויסן ביהמ"ד נעבן חדר חיים צבי ליימזידער



קויפט א פת שחרית בשעת איר פיטערט אייער קאר..
נייע דעלי אין די 'קארגא' גאז סטאנציע אויפן רוט 17 עם אין קרית יואל








פערישאוט געלאנדעט אין די אומגעגנט בלייבנדיג שטעקן אינדערהייך... לאקאלע הילפס אגענטורן זוכן אים א וועג אראפ פון בוים...


משנכנס אדר
מרבין בשמחה




Till Rosh Chodesh nisan
25% off

Bright
beautiful
Exclusive designs
Exclusive styles
One day job
We clean after
Low prices
Cheaper elec. bills

Spotlight Pro
Your house bright
lighting installation services.
since 2006
845.537.9787



להשקות צמאי חסדיך: לאנגע טראקטאר טרעילאר אנגעפילט
מיט פלעסטיק קאפס אויפן וועג צו מיטב גראסערי



תרוממנה! נייע עליוועיטאר אין ביהמ"ד הגדול גרייכט 5'טע
שטאק צום באנוץ פון זקני הקהלה און חברי זהב





שורה פון באסעס אויף צענטראלע פארעסט גאס שלענגלען זיך מוצ"ש אהיימצופירן די הונדערטער 'ושננתם' קינדער נאכן מעמד 'צאצאינו' אין גרויסן ביהמ"ד




וועד העירוב מיט פארריכטיגונגען אויפן צוים אויף פארעסטביים שטח ביהמ"ד בית מרדכי לייב דקיט"ל

## נייע שמחה זאל - שכונת סמיט גארדענס






ערשטע שמחה געפראוועט אויפן צווייטן שטאק אין בנין ביהמ"ד לשמחת לב תושבי השכונה



חברים אקטיוו ביי פייער סצענע צו ראטעווען געביידע פון ארויפגיין על מוקדה


וואדבורי פייער וואלונטירן אויף ריזישן נאך פארלעשן די פייער אינאיינעם מיט מצילי אש


פייער אויף איירן אין טאון אוו מאנרא חברים אקטיוו אין טרעפיק קאנטראל און העלפן די פייער וואלונטירן






# בית רחל החדש - מוסדות סאטמאר בארא פארק



שטאק נאך שטאק דערהייבן זיך אינדערהייעך פאר די סאטמארער בית רחל אין בארא פארק



גאלאפירנדע ארבעט פארצוזעצן מיט א פרישע שטאק

# קרוב צו "טויזענט פרישע דירות" ערוואַרטעט בקרוב אין "קרית יטב לב"



"ויהי בונה עיר" ארבעט אנגעהויבן אויף די נייע גאסן אין קרית יטב לב ההולכת ונבנית ביי מאסיווע "עמעראלד דעוועלאפמענט"



הערליכע עיר גדולה לאלקים מארשירט מיט אומגלויבליכע הרחבת גבולי הקדושה: טראק מיט לאנגע פייפס פאר אינפעסטרוקטור ארבעט להרחיב גבולי העיר

# קרוב צו "טויזענט פרישע דירות" ערוואַרטעט בקרוב אין "קרית יטב לב"






ריזיגער שטח ווערט אויפגעגראבן, מערקט אלט קרית יטב לב, אזוי אויך די נייע הצלה סטאנציע

# הייזער אין אָראַנדזש קאַונטי ווערן פאַרקויפט פאר בילַיגער לויט אַ פרישע אַנאַליַז

נייע ציפערן ארויסגעגעבן אין נאוועמבער האט געוויזן אז פאטענציאלע קויפער און פארקויפער אין אראנדזש קאונטי האבן געהאנדעלט אין ביליגערע ציפערן אין פארגלייך צו דעם פריערדיגן חודש: דאס מיטלמעסיגע הויז פון דעם ראַיאָן איז פארקויפט געווארן אין די מאנאט נאוועמבער פאר די פרייז פון 385,000 דאלאר, וואס איז נידריגער ווי די 402,000 וואס זי איז פארקויפט געווארן אין א חודש פריער.

ביז דערווייל איז נאך נישט דא די ציפערן פאר די קומענדיגע מאנאטן נאך נאוועמבער, אבער אויב זאל מען קוקן אויף די איין חודש איז די פרייז פון הייזער געווען נידריגער 4.2% פון א חודש פריער. אבער אין פארגלייך צו א יאר פריער איז די פרייז געשטיגן מיט 5.5%. אום נאוועמבער פון 2022 איז די פרייז פון א מיטלמעסיגע הויז געשטאנען ביי $365,000.

די ציפערן ווערן ארויסגעגעבן דורך דער 'ריעלטאר' פירמע וועלכע דארף צוקומען צו די נומערן דורך קוקן אויף די ריעל עסטעיט דידס. דאס פאראורזאכט אז עס זאל דורכגיין א שפעטיגונג פון עטליכע חדשים ביז מען קען פאקטיש אנאליזירן דעם מצב פון ריעל עסטעיט לויט דעם חשבון.

די מאטעמאטיק וואס די פירמע נוצט צו אויסרעכענען די מיטלמעסיגע פרייז איז דורך קוקן אויף די מיטל פונקט פון אלע הייזער וועלכע זענען ארויסגעלייגט געווארן דורכאויס א געוויסע צייט. דאס איז אין קעגנזאץ צו דעם עווערידזש פרייז, וואס ווערט גערעכנט דורך צוזאמרעכענען וויפיל געלט איז געצאלט געווארן פאר הייזער אין דעם געוויסן געגנט, און דאס צוטיילן לויט די צאל הייזער וועלכע זענען פארקויפט געווארן. די צווייטע חשבון איז נישט אזוי אקוראט און רעפלעקטירט נישט די מארקעט פרייזן, ווייל אמאל קען איין גאר טייערע הויז וואס איז פארקויפט געווארן פאר אסטראנאמישע סומעס אדער א גאר ביליגע הויז וואס איז פארקויפט געווארן פאר פעניס פארדרייען דעם מציאות פון די געווענליכע מארקעט.

# 'אָראַנדזש קאַונטי' באַטראַכט צו אַרויסרוקן אירע מאָטאָר וויהיקעל און געזונטהַייט דעפאַרטמענט אָפיסעס פון ניַובורג

די אראנדזש קאונטי רעגירונג באטראכט א פלאן לויט וועלכע די 'דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקעל' און געזונטהייט דעפארטמענט אפיסעס וועלכע זענען יעצט פלאצירט אין ניובורג וועט ווערן אריבערגעפירט צו דערנעבעבנדיגע שטעט.

די אפיסעס געפינען זיך יעצט אין די געוועזענע וואלווארט געביידע אין די נידריגערע טייל פון בראדוועי איז די שטאט, אבער מיט די פארברעכענס און דראגס וואס איז שטארק אין דעם געגענט וויל די קאונטי אוועקפירן די אפיסעס פון דארט.

דער פלאן איז פארגעשלאגן געווארן דורך דעם קאונטי עקזעקוטיוו סטיווען נויהאוז, וועלכער זאגט אז די אפיסעס קען ווערן אריבערגעפירט צו אנדערע טיילן אין דער סיטי אוו ניובורג אדער צו דערנעבענדיגע שטעט.




# 'ווילעדזש אָוו מאָנראָו' וואלן וועט אָפגעהאַלטן ווערן דינסטאָג ויקרא

די וואלן פאר די ווילעדזש אוו מאנראו וועט ווערן אפגעהאלטן אום מארטש 19 למספרם. ביי די וואלן וועט מען אריינוועלן די דריי קאנדידאטן פאר ווילעדזש פאזיציעס, וואס אנטהאלט צוויי טראסטיס וועלכע וועלן זיצן אויף דעם טערמין פאר פיר יאר, און דער ווילעדזש ריכטער וועלכער וועט אויך דינען א פיר יעריגע טערמין אויף די געריכט.

אויך די אמטירנדע טראסטיס דעבי בעהרינגער און דזשאן קארל לויפן צו אנהאלטן זייער זיץ און דער אמטירנדער ריכטער שטרויס לויפט צו אנהאלטן זיין זיץ.

די וואלן וועלן ווערן אפגעהאלטן פון ניין אינדערפרי ביז ניין אויפדערנאכט. ביי די וואלן וועלן נאר קענען שטימען די וועלכע זענען רעגיסטרירטע ווילער, און מען קען זיך נאך רעגיסטרירן ביז מארטש 8 צו קענען שטימען ביי די קומענדיגע וואלן.




אין אַנדערע נייעס האָט מען ביי דער ווילעדזש באורד זיצונג דעם פארלאפענעם פעברואר 20 געשטימט צו באשטעטיגן א 10 פראצענט שטייער הנחה פאר וואלונטיר עמוירדזשענסי רעספאנדערס און פייערלעשער וועלכע דינען דעם ווילעדזש אמוויניגסטענס פאר צוויי יאר צייט.

די באורד האט אויך געוועלט צו נעמען שריט קעגן עטליכע פראפערטיס וועלכע האבן פארנאכלעסיגט זייער פראפערטי און איר געלאזט אנפילן מיט שמוץ און ברוכווארג. זיי האבן באשלאסן צו שיקן די ווילעדזש רייניגער צו אפרייניגן די שטחים און שיקן א ביל פאר די איינוואוינער זאלן באצאלן דערפאר.

אויך האבן זיי אונטערגעשריבן אן אפמאך מיט א פירמע צו איינהאנדלען סאפטוועיר נויטיג פאר די ווילעדזש אינפרוסטרוקטור, זיי האָבן געגעבן ערלויבעניש פאר די פאליציי דעפארטמענט צו פארקויפן צוויי פון זייערע איבריגע אויטאָס און זיי האָבן באשלאסן צו באצאלן פאר א פירמע צו איבערמאכן געוויסע שאסייען אין די ווילעדזש, וואס רעכענט אריין אויך די שאסייען וואו מען דרייט זיך איין צו אראנדזש טורנפייק, פיין טרי ראוד, סטיל ראוד, סטעידזש ראוד און ריי היל ראוד, און סטעידזש ראוד און מעיפל עוועניו.

# פרישע קאַמערעס אינסטאַלירט אויף מידעלטאָון גאַסן צו פאַרמינערן פאַרברעכנס




פרישע 29 קאמערעס וועלן ווערן אינסטאלירט אויף די גאסן אין מידעלטאון, אין א שריט וואס ווי די פאליציי זאגט וועט אראפברענגען פארברעכענס און העלפן די פאליציי נאכגיין פארברעכער.

די קאמערע אינסטאלירונגען איז ערמעגליכט געווארן דורך א פעדעראלע גרענט פארזיכערט געווארן דורך קאנגרעסמאן פעט רייען אין די סומע פון $300,000. די סטריט קאמערעס איז א וויכטיגע געצייג וואס העלפט ארויס די פאליציי אין פאל פון א פארברעכן אדער עקסידענט און על כל צרה שלא תבוא.

# פינף מיליאָן פונט עסן פון סופערמאַרקעטס אויסגעטיילט פאר אָרימע

אַ געזעץ אדורכגעפירט דורך סטעיט סענאטאר הארקהאם פון פיקסקיל, צו פארלאנגען סופערמארקעטס צו אוועקגעבן זייערע איבריגע עסן וואס זיי וואלטן געלייגט אין מיסט פאר לאקאלע אָרגאַניזאַציעס, האט זיך ארויסגעשטעלט צו געבן אזויפיל ווי 5 מיליאן פונט פון עסן פאר ארימע מענטשן, דורךביישטייערן די עסן צו לאקאלע עסן בענק וואס שטעלן צו עסן פאר נויטבאדערפיגטע.

דאָס געזעץ האט באקומען צוגעטיילט 4.8 מיליאן דאלאר פון די סטעיט דעפארטמענט אוו ענווייראמענטאל קאנסערוואציע באשיצונג פאנד.

# ערשטמאָליגע שטודיע איבער עקסידענטן פאַראורזאַכט דורך פאָליציי אָפיציר̄ן




די ׳יו עס עי טודעי׳ נייעס נעץ אינאיינעם מיט לאקאלע דזשורנאליסטן האבן דורכגעפירט אן ארייינדרינגליכע שטודיע צו אויפדעקן די געוויכט פון קאר עקסידענטן וועלכע זענען פאראורזאכט געווארן דורך פאליציי אפיצירן און די שטראף וואס די באטרעפענדע אפיצירן האבן יא אדער נישט באקומען, אין אן ערשטמאליגע ארייינבליק אין וויאזוי אזעלכע הארבע אינצידענטן ווערן באהאנדעלט דורך די פאליציי דעפארטמענטס איבער ניו יארק.

צווישן די אינצידענטן ציילט זיך אזעלכע געשיכטעס ווי א פאליציי אפיציר וועלכער איז ארייינגעפארן אויף א שנעלקייט אין אן אנגעלייגטע גאס ארייינקראכנדיג אין אן אמבולאנס און איבערלאזנדיג דעם דרייווער מיט א לעבנסלענגליכע וואונד אין האַלז; אדער א פאליציי אפיציר וועלכער איז געפארן אויף 90 מייל פער שעה ארייינקראכנדיג אין א דעליוועריִ יונג, וועלכער איז אלס רעזולטאט אומגעקומען פון זיינע וואונדען.

די שטודיע צייגט אז הונדערטער אפיצירן זענען אומאחריות׳דיג אריבערגעפארן ׳סטאפ סיינס׳ אדער ׳רויטע לייטס׳, אָדער זיך געדרייט געפארפול אויף די שאָסייען.אין פיל פון די פעלער זענען געווענליכע מאטאריסטן פארכאפט געווארן דערין און ליידער נישט איבערגעלעבט, אבער אין דער זעלבער צייט האבן די אפיצירן נישט געווארן דיסציפלינירט, און זענען נישט אויסגעשטאנען קיין שטראפן פאר זייער אומפאראנטווארטליכע דרייוון!

די שטודיע צייגט אויך אז די קרבנות פון פאליציי פאראורזאכטע קאר עקסידענטן ווערן נישט ערנסט גענומען איבער זייערע פארלוסטן וואס זיי האבן געליטן פון די פאליציי־אישע מיסברויכן. ווען די ליידענדע קומען אן אין געריכט ווערן זיי נישט אויסגעהערט ערנסט, און אין די צייט וואס זיי ליידן פון יארן-לאנגע פערמענאנטע פיזישע אדער גייסטישע שאדן דורך די עקסידענטן קומען די פאליציי אפיצירן צוריק צום ארבעט תיכף ומיד אן וואס זיי זאלן ליידן סיי וועלכע שטראף אדער קנס.

די שאקירנדע געפינסן קומט פון א יאר-לאנגע שטודיע וואס די יו-עס-עי טודעי נעץ אינאיינעם מיט א סירעקיוז שולע האט אדורכגעפירט איבער די פאליציי מיסברויכן, נאך וואס די ניו יארקער רעגירונג האט אדורכגעפירט א געזעץ אום 2020 צו פארעפענטליכן די אלע פאליציי דיסציפלין רעקארדס, וואס איז פריער ערלויבט געווארן צו האלטן אין געהיימניס.

באלד ווי דאס געזעץ איז געווארן אדורכגעפירט אין 2020 למספרם, האט דער הויפט פארשער אפגעשיקט אפליקאציעס צו פילצאליגע פאליציי סטאנציעס איבער די סטעיט צו פארלאנגען פון זיי זייערע רעקארדס. ווען ער האט דאס באקומען האט ער דאס געגעבן פאר די סירקיוז שולע, וועמענס סטודענטן זענען אדורכגעגאנגען אלע רעקארדס און פון דארט ארויסגענומען אלע אינפארמאציע וואס איז רעלעוואנט פאר דעם שטודיע.

זייער ערשטע בליק איז געווען צו ארייינקוקן אין די לאקאלע סירעקיוז פאליציי דעפארטמענט. פון די אלע עקסידענטן אין וועלכע פאליציי אפיצירן זענען געווען פארוויקעלט צווישן די יארן פון 2013 ביז 2021 זענען בלויז 237 געווארן דיסציפלינירט, אבער די איבריגע 701 זענען ארויסגעגאנגען אן קיין שום דיסציפלין אדער קנס, אפילו אין אזעלכע פעלער ווי די קראכן האבן גורם געווען ערנסטע שאדן פאר די ציווילע וועלכע זענען געווען פארוויקלט דערין.

די פארשער האבן זיך אבער נישט אפגעשטעלט אין סירעקיוז און זענען געגאנגען צו ווייטער אויספארשן אזעלכע אינצידענטן לענגאויס פילצאליגע מוניציפאליטעטן איבער ניו יארק. ביז דערווייל זענען זיי שוין איבערגעגאנגען 35,000 רעקארדס פון 115 דעפארטמענטס, אין וועלכע עס איז ארייינגערעכנט שטאטישע אגענטורן און שטעטלישע דעפארטמענטס.

דורכאויס דעם שטודיע האבן די סטודענטן איבערגעליינט הונדערטער בלעטער פון דאקומענטן זיך אפשטעלנדיג ביי אינצידענטן אין וועלכע אן עקסידענט אדער עפעס ענליך איז געווען פארוויקעלט. אין א ריזיגע מערהייט פעלער זענען די פאליציי אפיצירן צוריקגעשטעלט געווארן נאך וואס זיי האבן ארייינגעקראכט אין אנדערע אן וואס זיי זאלן אויסשטיין סיי וועלכע שטראפן.

ווען די פארשער האבן גערעדט צו די ליידענדע אין פאליציי קראכן האבן זיי געהערט אז א גרויסער טייל פון די אפיצירן האבן זיך נישט גערעכנט מיט די פאליסי און זיכערהייט שריט וואס איז איינגעשטעלט אין דעם דעפאַרטמענט.

אין לויף פון דער שטודיע האָט מען אויך ארייינגעקוקט אין די טרעינירונג וואס אפיצירן גייען אדורך צו קענען דרייוועו אין געפארפולע סיטואציעס. לויט ווי זיי שרייבן איז בלויז 3 פראצענט פון די טרעינירונג וואס די אפיצירן גייען אדורך קאנצעטרירט איבער דרייוועו.

די יו-עס-עי טודעי שטודיע איז נאך נישט פארענדיגט און וועט אנהאלטן ווייטער אין לויף פון דעם איצטיגן יאר 2024. זיי האפן צו ברענגען באַוואוסטזיניגקייט אז די פאליציי אפיצירן זאלן זיין מער פאראנטווארטליך אויף די שאסייען.

מחניך קדוש



הערשל
זיצט
אין כולל,
אבער ער
קרעכצט
ביטערליך.

# די קיאָסק
# האָט גע׳טוישט
# מײַנע שאיפות.

פון קונה זיין הלכות שבת
צו זיין אפּדעיטעד מיט יעדע נייעס קליפּ.

קיאסק:
פאר טייל א ישועה
פאר אנדערע א תלייה

## אינהאלט


גאסט עדיטאריעל 18

לוח הלימודים בחבורות זכרו 35

שריפטן צום וואכנשריפט 46

משמרת חומותינו 50

א בליק אויף צוריק 54

ציטאטן פון אמאל 56

אן ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו 60

שאלת חכם 66

זמני בית הוראה 68

על הצדיקים 70

תפיסה וועגן 72

בילדער זייטן 74

לאקאלע באריכטן 92

לוח הזמנים לעיר קרית יואל 95

וועטער פון קרית יואל 95



קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 Monroe NY 10949

845-774-6234

845-501-0246

אדווערטייזמענט:
Ads@kyweekly.com

נייעס:
News@kyweekly.com

בריוון:
Letters@kyweekly.com

מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com


**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**


די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.



KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949


### זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קר״ש | מוצאי שב״ק |
| --- | --- | --- |
| 5:33 | 8:422 | 7:01 |

### וועטער

| פרייטאג | שב״ק | זונטאג |
| --- | --- | --- |
| זוניג 47/33 | רעגן 49/44 | פארוואלקנט 60/30 |









































בס"ד
ס'איז
מיטוואך
נאכט,
וועלכע
נעמט
מען יעצט?
ס'איז נייע צייטן!
WE NOW
OFFER
MULTI-DOSE
PACKAGING
RegionRx
PROFESSIONAL & CONVENIENT
845.775.4175
FAX: 845.775.4185
info@RegionRX.com • RegionRX.com
1291 Dolsontown Rd. Middletown, NY
FREE DELIVERY IN KIRYAS YOEL & SURROUNDING AREAS
Hours:
Sun-Thu: 9am to 8pm
Fri: 9am to 1.5 hours
before Zman
אפען מוצאי שבת מיט פולע דעליווערי סערוויס
MGM HelloMGM.com